STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06367

HALUTSIM

N. Y. Gotlib

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. י. גאָטליב

חלוצים

אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט
און מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס

מאָנטרעאל — 1948

PIONEERS

By N. J. GOTLIB

1 9 4 8

Printed by

THE EAGLE PUBLISHING CO., LTD.

4075 St. Lawrence Boulevard,

Montreal, Canada

ג ע ו ו י ד מ ע ט ד ע ר
נייער יידישער מדינה

מיטן חבר אברהם איבערן „ליטווישן גליל"

פון יוגנט פון ווייטער, פון יוגנט פון שיינער
באַווייזט זיך, שווימט אָנעט אַ ליכטיקער פרילינג;
אַ פרילינג אין ליטע, אויף ליטווישע פליינען,
אין געגנט פון באַלטיק, אין קאַנט אינעם שטילן.

אַ ליכטיקער פרילינג, צעווישן חלוצים,
צערוישטע מיט אַרבעט, צעשאַלטע מיט לידער;
אַ ליטווישער פרילינג, מיט ליטווישע קבוצות —
צוועלף קבוצות, ווי שבטים ווי צוועלף אינעם מדבר.

צו קבוצות צו די־אַ — דער „ליטווישער גליל" —
איך בין דאַן געפאַרן אַ חבר פאַרבייטן:
דעם חבר אברהם, דעם לערער פון גליל,
וואָס איז שוין אַן עולה, פאַר „ארץ" שוין צייטיק.

און ס׳האָט שוין אברהם געוואַרט אויף מיין קומען:
געוואָלט האָט וואָס שנעלער פאַרלאָזן דעם גלות;
און באַלד נאָך מיין קומען מיך פירן געגומען
באקענען מיט קבוצות מיט אלע אין גליל.

און אַט איז אַ זונטיק, אַ גלילשער זונטיק.
מיר שפּאַנען פון מעמל, פון הויז פון החלוץ.
און דרויסן צעבלויט איז, און דרויסן צעזונט איז.
און גרינג — דער אַרויסמאַרש דער ערשטער אין גליל.

דער חבר אברהם, אַ הויכער, אַ שמאָלער,
מיט ברילן אויף אויגן אויף קאַרע, פאַרקלערטע,
ער שפּאַנט און דערציילט מיר פון לעבן אין גליל,
און ברומט זיך דערביי צו א ניגון אָן ווערטער.

און איך הער זיך איינעט. און אויגן און מיינע,
זיי הערן ניט אויפעט, פאַרגאַפטע, צו שלינגען
די הימלען די גראָמע, מיט בלויקייט וואָס שיינען,
די פעלדער, צעגרינטע מיט גראָזישע צינגער.

ס'איז אַלעס מיר ניי דאָ — די הייכן, די ברייטן,
דאָס טרעלן פון פייגל, דאָס זשומען פון בינען,
די ווינטלאַד די לינדע, די פאַרביקע קווייטן,
פון הייען און זאַנגען די דופטן די דינע.

און ס'וויקלט אין זונליכט אַ שליאַד זיך אַ גלאַטער,
אַ שליאַד אַ באַוואַכטער פון זייטן פון בײדע
מיט קליאַנען מיט שלאַנקע אין בלעטער־געפלאַטער,
מיט ביימער פון עפּל אין צוויטיקע קליידער.

און מיר אויף אים שפּאַנען. און חבר אברהם,
ער רעדט אַלץ, דערציילט אַלץ און ברומט זיך זיין ניגון;
און ס'קניפּן זיך רגע'ס, און ס'קייטלען זיך שעהן,
וואָס טוען מיט טרוימען מיין זעלע באַפליגלען.

איך בין דאָ, אַ חלוץ אַ יונגער, געקומען
פון שטאָטישער ענגשאַפט, פון ארימע גאַסן,
פון זאַרגן פון גרויע, פון נויט און פון אומעט, —
מיט כוח מיט קנאַפּן, מיט באַקן מיט בלאַסע.

געקומען מיין לעבן מיין מידן באַנייען,
מיין יידישן גורל מיין שווערן פֿאַרבינדן
מיט גלילשער יוגנט מיט בראַוער, מיט פֿרייער
און בריקן און אַלע אַהינטער זיך — צינדען.

און ס׳קוועלט אַן אין הארצן א פֿרייד אזא גרויסע.
און ס׳ווילט זיך וואָס גיכער דעם גליל שוין קענען,
די קבוצות די אַלע, מיט חברה וואָס רוישן
און — געבן מיין מי זיי, מיין לערערשן ברענען.

און — כ׳ווער אומגעדולדיק . . . נאָר אָט, פֿונדערווייטן,
אַ נחלה דערנענט זיך, אַ היפּשער מאַיאַנטעק;
מיט יוסטע בנינים, באַפּאַרקנט גאָר לייטיש,
מיט ערדן אַרום זיי — אין פֿרילינגשן אַנטאָן.

— אַ יעקישער פֿולוואַרק. ער רופֿט זיך לומפּענען. —
דערקלערט מיר אברהם. — דאָ אַרבעט אַ קבוצה.
דו זעסט דאָרט די מענטשן, אין טאָלכל אין יענעם,
זיי טוען דאָרט עפּעס, — דאָס זענען חלוצים.

און אָט איז די קבוצה. אַ שטיבל אַ קליינינק.
צוויי צימערלאַך — ברעקלאַך. אַ פּיצינקע קיכל.
גאַרדינען אויף פֿענצטער. געלעגערס גאָר ריינע.
אַ טיש, אַ פּאָר בענקלאַך, אַ שראַנקל מיט ביכער.

און ס׳נעמט אונז דאָ אויפֿעט די חבר׳טע שרה —
אַ ברייטע בחורה, מיט אברים מיט שווערע;
זי שטייט ביי דער פּליטע, מיט טעפּלאַך זיך פּאָרעט,
זי גרייט פֿאַר דער חברה „ארוחת הערב״.

און חברה פאַרענדיקט די פרילינגשע אַרבעט:
אין פעלד און אין גאָרטן, ביים פלאַנצן און זייען,
און טאָג און צעזונטער, ער האַלט שוין ביים שטאַרבן,
די שטראַלן די לעצטע אין מערב פאַרגייען.

און אַט זיך דערטראָגן געזאַנגיקע קולות,
אַ קלאַפּן פון קלומפּעס, אַ טופּן פון שטיוול,
און ס'פּראַלט זיך די טיר אויף און יוגנט אַן עולם,
ער רייסט, אַ פאַרשייטער, אריין זיך אין שטיבל.

פאַרברוינטע בחורות, פון פּראַצע פאַרשוויצטע,
בחורים מיט פּלייצעס — אַ וואַנט פון אַ מויער;
און ליפּן — צעשמייכלט, און בליקן — צעבליצטע,
און ס'אָטעמט פון יעדן מיט שטאָל און מיט רויערד.

זיי טוען צום ערשטן די הענט דאָ זיך וואַשן,
און דלאָניעס און האַרטע זיי שטעקן מיר נאָכדעם,
און רופן אויס נעמען: ציפּורה און בתיה,
עזריאל און ברוך, דניאל און נחום.

און חברטע שרה, זי טראָגט שוין פּאַטראָוועס
צום טיש צום געגרייטן, באַשטעלטן מיט טעלער;
און עולם צום עסן זיך נעמט מיט התלהבות;
און ס'וועקט אויך אין מיר זיך צום עסן אַ וועלער.

און כ'זיץ שוין, ווי אַלע, און קיי מיט התמדה
„כדורים" געשמאַקע און — קוק מיט התפּעלות,
ווי ס'ווערן די טעלער אַלץ מער אויסגעלאָדן,
ווי ס'לויפן די לעפל די פולע צו מיילער.

און חברטע שרה דערלאַנגט שוין „הוספות״,
און עולם, ער רייבט אַלץ אויף באַקן ביידע;
אַזוי — ביז די סעודה די פּראָסטע צום סוף איז,
און ס׳ווערט פון די כלים דער טיש אָפּגעליידיקט.

און ס׳נעמט זיך אברהם גאָר ערנסט אַצינדער
צו גייסטיקע שפּייזן — צום וואָרט און צום שמועס;
און אַלע חלוצים, ווי פֿאָלגיקע קינדער, —
זיי בליקן צום לערער און הערן זיי טוען.

און ס׳ציט זיך דער שמועס אַ שעה און אַ צווייטע,
און חבר אברהם צעברענט זיך אַלץ מערער;
און חברה, מיט אויגן און אויערן גרייטע, —
זיי שלינגען די ווערטער, זיי טוען אַלץ הערן.

נאָר אָט איז דער שמועס דער הייסער געשלאָסן
און צאַרט און פֿאַרחלומט אַ זמר פֿאַרציט ווער,
און האַרץ מיינס, עס טוט זיך מיט תענוג אַ גאָס־אָן,
און ס׳נעמט מיך אַרומעט אַ פֿריידיקער ציטער.

און — זינגען איך העלף שוין, און אַלע שוין זינגען,
און ס׳טוט זיך דער עולם אַלץ מערער צעברענען,
און ס׳טוט שוין די קבוצה די קליינינקע קלינגען
ביז אַנקום פון מיט־נאַכט, ביז קרייען פון הענער.

דאַן בעט מען זיך אויסעט. מע לעשט אויס דאָס פייער.
און ס׳נעמט זיך אַ שנאָרכן צעטראָגן פון בעטן — —
און ס׳וועקט מיך פון שלאָף אויף אַ מאָרגן אַ נייער.
און קבוצה׳שער זייגער באַווייזט מיר: שוין שפּעט איז.

שוין אַרבעטן אַלע. ניטאָ דאָ שוין קיינער.
בלויז איך און אברהם, און חברטע שרה.
און שטיל איז אַצינדער אין שטיבל אין קליינעם.
און ס׳בליקט אין די שויבן אַ טאָג אַזאַ קלאָרער.

און חבר אברהם איז גרייט שוין צום פרישטיק
און — הייסט מיר זיך אַנטאָן: מ׳עט עסן צוזאַמען.
און באַלד נאָכן פרישטיק, אַ מאָרגנדיק פרישער,
ער ווענדט צו מיר זיך: נו, יצחק, מיר שפּאַנען.

און ווידער מיר מעסטן אַ שליאַך אַ צעזונטן,
און ווידער מיר שניידן צעפּרילינגטע ברייטן,
און חבר אברהם, ער זמרט זיך אונטער,
און — ס׳ווינקט שוין פונווייטן אַ קבוצה אַ צווייטע.

פון קבוצה צו קבוצה

פון קבוצה צו קבוצה אויף גלילשע וועגן.
ווי ערדן אין פרילינג, זכרונות זיך וועקן,

זכרונות פון פעלדער חלוציש צעבליטע,
זכרונות פון קבוצות פון צוועלף אין דער ליטע.

ס׳האָט חבר אברהם פאַרלאָזט שוין דעם גלות
און איך בין אַצינדער דער לערער אין גליל,

א לערער ביי הונדערט און פופציק חלוצים
און — שפּאַן דאָ ארומעט פון קבוצה צו קבוצה.

א לערער, א חלוץ, מיט חלום אין בליקן,
וואָס טוט זיך מיט ערדן מיט גראָזיקע קוויקן,

מיט זאַפטיקע פעלדער, צעגרינטע און ווייכע,
מיט קווייטן־קאָלירן, מיט ביימערשע ריחות.

ס׳איז פרילינג אינדרויסן, די הימלען — אין בלויען,
אויף ביימער די בלעטער — אין פינקלענדע טויען,

א זוניקע העלקייט אויף אַלע ארומען
און ווייט איז ער איצטער, דער היימישער אומעט.

דער שטוביקער אומעט, אין קאַוונע אין שטילער.
די אַרימע היים מיין, אין פרומקייט, אין תפילה.

די נויט און די זאָרגן אין ווינקלען אין גרויע.
פון מאַמע און שוועסטער און ברידער דער טרויער.

ס׳איז ענג מיר געוועזן אין זייער רשות דאָרט.
ס׳האָט מאַמע א „תכלית״ פאַר מיר אַלץ געזוכט דאָרט.

ס׳האָט מאַמע געפּרוווט אַלץ מיר ריידן א שידוך
און — פירן איך זאָל זיך, ווי ס׳פירט זיך ביי יידן . . .

נאָר מיך האָט געצויגן צו וועלטן צו נייע.
כ׳האָב מער ניט געקענט שוין, ווי פריער, פאַרדייען

די סביבה די ענגע פון קלויזן און קראָמען,
די מורא די גרייזע פאַר גוי און פאַגראָמען.

ס׳איז ענג מיר געוואָרן אין געסלאַך אין שמאָלע,
מיט שטיבלאַך מיט אַלטע, באַשטעמפּלט מיט גלות;

מיט דאָגת-פּרנסה — כסדר, דורך וואָכן,
מיט מצוות, עברות, מיט געטלאָכע יאָכן.

ס׳איז פרעמד מיר געוואָרן דער דרך פון טאַטן . . .
און כ׳האָב זיך געפּלאָגט דאָרט, און כ׳האָב זיך געמאַטערט;

אין ביבליאָטעקן א רעטונג געזוכט זיך —
אין וועלטלאָכן וויסן, אין ביכערשע פרוכטן;

פאַר גוף און נשמה געזוכט דאָרט אַ תיקון;
צו העלדן, אידייען געוואָרפן דאָרט בריקן . . .

געפּאַרשט דאָרט דאָס לעבן פון פרעמדע מדינות;
מיט ווייטע מקומות באַשפּונען מיין זינען. . .

נאָר מערער פון אַלע מקומות די ווייטע
האָט ציען גענומען דאָס לאַנד פון פאַרצייטן,

דאָס לאַנד פון די אָבות, די בערג און די טאָלן,
די שטיינער, די זאַמדן, — באַהויכטע מיט חלום;

דער זוניקער ירדן, דער בלויער כינרת,
די דאָרטיקע יוגנט — ביי אַרבייט ביי שווערער;

די יידישע יוגנט, וואָס אַקערט און זייט דאָרט,
וואָס פלאַנצט דאָרט אין שווייסן און שניידט דאָרט אין פריידן,

וואָס לייגט אויס שאָסייען, ישובים וואָס שטעלט אויף,
וואָס בויט אויף אַ לעבן אויף חרובע וועלטן.

דאָס לאַנד פון די אָבות . . . און טרוימען און העלע
גענומען עס האָבן באַהערשן מיין זעלע.

און אויג מיינס געזוכט שוין האָט ביכער אַזוינע,
וואָס טוען מיט „ארץ‟ מיין חלום באַקרוינען. . .

און כ'האָב זיך פאַרשיכורט מיט „אהבת ציון‟,
און „טרוימער און קעמפער‟ געמאַכט מיך האָט גליען,

און פייערבערג, ברענער און פינסקער און הערצל
באַגייסטערט מיד האָבן צו פאָרן אַהערצו,

אַהערצו, אין גליל, אויף ערדישער פּראַצע.
אַט דאָ, מיט חלוצים מיט יונגע, מיין פּלאַץ איז.

אַט דאָ דער באַשייד איז פון לעבן פון מיינעם.
אַט דאָ וועט מיין לעבן מיט זון זיך צעשיינען.

אַט דאָ וועט מיין כוח מיט שטאָל זיך באַלאָדן —
פאַר ליכטיקן מאָרגן אויף אייגענעם באָדן...

און כ׳בין אַט אין גליל. א לערער דערוויילע.
און כ׳מעסט דאָ פון קבוצה צו קבוצה די מיילן.

און פרילינג איז איצטער, די ערדן — צעבליטע.
די רוימען — מיט טרעלן מיט צאַרטע צעציטערט.

א רחבות א קלאָרע ביז הימלשע ברעגן.
און — ליכטיק מיין גאַנג איז, און פריידיק מיין וועג איז.

איך גיי זיך געלאַסן און בליק צו די פעלדער,
צו גרעזלאַך צו גרינע, צו בלימלאַך צו געלבע;

צו פּויערשע, קליינע און אָרימע כאַטעס,
צו פריצישע הויפן, צעוואַקסענע, זאַטע...

אַט פאַכט דאָרט א ווינטמיל מיט הילצערנעם פליגל.
אַט טוט אויף א ווערבע א ווינטל זיך וויגן...

אַט טרעט דאָרט אַ פּויער נאָך פערד און נאָך אַקער.
אַט הערט פון אַ האָן זיך אַ קריי אַ געשמאַקער . . .

איך גיי זיך געלאַסן און קלער פון די קבוצות,
פון קבוצהשן עולם — חלוצים, חלוצות;

איך קען זיי שוין אַלע — די פּנימער, נעמען,
איעדנס רגילות און — טיפער נאָך וועמען . . .

זיי זענען מיר נאָענט. איך ליב זיי. באַוווּנדער:
אַזעלכענע בראַווע און קרעפטיקע יונגען;

אַזעלכענע דרייסטע און פעסטע בחורות; —
מיט אַרבעט מיט האַרבער צעברויזט און צעשטורעמט.

זיי קומען פון שטעטלאָך פון מאַכיקע, גרויע,
פון אָרימע היימען — פאַרדאגהט, פאַרטרויערט,

פון מעקלערשע טאַטעס, פון פעטערס — כלי קודש,
פון וויסטע פּרנסות — אַ ווינט און אַ בוידעם.

און רייסען דאָ איבער ירושה פון דורות.
און נעמען צו מי זיך צו שווערער אָן מורא:

צו פלאַנצן און זייען, צו שניידן און דרעשן;
און טוען אָן לידער און טענץ ניט פאַרגעסן . . .

זיי זענען מיר טייער. איך בין זיי מקנא.
ווי זיי דאָ, מיר ווילט זיך אַרויס אויף די לאַנען

און רייסן די גרונטן און שניידן אין פּאַסן
און — ווערן מיט שווייסן מיט הייסע באַוואַשן. . .

ווי זיי דאָ, מיר ווילט זיך ארויס אויף די פעלדער
און קאַסיען דעם קאָרן דעם גאָלדיק צעהעלטן,

און בינדן אין גאַרבן, און פירן אין שייער
און — פילן, ווי ס׳טוט זיך מיין לעבן באנייען . . .

ווי זיי דאָ, מיר ווילט זיך אי מעלקן בהמות,
אי פירן אַ טראַקטאָר, אי קאַרטשעוועןביימער;

און בויגן מיין נאַקן פאַר יאָכן — אַלץ שווערער, —
פאַר דאַרטן, פאַר ״ארץ״ כדי מוכשר־צו־ווערן.

נאָר קנאַפּ איז דערוויילע מיין פיזישער כוח
פאַר קאָסע און רידל, פאַר קי־שטאַל און רויערד.

מיין גוף איז אַ דאַרער, מיין פּנים — אַ בלאַסער:
סימנים פון דינען דעם ״הענט־ניט־געוואַשן״;

סימנים פון תהילים פון טאַטעשן, גראַבן,
פון מוסר און חסידות, פון לערנען און ״זאָגן״;

סימנים פון היים מיין, פון ענגער, פאַרגרויטער,
אַן לופט און אַן זונשיין, אין שטענדיקע נויטן;

סימנים פון שטרענגע און פאַרכטיקע זיידעס,
פון לעבן אַ לעבן אַן ערדישע פריידן,

פון געטאַשע געסלאַך פון שמאָלע און קרומע,
פון פליען אין הימלען אין הייליקע, פרומע.—

איז בין איך דערוויילע א ,,וואַגלענדער לערער״:
פאַרבייט דאַ אַברהמען, וואָס איז שוין אין ,,ארץ״;

און שפּאַן דאַ ארומעט פון קבוצה צו קבוצה,
און לערן מיט הונדערט און פופציק חלוצים.

איך טראָג א פאַרטפעל דאַ מיט זיך אונטער אָרעם,
געפּאקט מיט זשורנאלן, מיט צייטונגען, ספרים, —

,,תוצרת הארץ״. . . פאַר גלילשן עולם,
פאַר צוהערער גוטע, פאַר אויפנעמער ווילע.

אינאָוונט, אין קבוצה, נאָך שווייסיקער ארבעט,
נאָך וועטשערע פראַסטער, פאַרקאַשערט די אַרבל,

צעשפּיליעט די העמדלאַך, מיט ברוינע געזיכטער, —
זיי זיצן געשפּאַנטע, אין ראָד אין געדיכטן.

און איך זיך אינמיטן, און לייען פון צייטונג,
וואָס שילדערט דאָס לעבן פון נאָענטע וייטן. . .

דאָס לעבן פון יידן אויף אייגענע גרונטן —
אין מי פראָדוקטיווער, אין פראַצע געזונטער.

און איך זיך אינמיטן. פון ספר איך לייען:
אַ זמר פון שלאָנסקי, וואָס דופּטעט מיט הייען,

א סיפּור פון בורלאַ — עקזאָטיש און פאַרביק,
פון אַחד העמען א מאמר א האַרבן. . .

און איך זיץ אינמיטן, און טו רעפערירן
פון קיבוץ־פּראָבלעמען, פון קבוצהשער פירונג,

פון היגער באַוועגונג, פון פראגן לאָקאַלע,
פון וועלטלאַכע פראגן — אין לענדער איז אַלע.

און נאָכדעם, נאָך שעהן פון לעזן און ריידן,
צעזינגט מען זיך האַרציק, צעזינגט מען זיך פריידיק

און מ׳גייט אויך א הוירא א היציקן, לאנגן, —
אַזש שויבן זיך טרייסלען פון טענץ און געזאַנגען.

און נאָכדעם, אינצווייען, אינדרייען אין בעטן, —
מע ליגט און מע כראַפּעט אין נאַכט־שעה אין שפּעטער,

מע זאַמלט אַן קרעפטן פאַר מאָרגיקע פליכטן —
אין פעלד און אין גאָרטן, אין שטאַל און אין קיך־שטוב.

און נאָכדעם, באַגינען, דער מזרח שוין ראָז איז,
צעוועקט מען זיך איילִיק און פלינקע, ווי האָזן,

מע שפּרינגט פון די בעטן, די בגדים מע טוט אָן,
מע וואַשט זיך, מע עסט אָפּ און — האָב מיר א גוטן! . . .

און איך בלייב אַליין דאָ, און ליג נאָך און דרעמל.
ביז גאָלדענע זונשיין דערשפּירן די ברעמען,

די אויגן, דאָס פּנים, דער קערפּער דער גאָרער
און — ס'הויבט מיך פון בעט אויף א מאָרגן א קלאָרער...

און פירט מיך ארויסעט אין פרילינגשן דרויסן,
און ווייזט מיר א הימל א טיפן, א גרויסן,

און צייגט מיר א ברייטקייט באַזילבערט מיט טויען,
און — נעמט מיך אַוועקעט אין ווייטן אין בלויע:

אויף וואָגל אויף פרישן, מיט וועגן, וואָס פירן
צו נייע, צו ליבע חלוצישע טירן;

אויף וואָגל אויף פרישן, אין גליל פון ליטע,
מיט פרילינגשע פעלדער, חלוציש צעבליטע.

דער יאַקינער גדוד

ווי אינזלען ווי העלע, צעבליטע
(אין ימען אין גרויע פון גלות),
געפרײלינגט עס האָבן אין ליטע
צוועלף קבוצות — אַ ליטווישער גליל.

כ'האָב אַלע זיי נאָענט געקענט דאָרט:
בין לערער אין גליל געווען,
פון קבוצה צו קבוצה געוואַנדערט,
פאַר חברה גערעדט און געלעזן; —

איז וויל איך אין שורות אין קורצע
(אויף וויפל איך וועל עס נאָר קענען)
דערציילן פון איינער אַ קבוצה
אין ליטווישן גליל אין יענעם.

„דער יאַקינער גדוד" איז איר נאָמען.
אַ חברה — צו זיין זיי מקנא:
בחורים, ווי קרעפטיקע קלינאָען,
בחורות, ווי זאַפטיקע טאַנען.

געאַרבעט עס האָט דאָ יהודה.
געווען אַפריער אַ שוסטער.
און איצטער, אין יאַקינער גדוד, דאָ, —
פאַר „לאַנדקנעכט" פאַר אַלע אַ מוסטער.

געאַרבעט עס האָט דאָ בצלאל.
געוועזן אפריער א שניידער.
און איצטער — אַ מוסטער פאַר אַלע
ביים פלאַנצן, ביים זייען, ביים שניידן.

און פּייווע, פון גליל דער „זיידע״, —
אַ בחור אָן אַלטער, אַ שטילער;
אַ נעם-טאָן אין הענט זיינע ביידע
צוויי זעקלאַך מיט תבואה — אַ שפּיל איז.

און יאַנקל און אַרקע און שלמה,
חלוצים מיט אַייזערנע נאַקנס, —
די פלינקסטע ביים האַקן די ביימער
אין וואַלד ביי דעם פּריץ פון יאַקן.

און רבקה און עלקע און אסתר
(מע רופט זיי אין גליל „די גראַציעס״) —
אין גאָרטן, אין קיך-שטאַל די בעסטע,
די בעסטע ביי יעדן סאָרט פּראַצע.

און אַלע אין יאַקינער קבוצה —
די העכסטע און שטאַרקסטע אין גליל. —
האָט טאַקע פון זיינע חלוצים
דער פּריץ פון יאקן געקוואָלן:

— אַ קליינקייט — זיינע חלוצים;
אַזעלכע איז שווער צו געפינען;
אָט בלויז מיט אַזעלכענע קבוצות
זיך בויען עס וועט פּאלעסטינע . . .

און ס׳האָט אויך דער גליל געגרויסט זיך:
— איך שפּילט זיך מיט יאַקינער עולם;
ער גייט מיט די קאַסעס אַרויסעט,
איז ווערט פון אַ פעלד — אַ בית־עולם! . . .

היינט קענען די גדודניקעס עסן —
ווי „לאַנדקנעכט״, ווי פּויערים עכטע;
דער יינגסטער אין קבוצה — בלויז העסקע
„כדורים״ אַ צוואַנציק צערעכט מאַכט . . .

היינט קענען די גדודניקעס זינגען,
זיי הערן — איעדער איז קאַנטענט;
פון זייער אַ ניגון טוט קלינגען
דער יאַקינער גאַרער מאַיאַנטעק.

און טאַנצן אַ הוירא זיי קענען,
און פירן דיסקוסיעס גאַר היציק
(די מיילער, מיט שאַרפזין זיי ברענען,
די בליקן, מיט קלוגשאַפט זיי בליצן). —

איז יאַקינער גדוד אַ באַוווסטער
אין קבוצות אין אַלע פון גליל;
האָט יעדן קיין יאַקן געגלוסט זיך,
האָט יעדער פון יאַקן געחלומט.

און איך, אויף מיין וואַנדער אין גליל,
אין שפּאַנען פון קבוצה צו קבוצה, —
אויך איך האָב ניט איין מאָל געחלומט
פון יאַקן מיט אירע חלוצים.

איך האָב זיי מיט קנאה באַוווּנדערט;
אַזעלכענע ברייטע און הויכע;
מיט זיי וועט דאָס טייערע זונלאַנד
געווינען אַ סך אין די כּוחות...

זיי האָבן געררייצט מיך, געכישופט;
אַזעלכענע דרייסטע און בראַווע;
אויב ווערן אַ מענטש פונעם ישוב,
איז בלויז ווי אַ יאַקינער חבר.

און טאַקע אַט דאָס האָב געגלוסט איך;
געצויגן מיך האָט אומגעהויער
אין יאַקינער גדוד אין באַוווסטן —
צו אַרבעטן דאָרט, ווי אַ פּויער.

און אַט איז מיר מעגלאַד געוואָרן
מיט וואָר צו באַקליידן מיין חלום;
אַ גדודניק אַן עולה ז׳געוואָרן,
פאַרלאָזט האָט דעם גדוד און דעם גליל.

האָב איך אויף אַ זיצונג געבעטן
דעם גלילשן ועד הפּועל
מיך שיקן קיין יאַקן — פאַרבייטן
דעם עולה, דעם יידישן פּויער.

און — מ׳האָט מיר מיין ביטע באַוויליקט.
און — כ׳בין שוין אויף יאַקינער פעלדער.
און, פול מיט חלוצישן ווילן,
איך האָב צו דער אַרבעט געשטעלט זיך.

אין טאָג אין דעם ערשטן געמיט זיך
איך האָב אין דעם יאַקינער גאָרטן;
אויףביימער האָט אָסיען געבליט שוין,
דעם באָדן מיט בלעטער באַשאָטן.

געטריפט האָט אַ רעגן אַ דראָבנער,
גענעצט מיין געבויגענעם נאַקן;
און איך האָב קאַרטאָפל געגראָבן,
געטאָן זיי אין זעק נאָסע פּאַקן.

אַ שעה און אַ צווייטע, אַ דריטע.
מיין רוקן איך פיל שוין, ער וווּנדיקט.
פון רעגן איך שפיר שוין אַ ציטער
אין אבר אין יעדן באַזונדער.

און ווייט נאָך עס איז ביזקל אָוונט.
איך מוז זיך אַלץ בויגן אײַנדרייען.
איך מוז זיך אַלץ בויגן און גראָבן
דעם פּריצ׳ס קאַרטאָפל דעם נייעם . . .

אין טאָג אין דעם צווייטן געזעגט האָב
אין האַלצקאַמער סוקיקע שטאַמען;
מיין לייב האָט מיט אַנגסטן באַדעקט זיך,
מיין האַרץ האָט גזלניש געהאַמערט,

אַ ווייטיק אַ שאַרפער אין אַקסלען,
די דלאָניעס, זיי בראָטן, זיי בריען,
און קלעצער אַלץ וואַקסן און וואַקסן,
און ווייט נאָך עס איז ביזקל שקיעה . . .

אין טאָג אין דעם דריטן ביים דרעשן
איך האָב זיך געפּלאָגט און געמאַטערט;
אַ שטויב האָט מיין פּנים „געגעסן״,
מיין נאָז איז געווען שוין פאַרקאַטערט.

אין קאָפּ האָט געראַשט און געדראַשן,
אין האַלז האָט געטריקנט — אַ מדבר,
און בליי האָט אין גוף זיך געגאָסן,
און פּיין האָט געאַקערט די גלידער.

געקומען אין קבוצה אין אָוונט,
דער קערפּער דער שווערער — אין פיבער,
האָב איך זיך אין קישן פאַרגראָבן
און — ליגן אַזוי שוין געבליבן.

געלעגן אַזוי שוין מעת־לעתן,
מיט בליי אין דעם גוף אין דעם הייסן;
פון הענט פון חברים געגעסן;
געהערט, ווי אין טראַנס, זייער טרייסטן:

— דו מאַך ניט פון קראַנק־זיין קיין ווען,
דו זיי ניט אַזוי נאָר צערודערט,
נישקשה, וועסט ווערן גענעזן!
נישקשה, וועסט ווערן אַ גדודניק! . . .

קיין גדודניק איך בין ניט געוואָרן,
געפעלט האָט דער יאַקינער כוח,
נאָר ס׳דופּטעט מיר נאָך אלע יאָרן
פון קבוצה פון יענער דער ריח.

אַ ריח פֿון קרעפּטיקע קליאַנעז,
אַ ריח פֿון זאַפּטיקע טאַנעז,
אַ ריח, וואָס טוט מיר דערמאָנעז,
אַז ערגעץ אַ זונלאַנד פֿאַראַן איז.

לייבעלע יעלין

די קבוצה די ערשטע אין גליל
געווען דער „גדוד" איז — אין יאקן;
דאָ האָבן געפּויערט, געחלוצט, —
צום ערשטן מאָל, — יידישע יאַטן.

דער פּריץ פון יאקן, הער אייטמאַן, —
דער רייכסטער בעל-נחלה ביים באַלטיק,
אַ יעקע אַ הויכער, אַ ברייטער,
מיט יחוס מיט פּרייסישן אַלטן, —

געווען איז דער ערשטער, וואָס האָט דאָ
באַוויליקט צו האַלטן אַ קבוצה;
באַנוצן אַדאָ, אויף זיין באָדן, —
ווי „לאַנדקנעכט", — א מנין חלוצים.

נאָר אָפּגעמאַכט האָט ער, הער אייטמאַן:
חלוצים אים געבן — גאָר שטאַרקע;
געוויקסיק, מיט פּלייצעס מיט ברייטע,
מיט פּיסקעס, מיט באַקן, מיט קאַרקן.

זיי זאָלן זיך מיען געהעריק —
פון מאָרגן פון פריען ביז שקיעה;
זיין רייכקייט זיין גרויסע פאַרמערן; —
ביז פּאָרן זיי וועלן „נאָך ציון".

איז ווייס עס דער ועד־הפועל:
פאַר יאַקן — נאָר קרעפּטיקע יאַטן;
און וו נאָר אַן אײַזערנער פויער,
מע טוט אים באַלד שיקן קיין יאַקן.

און אנדערע גלילשע קבוצות,
מיט קנאה צו יאקן זיי קוקן:
די בעסטע חלוצים, חלוצות
דער יאַקינער גדוד טוט „פּאַרצוקן".

און טענות זיי האָבן גאָר האַרבע
צום ועד־הפּועל פון גליל:
מע שיקט אַלץ קיין יאַקן אויף אַרבעט
די „סמעטענע" פון דעם „החלוץ";

און זיי דאָ פּאַרזעט מען מיט יאַטן,
מיט יאַטעכעס, — דאַרע און קליינע,
אַוועמען אַ פּלאָג איז, אַ מאַטער
די פּראַצע אויף פּריצישע פּליינען.

נאָר ועד־הפּועל דערקלערט זיי:
ס'איז יאַקן גאָר וויכטיק דעם גליל,
ווייל דאָ, אויף די יאַקינער ערדן,
געווען איז דעם גליל'ס התחלה;

און טאַקע אַ דאַנק דעם הער אייטמאַן,
וואָס האָט פון זיין קבוצה געקוואָלן,
אַלץ מערער, אַלץ גרעסער צעברייטערט
עס האָט זיך דער ליטווישער גליל.

ווייל ער, דער הער אייטמאַן, געראָטן
האָט אַנדערע פּריצים ביים באַלטיק
באַשעפּטיקן יידישע יאַטן
און זייערע קבוצות דאָ האַלטן.

און ס'האָבן די פּריצים ביים באַלטיק
געפּאָלגט אים, דעם פּרייסישן תקיף,
און קבוצות גענומען דאָ האַלטן,
חלוצים באַשעפטיקט, — ווי יאַקן.

איז דאַרף מען אָט דעם־אָ בעל־נחלה —
הער אייטמאַן — דאָ שטעלן צופרידן
און שיקן צו אים אויף דער נחלה
גאָר שטאַרקע, גאָר קרעפּטיקע יידן.

איז טוט עס דער ועד־הפּועל:
האָט יאַקן, דער עיקר, אין זינען;
און ווו נאָר אַן אייזערנער פּויער —
אין „גדוד" דאָ ער טוט זיך געפינען — — —

נאָר איינמאָל געשען אַ „סקאַנדאַל" איז:
אַ גדודניק, ביים שניידן דעם קאָרן,
דערפילט זיך ניט גוט האָט, געחלשט
און — קראַנק איז גאָר ערנסט געוואָרן.

האָט יאַקינער פּריץ, הער אייטמאַן,
דעם ועד־הפּועל באַפוילן
אים שיקן אַ „לאַנדקנעכט" אַ צווייטן —
פאַרבייטן דעם פּויער דעם חולה.

און גראַד איז געווען בלויז איין חלוץ,
וואָס האָט דאַן אין גליל געבטלט;
איז נאַרוואָס געקומען אין גליל —
אַ קורצער, אַ מאָגערער יאַטל;

אויף פּיסלאַך אויף יינגלשע קליינע,
מיט הענטלאַך מיט יינגלשע שמאָלע,
מיט פּנים — נאָר הויט און נאָר ביינער,
מיט אויגן מיט גרויסע — פאַרחלומט . . .

זיין נאָמען איז לייבעלע יעלין,
אַ קלויזניק, אַ קוועטשער פון בענקלאַך,
איז א י ם דער „החלוץ" געפעלן . . .
האָט ע ר נאָכן גליל פאַרבענקט זיך . . .

און אָט איז ער איצטער אין גליל,
אַ חלוץ צעווישן חלוצים — —
און מ'האָט אים, דעם דאָזיקן חלוץ,
געשיקט באַלד אין יאַקינער קבוצה.

דערזען אים אין יאַקן, דעם „פּויער",
האָט עולם גענומען זיך היצן:
וואָס טראַכט זיך דער ועד־הפּועל:
אַ ברעקל אַזאַ מין, אַ פּיצל

וועט טויגן פאַר יאַקינער פּראַצע?
פאַר גדודישער קאַטאַרזשנער אַרבעט?
מע קען פון געלעכטער דאָך פּלאַצן!
מע קען פון געלעכטער דאָך שטאַרבן!

און וואָס וועט דער פּריץ דאָ זאָגן —
הער אייטמאַן, דער פּרייסישער תּקיף ?
ער וועט דאָך די קבוצה צעטראָגן !
די „יודן” פאַרטרייבן פון יאַקן! . . .

דערווייל אָבער עסט מען אין קבוצה —
ס'איז אָוונט — „ארוחת הערב” ;
עס זיצן ביים טיש די חלוצים
און — כליאָבען פון שיסלען פון שווערע.

און אויכעט דעם אורח, דעם פּיצל,
מע שטעלט דאָ אַ שיסל כּדורים.
נאָר אים אָבער עסט זיך ניט איצטער.
אים מאַטערן האַרבע הרהורים :

צי פּאַסט ער פאַר יאַקן זיך טאַקע?
צי וועט ער דאָ אַרבעטן קענען ?
און וואָס וועט דער פּריץ, דער תּקיף,
דאָ זאָגן, ווען ער וועט דערזען אים ? . . .

און נאָכדעם, נאָך וועטשערע פּראָסטער,
ווען עולם האָט שלאָפן צעלייגט זיך,
צו דריי אין אַ בעט זיך צעמאָסטן, —
האָט אויכעט דאָס פּיצל געלייגט זיך :

צו גדודניקעס צוויי דאָ אַ דריטער,
צו ריזן צו צוויי דאָ — אַ שכן — —
און ס'כאַפּט אַן דעם שטיבל אַ ציטער
פון גראָבן, פון גרילציקן שנאָרכן.

וואָס נעמט זיך צעטראָגן פון בעטן,
פון שטרויזעק פון האַרטע און גרויע, —
אין אָוונט אין יולישן שפּעטן,
אין שטילקייט אין פעלדישער, בלויער . . .

מע שנאָרכעט. מע פייפט מיט די נעזער.
עס כראָפּעט אַן עדה חלוצים.
עס טרייסלען זיך טעלער און גלעזער.
עס וויגט זיך די גאַנצענע קבוצה.

און ער בלויז, דאָס פּיצל, האַלט אָפן
די אויגן די גרויסע — פאַרחלומט . . .
ער קען עפּעס היינט דאָ ניט שלאָפן —
אין נאַכט אין דער ערשטער אין גליל.

אים דריקן געדאַנקען גאָר האַרבע :
ניט טויגן ער וועט דאָ, אין יאַקן :
צו־שווער דאָ, צו־יאַכיק, — די אַרבעט,
דער פּריץ דער היגער — אַ תקיף . . .

און נאָכדעם, ווען פרי איז געקומען,
מיט ראַזקייט פון זריחה אין שויבן,
און דרעמלען ער האָט שוין גענומען, —
האָט זיך אַ געוואַלד אויפגעהויבן :

אַ שפּרינגען פון בעטן — גערוישיק,
אַ טופּען פון פיס אויף די דילן :
ס'איז צייט שוין אַרויסגיין אינדרויסן,
אויף פּראַצע, אין פעלד אינעם שטילן . . .

און לייבעלעס שכנים — אויך זיי דאָ
זיך טוען אין אײַלעניש אָנעט.
און — שטייען שוין גרייטע. אוןביידע
אים „זוכן״ מיט חוזק אין פנים.

זיי „זוכן״ אַרומעט אין בעט אים,
זיי טאַפּן די קישן, דעם שטרויזאַק:
וווּ איז ער, דאָס ברעקל, דאָס שרעטל? —
זיי פרעגען זיך ביידע מיט חוזק.

מע דאַרף דאָך אַרויס צו דער פּראַצע.
טאָ שנעלער! מיט פוס מיט דער רעכטער! . . .
און ס׳דאַכט זיך: אָט וועלן באַלד פּלאַצן
די שויבן פון זייער געלעכטער — — — —
— — — — — — — — — —

נאָר מ׳דאַרף אים, דאָס פּיצל, ניט „זוכן״,
ניט וועקן, ניט שלעפּן פון בעט אים:
ער טוט זיך שוין אָנעט — אַ רוח׳ל
און — נעמט שוין מיט אַלעמען טרעטן

אינדרויסן די גראָזן די ווייכע,
וואָס פירן אין פעלד פון דער קבוצה. —
ער וועט זיי באַווייזן, די הויכע,
די ברייטע, די פעסטע חלוצים! . . .

ער וועט אים, דעם „גדוד״ דאָ, באַווייזן!
מיט אים דאָ אין מי זיך פאַרמעסטן! — — —
און לייבעלע יעלין טוט שפּרייזן
פאַרעקשנט, מיט ליפּן פאַרפּרעסטע.

און אַט איז דאָס פעלד, אַ באַגאַסנס
מיט העלן, מיט יולישן זונשיין,
און ברויטן און רייפע, אין ראָסע,
פאַמעלאַך זיך הוידען און שורשען . . .

און ס'נעמט זיך דער „גדוד'' צו דער אַרבעט,
מיט סערפּן מיט שאַרפע, מיט בלאַנקע
אין הענט, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל
און — ס'פאַלן און לייגן זיך זאַנגען.

און לייבעלע יעלין, מיט חשק
די זאַנגען ער בינדט נאָך די שניטער;
ער בינדט זיי אַלץ הייסער און הייסער,
ער בינדט זיי אַלץ פלינקער, געניטער.

און פלוצים ער טוט עפּעס מערער:
ער כאַפּט ביי אַ חבר אַ קאָסע
און — נעמט זיי, די זאַנגען, אויך „שערן''.
צעוואַרפט זיי, באַשפּריצטע מיט ראָסע . . .

דער עולם בליקט אָן אים פריטשמעליעט.
אויף פּנימער — אויס מיט געלעכטער. —
וואָס זאָגט איר צו לייבעלע יעלין?
ער איז דאָך אַ גדודניק אַן עכטער! . . .

און — מ'איז דאָ צופרידן, פאַרשטייט מען:
ער וועט שוין דאָ פראַצעווען קענען . . .
עס זאָל נאָר דער פריץ, הער אייטמאַן,
נ'ט מאַכן דער קבוצה קיין „סצענע''.

און טאָקע בײַ װערטער בײַ די-אָ
באַװײַזט זיך דער פּריץ פּונװײַטן,
קומט אָנעט אין מאָרגן אין פריען
צו „לאַנדקנעכט״ צו זײַנע צורײַטן.

און װי נאָר דאָס שרעטל דערזעט ער,
צװישן די ריזן פון „גדוד״ דאָ,
װערט רוצחיש זײַן צורה זײַן פּעטע
און — ברילן ער נעמט צו די „יודן״:

װאָס טוט דאָ דער „קנאַבע״ אין יאַקן?
װאָס טראַכט זיך דער װעד-הפּועל? . . .
ער האָט דאָך באַפוילן, דער תּקיף,
אים שיקן אַ קרעפּטיקן פויער!

װאָס מײנט זי זיך, די „צענטראַלינע״ —
גאָר חוזק פון אים דאָ צו מאַכן?
מיט „יודכענס״ מיט שװאַכע פּאַרכלינען
זײַן פּרײַסיש-יחסנישע נחלה? ! . . .

ער װעט דאָ די קבוצה צעטרײַבן,
הער אײַטמאַן, דער פּרײַסישער תּקיף;
קײן שריד ופליט ניט בלײַבן
פון „יודן״ עס זאָל דאָ, אין יאַקן! — —

אַזױ-אָ דער פּריץ טוט שרײַען
און — נעמט בעת-מעשה באַטראַכטן
דעם פויער דעם קלײנעם דעם נײַעם,
װאָט מיט זיך גאָר פלינק אויף זײַן נחלה.

ער שטייט דאָ, דאָס „יודכען״, ניט אָפּעט
קיין האָר פון די „יודן״ די גרויסע;
ער שניידט דאָ גאָר טיכטיק און סנאָפּעס
אין רייען אין לאַנגע שטעלט אויסעט.

אַ שרעטל אַזאַ מין און „רודערט״
ניט ערגער פון „לאַנדקנעכט״ פון בעסטן! . . .
אַ ברעקל אַזאַ מין און טוט דאָ
מיט פויערים — גרויס — זיך פאַרמעסטן! . . .

ווו נעמט ער, דאָס פּיצל, גאָר כּוח?
ווי ווערט ער ניט מיד, ניט פאַרסאָפּעט? . . .
דער פריץ באַטראַכט אים פאַרמוחט
און — — ס׳גייט די רציחה אים אָפּעט:

א טיכטיקער קערל, דער קליינער.
טאָ זאָל ער שוין בלייבן אין יאַקן:
באוואשן מיט שווייס דאָ די פליינעז,
פאַרמערן זיין שפע, דעם תקיפ׳ס . . .

און לייבעלע יעליז, דאָס פּיצל,
געבליבן אין יאקן אזוי איז;
געמיט זיך גאָר פלייסיק, גאָר היציק, —
ווי יעטווידער יאַקינער פויער.

געאַרבעט, ווי יעדער אין „גדוד״ דאָ.
אַ גדודניק געוואָרן — ער, יעליז . . .

— — — — — — — — — —

און ס׳זענען פון איצט אַן די „יודן״
נאָך מערער דעם פריץ געפעלן.

„די צוויקס" און „די הורוויצעס"

פון קבוצות צוויי איך וויל אייך היינט דערציילן,
פון שכנות צוויי אין גליל וואָס איז ליטע.
געווען איז עס אין ווייטע טעג אין ווילע,
געווען איז עס אין יוגנט מיין צעבליטער.

איך בין געווען א לערער דאָן אין גליל,
ארומגעשפּאַנט איבער די גליל־קבוצות,
און תמיד האָב געננחתט און געקוואַלן,
באַזוכנדיק די גרוימענער חלוצים.

„די צוויקס" — אזוי האָט גליל זיי באַנאָמענט;
אויף נאָמען פון א גרוימענער חלוצה,
וואָס איז געווען פון גרוימען „די נשמה",
וואָס האָט דעם טאָן געגעבן אין דער קבוצה.

איז אָט־די צוויק (איר פאַרנאָמען — הדסה)
געווען א צוכט — אין א מדינה איינע:
זי האָט זיך רק געצוואָגן און געוואַשן,
זי האָט זיך רק געלופטערט און גערייניקט.

און האָט געזען, אַז אויך חברים אירע
דא זאָלן זיין געוואַשן און געלופטערט,
און ריין־האַלטן זיי זאָלן קבוצה־דירה, —
אַז אַלעס דאָ זאָל בלענדן און זאָל דופטן.

און ס'האָבן זי די מיטגלידער פון גרוימען
געפּאַלגט, אַט ווי חסידים — זייער רבין;
און ס'האָט אַדאַ, אין קבוצה ניט־געוווינט־מער,
געפינקלט און געשימערירט דאָס לעבן.

אין אָרדענונג איז אַלץ געווען אין שטיבל:
די צימערלאַך, די מעבל לייכטע, שווערע;
איעדער אָרט — געהעריק צוגעקליבן,
איעדע בעט פאַרבעט איז ווי געהעריק.

אויף פענצטערלאַך גאַרדינען הענגען ריינע.
דער טיש פאַרשפּרייט איז מיט א קלאָרן טישטוך.
און אין א קרוג מיט וואַסער קווייטן שיינע —
מיט פעלד און גאָרטן דופטן אויפן טיש דאָ...

און יונגען זעלבסט, און מיידן פון דער קבוצה,
זיי וואַשן זיך, זיי צוואַגן זיך כסדר,
און לופטערן, און זויבערן און פּוצן
איעדן טאָג די שיך, די היט, די קליידער.

און קומט א טאָג פון רו, א שבת, יום טוב,
צעשיינט זיך אַלץ אין קאָלעקטיוו נאָך מערער,
און עולם דאָ, אין בעסטן זיינעם אָנטאָן
ער קליידט זיך אָן, ער פּוצט זיך אויס געהעריק:

די בחורטעס — אין קאַפּטעס אין געפּרעסטע,
די בחורים — אין אויבערהעמדער ריינע — —
און אַט אַזוי די גאַנצע קבוצה מעסט דאָן
א ברייטן וועג, צעווישן שטילע פליינען.

מע שפּאַנט אין שטאָט, אין הויז פון דעם החלוץ, —
צו טרעפן זיך מיט אַנדערע חלוצים
(מע קומט זיך היינט צונויף פון גאַרן גליל,
פון אַלע צוועלף צעזייט-צעשפּרייטע קבוצות).

און אַט איז שטאָט. און אַט איז יידן־פּערטל.
און — ס'הויבט זיך שוין דער גוט באַקאַנטער מויער.
און פונדערווייט א זינגערייַ זיך הערט שוין.
און פונדערווייט עס אָטעמט שוין מיט רויערד...

און ס'לאָזן זיך „די צוויקס" אין הויז אריינעט
פאַרפוצט אַזוי, מיט פנימער — צעליכטיקט;
און אַלע דאָ דערפילן באַלד דעם תענוג
פון גוף, ווען רייַן, פון בגד, ווען געציכטיקט...

און ס'נעמט זיי אויף דער גאַרער בית החלוץ
מיט א געפיל פון קנאה און אַנציקונג:
די צוויקס אַט־די — די זויבערסטע אין גליל,
די גרוימענער, זיי שמעקן, — א דערקוויקונג...

גאָר אַנדערש איז אין מעדיקן געוועזן
(די שכנטע די נאָענטע פון גרוימען):
דער קאָלעקטיוו ניט גרויס איז דאָ געוועזן,
די שטוב, פאַרקערט, — א גרויסע, א געראַמע.

און זיין אַדאָ עס וואָלט געקענט גאָר ציכטיק.
האָט אָבער דאָ אין קאָלעקטיוו געמושלט
א יאָט, וואָס האַלט, אז רייַנקייט איז ניט וויכטיק.
און אַט דער יאָט געוועזן איז הורוויץ משה.

געווען איז ער א חלוץ גראַד א גוטער,
געאַרבעט האָט מיט זעלטענער התמדה,
און האַלט־געהאַט דעם קאָלעקטיוו האָט בלוטיק;
ארומגעגאַן כסדר אַנגעלאָדן

מיט פּלענער און אידייען שפּאָגל־נייע,
ווי מאַכן דאָ דאָס לעבן מער חלוציש,
ווי אָנפילן מיט מערער רוח־חיים
איעדן יונג, איעדע מויד אין קבוצה.

נאָר אַלץ אין זין פון גייסט, פון ווערטן הויכע:
פון לערנען זיך, פון לעזן ביכער שווערע,
פון אויסנוצן די לעצטע ביסל כוחות
אויף וויסן דאָ צו אָנזאַמלען וואָס מערער.

וואָס אָנבאַלאַנגט דאָס אויסערלאכע אָבער
אין קאָלעקטיוו — דאָס האָט אים ניט געקימערט.
איז וואָס, אַז שמוץ עס ליגט אַדאָ א גראָבער
אויף יעדער זאַך און אין איעדן צימער?

איז וואָס, אַז ער גייט אום אַדאָ פאַרשמוציקט,
מיט ריסן פול אין יעדן בגד זיינעם?
עס אַרט אים ניט. פאַרקערט: אָט דאָס זיך פּוצן
א סימן איז פון נישטיקייט — ער טענהט...

די קליינבירגער — פאַר זיי איז עס אַן עסק
צו פּוצן זיך, צו וואַשן און צו ראַמען...
אָט דאָס האָט ער דאָ אַפּט דערקלערט מיט חשק,
אָט דאָס האָט ער דאָ אַפּט גערעדט צעפלאַמיקט.

און עולם האָט געהערט אים א פּאַרטיפּטער,
זיך צוגעהערט, ווי חסידים — צו דעם רבין. . .
און ס'האָט געהערשט אין אָט־דעם קאָלעקטיוו דאָ
א סדר־לאַז און בלאָטעפּולער לעבן.

א שטאַל — אזוי האָט אויסגעזען די קבוצה,
אַ שטאַל פאַר פי און ניט קיין שטוב פאַר מענטשן;
די דילן דאָ, די ערדענע — פאַרשמוציקט,
און נאַקעטע סע שטויבן זיך די פענצטער.

די סטעליע — פול מיט שפּינוועבסן און שפּינען,
אויף גרוי פון ווענט — א מאַרש פון וואַנצן רויטע;
פון יעדן אָרט עס אָווירט מיט טוכלינע,
אַיעדע זאַך מיט שימל איז באַהויטיקט.

די בעטן דאָ, צעוואַרפענע זיי שטייען,
מיט בעטגעוואַנט צעקנאָדערטן, ניט־ריינעם;
דער טיש איז הויל, מיט איבערבלייב באַזייעט
פון מאָלצייטן פון מאָגערע, געמיינע.

און יונגען זעלבסט, און מעדיקאַנער מוידן, —
צעשויבערטע, אין סאַזשע אויסגעשמירטע;
אַיעדערער, ער וואַשט זיך ניט — אַ חודש,
פון יעדערן א שלעכטער ריח שפּירט זיך.

און אויגן בלויז ביי אַלעמען עס העלן
און גליען דאָ, און ברענען גאָר חלוציש;
וואָס הורוויץ זאָגט — אָט דאָס איז זיי געפעלן,
און פונקט, ווי ער, מע פירט זיך אין דער קבוצה:

ביי טאָג מען אַרבעט הייס אויף דעם מאַיאָנטעק,
ביינאַכט מע פירט ויכוחים און מע לייענט;
און קומט א טאָג פון רו, א שבת, יום־טוב,
אין שטאָט, אין בית־החלוץ אלע גייען.

מיט פנימער, מיט לייבער, — ניט־געזויבערט,
מיט ברודיקע טשופרינעס איבער שטערנס,
אין קליידער, שיך, — צעריסן און פארשטויביקט,
און אייניקע — אין קלומפעס גרויסע, שווערע . . .

מע שפּאַנט אזוי צעווישן שטילע פליינען,
מיט הורוויצן, דעם „רבין״, — אינדערמיטן.
און קומט מען אָן אין שטאָט אין ציכטיק־ריינער,
אויף גאַסן — אַספּאַלטירט און גראָד געשניטן, —

איז שפּאַנט מען דאָ מיט פויערשע מאַניערן
(להכעיס דעם קליינבירגער דעם פארקעמטן . . .);
און קליפּ־און־קלאַפּ די קלומפּעס לאָזן הערן —
(א דאָרף־געזאַנג צעווישן שטאָט־צעמענטן . . .).

און פונדערווייט שוין הערט דער בית־החלוץ
א הילכעריי, ווי קייקלען וואָלט מען טונען;
און חברה דאָ, פאַרזאַמלטע פון גליל,
זיי ווייסן שוין: די הורוויצעס עס קומען . . .

אַט צווישן די צוויי שכנותדיקע קבוצות
איז אַנגעגאַן א לאַנגע צייט א קריג דאָ. —
די הורוויצעס זיך פירן ניט־חלוציש —
געוועזן איז די מיינונג פון די צוויקס דאָ. —

די הורוויצעס ניט־קולטורעל זיך פירן,
חוץ ארבעטן און לערנען זיך איז נויטיק
צו לעבן ריין און אין א ריינער דירה,
און ניט, ווי זיי, די הורוויצעס, — גאר קויטיק.

ארומגיין דא באוואקסן, ווי די בערן,
חדשים־לאנג ניט וואשן זיך, ניט קעמען,
אז פאר א מייל עס זאל פון זיי „זיך הערן״,
אז קיינער דא זאל שטיין לעם זיי ניט קענען...

אזא מין פירונג — מיינען זיי — ניט פיין איז,
אזא הנהגה שעדלאך איז — זיי מיינען. —
אזוי האבן די צוויקס דא אפט געטענהט
צו זייערע „פארווילדעוועטע״ שכנים.

די הורוויצעס פארקערט געטענהט האבן:
די צוויקס — אט זיי זיך פירן ניט־חלוציש.
וואס טוען זיי? זיי רייבן און זיי שאבן
דעם דיל, די ווענט כסדר אין דער קבוצה...

וואס נאך די צוויקס אדא, אין גליל, טוען?
זיי צוואגן זיך און קליידן זיך ווי פראנטן:
געפוצטע שטיוול און א „דג מלוח״,
געפרעסטע הויזן און מאנקעטן בלאנקע...

קליינבירגערלאך און נישטיק איז דאס אלעס:
די טישטאכער, די קוויטן, די גארדינען...
וואס זענען זיי, די צוויקס, חתנים, כלות,
וואס פוצן זיך עס ליגט זיי בלויז אין זינען?...

ניט דאָס דער וועג איז פון חלוצים עכטע.
און ניט פון דעם חלוצות עכטע טרוימען. —
אזוי האָבן מיט ווערטער זיך געפעכט דאָ
די מעדיקאנער מיט דער קבוצת גרוימען.

און איך, אין שפּאַנען איבער היגע קבוצות, —
איך פלעג זיך אָפט אין אָט דעם שטרייט פארמישן. —
צי דאַרף מען יע, צי דאַרף מען ניט זיך פוצן —
געוואָלט האָבן די שטרייטער פון מיר וויסן.

איך בין דאָך דאָ א לערער, א דערציער, —
איז דאַרף איך וויסן, וווּ איז דאָ דער אמת . . .
אזוי פלעגן ביים צונג די צוויקס מיך ציען,
אזוי פלעגן די הורוויצעס מיך קלעמען.

און כ׳האָב געפּרווט א מיטלוועג געפינען,
וואָס פּאַסיק־זיין ער זאָל פארביידע זייטן. —
מע קען, אפשר, דאָ לעבן אַן גאַרדינען,
מע דאַרף אָבער א העמד ווען איבערבייטן . . .

מע קען, אפשר, דאָ אויסקומען אַן קווייטן,
מע דאַרף אָבער ווען אַפּוואַשן א פּנים . . .
און צובעטן אַ בעט איז אויכעט נויטיק,
און אָפּפּוצן א שוך איז — אַן סכנה . . .

אזוי פלעג איך אין מעדיקן אָפט ריידן.
און מיט די צוויקס האָב אנדערש וואָס גערעדט איך:
סע שאַטן ניט די פאַרהענגלאַך, די קווייטן,
און גוט זענען די צוגעבעטע בעטן.

און זייער גוט איז, ווען מע טוט זיך צוזאָגן
און ריין מע האַלט די דירה און די זאַכן.
אַז דאָס איז אַלץ, וועל איך אָבער ניט זאָגן. —
איז דאַרף מען דאָ פון דעם קיין קולט ניט מאַכן...

אַזוי האָב איך אַ פּשרה צו געפינען
געמיט זיך אַלץ צעווישן ביידע צדדים;
פאַראייניקן די גרוימענער גאַרדינען
מיט מעדיקאַנער לעכערדיקע בגדים...

נאָר גופא איך גענייגט בין דאָ געוועזן
צו גרוימען מער ווי צו די מעדיקאַנער:
די גרוימענער — ביי זיי איז ריין דאָס עסן,
אין בעט ביי זיי קיין אומפלייט ניט פאַראַן איז...

די יאַטן דאָ, די יאַטעכעס, זיי דופטן
מיט זייף־געערוך, מיט פרישע וועש און קליידער.
אין שטיבל דאָ איז אויפגעראַמט און לופטיק.
עס פינקלט און עס בלאַנקט איעדער חדר.

אַ תענוג איז פאַרברענגען אין דער קבוצה.
אַ תענוג איז צו עסן דאָ, צו רוען.
אַ פאַרטראַג האַלטן דאָ פאַר די חלוצים.
צו פירן דאָ מיט זיי אַ הייסן שמועס...

איז פלעג איך זיך אין גרוימען לענגער זאַמען,
און עפּטער זיי, די צוויקס, איך פלעג באַזוכן.
און דאָס פאַרדריסן פלעג די מעדיקאַנער:
מיך ציט אַהערצו, צו די פּוסטע צוכטן...

און כדי צו זיך געווינען מיין גענייגטקייט,
גענומען זיך זיי האָבן עטוואָס פּוצן
און היטן מער אין קאָלעקטיוו די ריינקייט,
און איינפירן מער אָרדענונג אין קבוצה. . .

און וואָס א טאָג, געשטיגן איז דער אייפער
צו ציכטיקייט — פון אַט־די מעדיקאַנער;
זיי האָבן זיך אָלץ מער גענומען זייפן,
אָלץ מער גענומען זייער דירה ראַמען.

ביז הורוויץ זעלבסט, דער „רבי'' פון דער קבוצה,
געוואָרן איז א „צוויק'' אָדאָ א גאַנצער,
גענומען זיך אין מעדיקן אויספּוצן
אין בגדים — ריין, אין שטיוול — זויבער-גלאַנציק.

און אין א שבת, אָדער אין א יום־טוב,
ווען ס'טוט די קבוצה פון דער אַרבעט רוען,
גענומען האָט ער, הורוויץ, דאָ זיך אָנטאָן
אפילו — הערט נאָר! — אין א „דג מלוח'' . . .

די דריי שרהקעס

פון אַלע חלוצים־געשטאַלטן
(ביים באַלטיק, אין גליל פון ליטע)
אין וואַכזיין מיין מוזע היינט האַלטן
די שרהקעס פון „קבוצת עקיטן".

דריי שרהקעס געווען זיי זענען,
דריי יונגע, צעבליטע חלוצות,
דריי שיינע בחורות, מיט נעמען —
געגעבן פון יאַטן אין קבוצה.

האָט איינע געהייסן „די ווייסע"
(פאַר קאָפּ איר מיט לאָקן, ווי פלאַקסן);
א קליינע, מיט אויגן מיט גרויסע,
וואָס בליקן חלוציש פאַרעקשנט. . .

האָט צווייטע געהייסן „די שוואַרצע"
(פאַר קאָפּ איר מיט פאַטלעס, ווי סמאָלע);
א מיידל א ליבע, א האַרציקס,
מיט אויגן, וואָס שטענדיק פאַרחלומט.

און דריטע ט׳געהייסן „די רויטע"
(פאַר קאָפּ איר מיט קודלעס, ווי פייער);
א הויכע, א שלאַנקע, העלהויטיק,
מיט בליקן מיט שטאָלצע און פרייע.

אַט די־א דריי שרהקעס, געגעבן
דעם הויפּט־טאָן זיי האָבן אין קבוצה;
געמאַכט דאָ געשפּאַנטער דאָס לעבן,
געמאכט דאָ דאָס לעבן — חלוציש...

— א חלוץ — פלעג זאָגן „די ווייסע״ —
דאַרף כאָוועך וואָס מערער עקשנות;
און ס׳פלעג איר, דער קליינער, בעת־מעשה
אַ האַרטקייט פאַרציען דאָס פּנים...

— א חלוץ — „די שוואַרצע״ פלעג זאָגן
און גלעטן מיט סאַמעט פון אויגן —
דאַרף חלום וואָס מערער פאַרמאָגן;
אַן חלום — וואָס נוצט ער, וואָס טויג ער?...

— א חלוץ הכנעה דאַרף האָסן —
„די רויטע״, א שטאָלצע, פלעג זאָגן; —
ניט לאָזן זיך שפּייען אין קאַשע
און צאָלן פאַר שלאָגן — מיט שלאָגן...

אַט דאָס האָבן יאָטן געהערט אפט
אַדאָ, אין דער „קבוצת עקיטן״,
און האָבן געשלונגען די ווערטער
פון שרהקעס די דריי די צעבליטע.

און האָבן געפאַלגט אים דעם „דריילינג״:
מיט מערער עקשנות געשאַפן;
און חלום געשעפּט דאָ, התפעלות;
און פריי זיך געפילט דאָ — ניט שקלאַפיש...

נאָר ס׳איז זיי דערגאַנגען די יאָרן
(מיט אַפּטע נגישות מיט קליינע)
הער פראַנק, דער אינספּעקטאָר פון פּריז, —
א יעקע א גיפּטיק־געמיינער.

פלעג אַרבעט זיי געבן — וואָס שווערער
און פּסלען די אַרבעט — זי טויג ניט;
און לאָזן דעם עולם עס הערן
מיט קאַלטער רציחה אין אויגן.

דער עולם — ער האָט עס פאַרשוויגן:
ביי פרעמדע עס אַרבעט די קבוצה;
עס טויג ניט אַדאָ זיך צו קריגן,
אויך פּאַסט ניט פאַר זיי — פאַר חלוצים. . .

און בילט ער, דער יעקע, אַביסל
און ווייזט ער ארויס זיי זיין שנאה,
איז — זאָל ער, דאָס הינטישע פּיסל;
ניט בייסן ער זאָל זיך אַבי נאָר. . .

האָט עולם געאַרבעט ווי פריער,
באַוויזן דעם כוח פון הענט דאָ,
באַגייסטערט געטאָן דאָ זיך מיען,
און שנאה, נגישות פאַרזען דאָ.

ביז איינמאָל אַזאַ זאַך געשען איז:
הער פראַנק, דער אינספּעקטאָר פון גוט דאָ,
גענומען גזלניש האָט ברענען
און איינעם א חלוץ — צעבלוטיקט.

מיט „יודע" דערבײַ אים געזידלט.
און אַלץ אים אין פּנים „געפּאַרן". —
פֿאַר פֿראַצע, וואָס „שטעלט ניט צופֿרידן", —
אין שייער, בײַם דרעשן דעם קאָרן.

האָט דאָן זיך דער עולם צערודערט:
אַזאַ ניט־געהערטע נבלה:
צו זידלען אַ חבר מיט „יודע"!
צו שלאָגן גזלניש אַ חלוץ!

און ס'זענען צום פּריץ אוועקעט
די שרהקעס די דרײַ פֿון דער קבוצה —
פֿאַרקלאָגן דעם גזלן, דעם יעקע
אין נאָמען פֿון אַלע חלוצים.

נאָר ס'האָט זײַ דער פּריץ, העַר שטרײַכער,
אַ הויכער, מיט וואָנצעס — פֿאַרקאָשערט,
מיט צורה מיט פּעטער, גראָב־בײַכיק,
מיט קוקערס, קאַלירלאָז, ווי וואַסער, —

ניט־העפֿלאָך בײַ זיך אויפֿגענומען, —
די „לאַנדקנעכט" די יונגע, די „יודן";
געמרוקעט: זײַ זענען געקומען
אים שטערן אין פּאַלאַץ זײַן רו דאָ.

און וואָס דעם אינספּעקטאָר נוגע,
איז מישט ניט אין דעם זיך העַר שטרײַכער;
און זאָלן די „יודן" ניט דרייען
קיין קאָפּ אים דאָ מערער — ס'איז גלײַכער...

און ס׳זענען די שרהקעס אוועקעט
צעכעסטע פון פריץ פון שלעכטען:
א בראנד אים אין הארצן, דעם יעקע!
א מכה אין בויך אים א רעכטע!

און שרהקע די רויטע, די דריטע,
דערקלערט האָט מיט ווערטער מיט שארפע
פאַר אַלע אין „קבוצת עקיטן״:
אליין אים באַשטראָפן זיי דאַרפן —

הער פראנקן, די חיה די רעה,
וואָס האָט דאָ א חלוץ צעממיתט;
א חלוץ דאַרף האָסן הכנעה,
ניט האָבן פאַר כלבים קיין אימה. . .

און האָט ער, הער פראַנק, זיך פאַרשולדיקט:
צעמזיקט א חבר, דער כלב,
איז דאַרף מען ניט בלייבן אים שולדיק, —
ער זאָל דאָ מער שלאָגן ניט וועלן. . .

אַט דאָס האָט די רויטע, די דריטע,
מיט בליצן אין אויגן צעכעסטע,
געדונערט אין „קבוצת עקיטן״
פאַר עולם פאַר גאַרן צעראַשטן.

און ס׳האָבן די אַנדערע שרהקעס —
און אַלע — געגעבען גערעכט איר,
און ס׳איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן:
„אויסברענען״ די יעקישע שלעכטס דאָ.

און אַט איז אַן אוונט געקומען.
געוועזן איז אַסיען איז שפּעטער.
אינדרויסן — א ווינטישער ברומען,
א רוישן פון דאַרבנדע בלעטער.

און פינצטער ארום איז, און שוואַרץ איז.
אין בלינדקייט געהילט איז די נחלה.
נאָר חברה פון קבוצה דאָ וואַרטן.
אין דרויסן אין „שיינעם" זיי וואַכן.

זיי היטן דאָ עמעצנס טריט אָפּ.
זיי דאַרפן דאָ עמעצן כאַפּן.
אַט גייט ער, דער הונט פון עקיטן,
מיט שטעקן מיט גראַבן אין לאַפּע. . .

אַט איז ער שוין נאָענט, דער צורר.
אַט גייט ער פאַרביי שוין, דער יעקע — —
און אלע אינאיינעם, אַן מורא,
זיי נעמען חלוציש אים „דעקן".

זיי „דעקן" אין זייט אים, דעם חזיר,
זיי „דעקן" אין קאָפּ אים, אין פּרצוף:
אַט האַסטו פאַר שלאָגן א חבר!
אַט האַסטו פאַר שנאה און חרפּה!

און נאָכדעם זיי לאָזן אים אָפּעט
(אין דרויסן אין שוואַרצן, אין טריבן) — —
און ס'האָט דער אינספּעקטאָר פּאַרסאָפּעט
קוים־קוים זיך דערשלעפּט צו זיין שטיבל.

און איז דא געלעגן „צעמאלן"
א טאג און א צווייטן, א דריטן;
און — מער ניט געטשעפּעט קיין חלוץ,
קיין חבר פון קבוצת עקיטן.

און אויך ניט געגאנגען פאַרקלאַגן
די שלעגער צום פּריץ פון גוט דא:
געשעמט זיך מיט דעם, וואָס געקראָגן
א חלק ער האָט דא פון — „יודן"...

געשעמט זיך, וואָס צווישן די „דעקער"
אויך „מעדכענס" געווען עס זענען
און אים, דעם אינספּעקטאָר, דעם יעקע,
געמאכט אים — אַזש ניט צו דערקענען...

און יאָטן פון קבוצת עקיטן,
געהויבן זיי האָבן דעם „דריילינג",
וואָס שיין איז, וואָס יונג און צעבליט איז,
און — פול איז מיט אַנדערע מעלות...

פון אַ בעטלער — אַ חלוץ

ווער וואָלט עס געגלויבט זיך, אַז צאַלע,
דער חלוץ דער הויכער, געזונטער,
וואָס אַרבעט אין גליל, ווי אַלע,
וואָס רייסט דאָ מיט גבורה די גרונטן,

וואָס זייט דאָ, ווי אַלע, און שניידט דאָ,
וואָס פירט דאָ די ברויטן אין שייער,
וואָס מעלקט דאָ בהמות און רייט דאָ,
און ס׳איז אים דער גליל גאָר טייער, —

אַז ער איז געווען אַ בעטלער,
האָט יאָרן נדבות געקליבן:
אין דערפער, אין קרעטשמעס, אין שטעטלאַך, —
אין פרילינגס, אין האַרבסטן אין טריבע,

אין זומער, אין קרירה פון ווינטער,
אין פריען, פאַרנאַכטן, בייטאָגן;
און ס׳איז אַפט געווען אַ צווינטער
זיין רו־אָרט נאָך שעהן פון וואָגל;

און ס׳איז אַפט געווען אַ הקדש,
און ס׳איז אַפט אַ שולכל געווען
(אין ערגעץ אַ ישוב, אַ העק דאָרט)
זיין מקום צו שלאָפן, צו עסן;

און ער איז אין שמאַטעס געגאַנגען,
ווי בעטלער געוויינלאך עס גייען;
פאַרבּרודיקט, מיט קאַלטנס באַהאַנגען,
מיט שטויבן פון וועגן פאַרווייעט;

און ער האָט אין טירן געקלעפּלט.
געוועקט האָט ביי מענטשן רחמנות,
ווי ס׳וועקט עס געוויינלאך אַ שלעפּער
מיט שפלות אין אויגן, אין פּנים; —

ווער וואָלט עס געגלויבּט זיד, איך פרעג אייך,
אַ קוק־טאָן אויף אים נאָר, אויף צאַלען,
וואָס טוט דאָ, אין גליל, אי זעגן,
אי פלאַנצן, אי דרעשן, — ווי אַלע?

נאָר אַלעס איז אמת איז רייגער:
ס׳איז צאַלען אַ בעטלער געווען,
געוואַגלט מיט שליאַכן דורך פליינען,
דורך שנייען, דורך בלאָטעס, דורך גרעזער;

געקליבּן נדבות אין הייזער,
כסדר, דורך וואָכן, חדשים,
אין זומער, אין ווינטער אין ווייסן,
אין פרילינג, אין גערקייט פון אָסיען.

און ווילט איר געגוי אַלץ עס וויסן,
טאָ בעט אים, — ער וועט אייך דערציילן;
וועט אַלעס פאַר אייך דאָ אויפמישן,
וועט קיינזאַך פון אייך ניט פאַרהוילן.

וועט נעמען דערציילן פון יאָרן
פון פריע פון זיינע, צעבליטע
אין איינעם אַ דערפל, — פאַרלאָרן
אויף פעלדער אויף פלאַכע פון ליטע.

געווען אין זיין טאַטע א שמיד דאָרט,
וואָס תמיד ער וויים נאָר פון פּראַצע;
אין ישוב פון גויים — איין ייד נאָר,
וואָס קאָוועט אי אַגערס, אי קליאַטשעס.

און צאַלע ט׳געהאָלפן דעם טאַטן —
געבלאָזן אין בלאָזאַק אין גרויסן;
געקוקט אַלץ, ווי פונקען — צעפלאַטערט —
זיך רייסן פון קוזניע אינדרויסן . . .

און יאָרן עס זענען געפלאָסן
אין דערפל אין קליינעם, אין שטילן, —
דורך זומערס, דורך גרויקייט פון אָסיען,
דורך ווינטערס, דורך גרינקייט פון פרילינג.

געלעבט האָט דעם קאָוואָלס משפחה,
ווי יידן ווי אַלע אין ליטע:
געמיט זיך גאָר פלייסיק דורך וואָכן
און שבת און יום־טוב איז — שמיטה.

און צאַלע — ער איז זיך געוואַקסן
געראָטן, מיט באַקן, ווי בעכער;
אַט גרייכט ער דעם טאַטן ביז אַקסל,
אַט איז ער אַביסל שוין העכער.

און העלפּט אַלץ אין קוזניע, ביים פייער,
און קאָוועט שוין אַפּעט אַן אַגער
(מיט שווערע פּאַדקאָוועס, מיט נייע, —
אויף לאַנג זיי, די פעסטע, צו טראָגן).

אַזוי — ביז דער וועלט־קריג דער ערשטער
א פלייץ האָט אויף ליטע געגעבן,
און טויט האָט געגומען דאָ הערשן
אין שטעטלאַך, אין דערפער, אויף וועגן;

און שנאה צו יידן — „שפּיאָנעס,
דעם שונא סיגנאַלן וואָס גיבן". —
אַזוי האָט געבילבולט דער פּאַניע
און יידן פון ליטע — פאַרטריבן.

פאַרטריבן אויך צאַלען, זיין טאַטן,
זיין מאַמען, די שוועסטער, די ברידער. —
געשלעפּט זיך זיי האָבן פאַרמאַטערט
מיט פעלדער, מיט הייכן, מיט נידערס;

געפאָרן אויף פורן, אין באַנען
(פאַריגלט, ווי ציגנער ווי שטומע);
געפלאָגט זיך מעת־לעתן — ביז וואַנען
אויף ערדן אוקראַינער געקומען.

אויף סטעפּעס, אַנסופיק צעשפּרייטע,
צעווישן באוואַנצטע כאַכאַלן,
וואָס גייען אין הויזן אין ברייטע,
אויף לשון אויף מאָדנעם וואָס „מאַלן".

און דאָ איז דער טאַטע געשטאָרבן,
די שוועסטער, די ברידער די יונגע;
די מאַמע געפאַלן אַ קרבן; —
פון טיפוס, פּאָגראָמען און הונגער.

און צאַלע געבליבן אליין איז
(אין יאָרן פון בלוט און מלחמה,
אין צייטן ברוטאַלע, געמיינע,
מיט רשעות, ווי וואַסער, וואָס שטראָמען).

האָט ער זיך, פאַרוואָרלאָזט, געוועלגערט,
פון ישוב צו ישוב געוואַגלט;
גענעכטיקט אויף סטויגן, אין פעלדער, —
א מידער, מיט הוילקייט, אין מאָגן.

און כדי זיך דערהאַלטן ביים לעבן,
אַ בעטלער געוואָרן איז צאַלע;
גענומען וואָס ווער האָט געגעבן:
אי פּרוטות, אי בולבע, אי חלה.

געשטאָפּט אַלץ אין טאָרבע אין זיינער,
וואָס ער האָט געמאַכט זיך צום בעטלען — —
און ס'האָט אים געזען אוקראַינע
אין שפּאַנען פון שטעטל צו שטעטל . . .

און נאָכדעם, ווען פריד האָט צעשאָלט זיך,
איז צאַלע מגולגל־געוואָרן
באַנייס אויף די ערטער די אַלטע,
וואו ער איז געוואָרן געבאָרן;

באנייס אויף די ערטער באקאנטע
פון ליטע פון גרויער און ליבער . . .
און דאָ האָט ער ווידער געוואַנדערט,
און ווידער נדבות געקליבן.

(געוויינהייט אַ טבע עס ווערט דאָך,
און צאַלע געוויינט שוין געווען איז
צו וואַגלען — אַ שלעפּער — אויף ערדן,
ניט וויסן פון עפּעס וואָס שענערס). —

און יאָרן עס זענען געשווומען —
אין קלייבן נדבות, אין וואַגלען
מיט שליאַכן, דורך לאַנגען דורך פרומע, —
אין ווינטן, אין רעגנס, אין האַגלען;

אין שלאָפן אויף שטילע בית עולם׳ס,
אין הקדש, אַוו איז אַ שטעטל;
אין קלויזן, אויף בענקלאַד אויף הוילע, —
ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ שלעפּער, וואָס בעטלט . . .

(אַליין און מיט כאַפּטעס קבצנים,
וואָס צאַלע אַוו האָט געטראָפן,
אין זונשיין, אין ליכט פון לבנה,
ביים באַקן, ביים קאָכן קאַרטאָפל;

אין זיצן, אין ליגן ביי שייטערס,
אין מעשיות — פול ווונדער — דערציילן:
פון מתים, פון שדים פאַרשייטע,
מכשפים, פאַרבאַרגן אין היילן). —

און גוט איז געוועזן אים, צאַלען,
אַזוי זיך — אויף הפקר — צו לעבן;
מיט טאַרבע, פול בולבע און חלה, —
פון מענטשן פון גוטע געגעבן;

אין שמאַטעס אין אַלטע געוויקלט;
פאַרברודיקט, מיט קאַלטנס באַהאַנגען;
מיט שיפלות אין פנים, אין בליקן;
און שטענדיק — געוואַנדערט, געגאַנגען — —

ביז איינמאַל האָט צאַלע פאַרבלאָנקעט
אויף איינער אַ נחלה אין גליל,
באַרינגלט מיט בערגלאַך, מיט לאַנקעס,
מיט פעלדער מיט ברייטע, מיט טאָלן.

אריינגעט אין איינס דאָ אַ שטיבל,
פּאַמעלאַך, מיט קבצן־הכנעה
און שטיין לעם דער טיר דאָ געבליבן;
מיט טאַרבע, פון שטויבן אַ גרויער.

און ס'האָט אים אין שטיבל באַגעגנט
אַ מיידל אַ שיינע, פול חידוש;
גענומען אים, צאַלען, אויספרעגן:
זי זעט דאָך: ער, צאַלע, אַ ייד איז;

דערצו איז ער, צאַלע, אַ יונגער,
מיט הענט צוויי מיט פעסטע, ווי צוואַנגען, —
ווי קומט עס, כדי שטילן דעם הונגער,
אַ בעטלער ער דאַרף זיין, ניט אַנדערש? . . .

האַט צאַלע דערציילן גענומען
דעם מיידל פון לעבן פון זיינעם;
ווי ער איז צו בעטלען געקומען —
אין קריג־צייט, אויף ערדן אוקראַינער.

און ס׳מיידל דערווײַלע געגרייט האַט
פּאָר צאַלען אַ מאַלצייט אַ גוטן;
אַ טישטוך אַ ווייסן פאַרשפּרייט האַט
און ברויט האַט געבראַכט זי, און פּוטער;

א שיסל מיט שטשאַוויע מיט קאַלטן,
אַ טעלער מיט בולבעס מיט הייסע;
און צאַלע זיין פרייד ניט באַהאַלטן
געקענט האַט, ווען זי האַט געהייסן

צום טיש אים צום גרייטן זיך זעצן:
אים עסן אודאי עס גלוסט זיך;
און — האַט גלייך געפּאַלגט זי: געזעצט זיך,
און האַט אַזש פון תענוג צעהוסט זיך . . .

און האַט זיך גענומען מיט חשק
צום שיסל מיט שטשאַוויע מיט קאַלטן,
צום טעלער מיט בולבעס מיט הייסע
און — האַט אַלץ אין רייבן געהאַלטן.

און — האַט אַלץ צום מיידל געאויגלט,
צום פּנים צו אירן, וואָס שיין איז,
צו גוף איר, וואָס שלאַנק איז און בויגיק,
צו שמייכל צו אירן, פול חנ׳ען.

און ס׳מיידל — איר נאָמען איז אסתר,
פון גליל אַ יונגע חלוצה, —
דערקלערט האָט דעם בעטלער, ווו עסט ער:
איז עסט ער אין איינער אַ קבוצה.

און האָט אים, דעם בעטלער, צעשמייכלט,
דערקלערט אויך, וואָס מיינט עס אַ קבוצה;
פארשטיין אים געגעבן דעם שכל
פון אַרבעט, וואָס טוט זיך חלוציש . . .

און האָט אים, צעשמייכלט, געראָטן
צו בלייבן אין קבוצה, אין גליל:
אויף גאָרניט די יאָרן ער פטרט. —
ז׳ניט בעסער צו ווערן אַ חלוץ? . . .

עס איז דאָך אַ בושה צו בעטלען!
צו אַרבעט ער דאַרף זיך דאָ נעמען!
דאָס מיידל, צעשמייכלט, גערעדט האָט
און צאָלע געטראַכט האָט: ס׳איז אמת . . .

דערווייל איז דער עולם געקומען
צו וואַרמעס — פון פּראַצע פון שווערער
און צאָלען, דעם בעטלער, געפונען
אין אכלען געשמאַק דאָ און הערן,

וואָס אסתר די שיינע עס ראָט אים:
צו בלייבן אין קבוצה, אין גליל;
און ס׳האָבן געזאָגט אים די יאָטן
דאָס זעלבע: אַז בלייבן דאָ זאָל ער:

אַ חלוץ דאַרף ווערן ער, צאַלע,
צו אַרבעטן זיך נעמען מיט הענט דאָ;
אַז ניט, וועט ער ווערן פאַרפאַלן,
אַ בעטלער שוין בלייבן אויף שטענדיק . . .

איז צאַלע געבליבן אין קבוצה,
אַ חלוץ אַ גוטער געוואָרן,
ווי אַלע חלוצים, חלוצות,
וואָס שניידן דעם גערשטן, דעם קאָרן,

וואָס רייטן, וואָס מעלקן בהמות,
וואָס דרעשן, וואָס גראָבן, וואָס פלאַנצן,
וואָס האַקן און זעגן דאָ ביימער,
און לידער דאָ זינגען, און טאַנצן . . .

און שווער שוין איז גלויבן אַצינדער,
אַז ער איז געווען אַ בעטלער;
אין חמימה פון זומער, אין ווינטער
געשפּאַנט האָט פון שטעטל צו שטעטל.

און שווער שוין איז איצטער צו גלויבן,
אַז ער איז אין שמאַטעס געגאַנגען,
מיט קודלעס אַריבער די אויגן,
מיט שטויבן און בלאָטע באַהאַנגען.

ער, צאַלע, האָט לאַנג שוין פאַרגעסן
די טאָרבע מיט בולבע און חלה,
און שענער פאַרדינט דאָ זיין עסן —
דורך פּראַצע דורך האַרבער, — ווי אַלע . . .

און בגדים ער טראָגט איצטער ווילע,
און גייט שוין געוואַשן, געשאָרן,
און — ווערט שוין אינגיכן אַן עולה,
און — גרייט זיך קיין „ארץ'' צו פאָרן . . .

חביבה

לופטיק, ווי פייגלשע קלאַנגען,
דופטיק, ווי ביימערשער צוויט,
גייט אין מיין זעל אַ געזאַנג אויף,
בליט אין מיין האַרץ אויף אַ ליד.

פרילינג אין יאָר זעקס און צוואַנציק,
פעלדער ביים באַלטישן ים;
קבוצות דאָ זייען, דאָ פלאַנצן, —
גליל פון ליטווישן לאַנד.

שפּאַן איך פון קבוצה צו קבוצה —
לערער, פון מרכז געשיקט.
שפּילט זיך די זון — אַ חלוצה —
גאָלדיק־פאַרשייט מיט מיין בליק.

קום איך אין „קבוצת שאַטעלן",
טרעף איך די חברה ביים טיש
קלאַפּן מיט לעפל און טעלער, —
זעץ איך זיך צו און — געניס.

קום איך אין „קבוצת קאַלאַטן",
אוונט. נאָך שווייסיקן טאָג, —
האַלט איך אַ פאַרטראָג פאַר יאַטן,
שמועס פון לעבן אין „טאַל".

קום איך אין „קבוצת עקיטן״,
זינגט מען דאָ לידער, מע טאַנצט, —
פאַנגט מיך אַ פריידיקער ציטער,
וואַרפט מיך אַריינעט אין קראַנץ . . .

שפּאַן איך פון קבוצה צו קבוצה,
קום איך אין מעדיקן אָן,
אַרבעט אַדאָ אַ חלוצה —
רייציק, ווי בליאונג פון מאָן.

מ׳רופט זי חביבה — אַ נאָמען,
זומערדיק, זאַנגעדיק, זיס ;
זע איך זי, ווערט מיין נשמה
טויאיק און קוואַליק באַפרישט.

„ילדה״ איך רוף זי, די שיינע,
זעבצן זי איז נאָך ניט אַלט ;
אַרבעט — אַ וויכער אויף פליינען,
אַרבעט — אַ שטורעם אין וואַלד.

יאָגט אויף אַ פערד אום — אַ קאַזאַק,
מעלקט די בהמות געניט,
פּאַכט מיט דער בליציקער קאַסע
פלינקער פון אַלע ביים שניט.

פירט אויך אַ טראַקטאָר אַ שווערן,
לאַדעוועט וועגענער היי.
קיינזאַך דער שיינער ניט שווער איז,
טוט אַלץ — צו קוקן אַ פרייד.

שפּאַן איך פון קבוצה צו קבוצה,
טראַכט פון חביבהן גאָר אָפּט;
ס׳ציט מיך צו דער־א חלוצה,
כ׳זע אָפּט איר פּנים אין שלאָף . . .

קום איך אין מעדיקן איינמאָל —
טרעף איך חביבהן איז קיך;
טעפּלאַך זי שייערט, זי רייניקט,
קאָכט אַ חלוציש געריכט.

עסט אָפּ אויפשנעל די חבריא
(ס׳וואַרט איצטער אַרבעט אַן שיעור), —
ווערט זי, חביבה, אַ פרייע,
מאַכט זי מיט מיר אַ שפּאַציר.

שפּאַנען מיר יונגע און גרינגע,
אויגן, מיט פרילינג צעשטראַלט;
ברענגען אונז פעלדער צעגרינטע
אין אַ צעבלעטערטן וואַלד.

נעמט אונז דער וואַלד אויף צעשאָטנט
און מיט אַ מילדן גערויש;
זעצט זיך חביבה אין שאָטן,
לייג איך מיין קאָפּ אין איר שויס.

קעמט זי און קרייזלט מיט פינגער
צאַרט מיין צעפּאַטלטן קאָפּ;
טוט מיר אַ ניגונדל זינגען
מיט אַ חלוצישן טראָפּ.

טרוימען מיר נאַכדעם צוזאַמען
פון דעם צעזוניקטן לאַנד —
ווייט דאָרט, אַהינטער די ימען, —
נאָענט, ווי אייגענע האַנט . . .

רוימט זי אַ סוד מיר אַריינעט:
— דאָרטן מיין „חבר״ וועסט זיין. —
פליסטער איך: ילדה דו מיינע,
קינפּטיקע „חברטע״ מיין! — — —

וואַכן פאַרגאַנגען, חדשים,
פרילינג און זומער אַוועק,
פאַרבט שוין די ביימער דער אָסיען,
לאָזט זיך אַ כאַפּטע אין וועג.

עולים. חביבה — זי אויכעט,
פול מיט חלוצישן דראַנג,
גרייט מיט חלוצישע כוחות
בויען דאָס טייערע לאַנד.

גיי איך די עולים באַגלייטן,
פיל איך אין האַרצן אַ וויי:
כ׳בין פאַר אַן עולה ניט גרייט נאָך,
כ׳קען נאָך ניט פאָרן, ווי זיי.

שטרעקן מיר הענט אויס די ליבע,
דריקט מיר חביבה די האַנט:
— זכור את הילדה חביבה! — — —
און עס צעפּייפט זיך די באַן — — —

יאָרן פון דאַן אָן פאַרגאַנגען,
אַנדערש מיין וועג איז אַוועק.
ס'האָט מיך די מוזע געפאַנגען,
דאָרט, אויפן היימישן ברעג.

האָט מיך באַלאָדן מיט לידער,
האָט מיט פּאָעמעס באַשווערט . . .
האָט מיך צעשיידט מיט דער ליבער,
האָט מיך פאַרטראָגן אַהער.

פלאָגט זיך מיין לייב אין דער קעלט דאָ,
חלומט פון זונלאַנד מיין זעל;
חלומט פון עמק צעהעלטן,
טרוימט פון חביבהס געצעלט.

און אין די נעכט אין די טיפע,
וואַך, פון דער מוזעס באַריר —
„זכור את הילדה חביבה"
קלינגט אָפט אין אויער ביי מיר.

ילדה! איך האָב ניט פאַרגעסן,
ס'לויכט אין מיין בליק דיין געשטאַלט.
ס'פרילינגט אַדאָ אין מיין אָסיען
יענער צעבלעטערטער וואַלד.

ס'זומערן דאָ אין מיין ווינטער
יענע חלוצישע טעג,
דאָרט, אויף די פעלדער צעגרינטע,
דאָרט, ביי דעם באַלטישן ברעג.

לופּטיק, ווי פייגלשע קלאַנגען,
דופּטיק, ווי ביימערשער צווייט,
גייט אין מיין זעל אַ געזאַנג אויף,
בּליט אין מיין האַרץ אויף אַ ליד.

דער שערער

אַ שערער איז ער, אַרקע פריד, געוועזן
און שערן טוט ער אויכעט איצט, אין גליל;
הגם פאַרנומען זענען זיינע הענט
אויף היגע פעלדער, אין די היגע טאָלן.

ער אַרבעט דאָ, ווי יעדערער, ביי ערד.
ער מיט זיך דאָ, ווי אַלע אין די קבוצות.
נאָר צייט געפינט ער אויכעט פאַר דער שער —
צו אָפּשערן חלוצים און חלוצות.

אין טעג, אין פרייע פון דער האַרבער מי,
אין אָוונטן, אין פרייע פון דער אַרבעט,
ער שטייט זיך אָפּ, אָט דער־אָ אַרקע פריד,
אין אַ כאַלאַט און מיט פאַרשאַרצטע אַרבל,

איבער אַ יונג, וואָס זיצט זיך אויף אַ באַנק,
איבער אַ מויד, וואָס זיצט אינמיטן קבוצה;
און מיט דער שער דער שאַרפער אין דער האַנט
ער שערט זיי אָפּ, דעם חלוץ, די חלוצה.

און פירנדיק די שער־מאַשינקע — גראַד —
איבער אַ קאָפּ אַ בלאָנדן, רויטן, שוואַרצן,
האָט אַרקע ליב פאַר יאַטעכע, פאַר יאָט
אַביסל זיך „אַראָפּריידן פון האַרצן".

דערציילן זיי, ווי אים געלעבט זיך האָט
אין קינדהייט זיינער, איז די יינגל־יאָרן;
ווי ער האָט זיך געמאַטערט און געפּלאָגט —
ביז ער לסוף אַ חלוץ איז געוואָרן.

. . . אַ יתומל איז אַרקע פריד געווען,
אַ מאַמע בלויז געהאַט האָט — אַן אלמנה;
און אויסער אים אין שטוב זענען געווען
נאָך קינדערלאַך, וואָס עסן טוען מאַנען.

און גרויס געוועזן איז אין שטוב די נויט,
אַראָפּגעגרויט פון אַלע ווענט די קרומע . . .
און אָפט געקומען איז צו זיי דער טויט —
אַ ברודערל, אַ שוועסטערל פאַרנומען.

און אַרקע זעלבסט, אויך ער געקרענקט האָט אָפט,
אויך ער איז שווערע מחלות אויסגעשטאַנען,
און אָפט געמיינט: אָט קומט ער שוין, דער סוף,
אָט נעמט ער אים און — טראָגט אַוועק פון דאַנען . . .

נאָר ניט געשטאָרבן איז ער, ארקע פריד.
און ווידער האָט ער גאָר געשמאַק געהונגערט.
און ווידער האָט די נויט איר גרויע ליד
אין אויער אים אין קינדישן געזונגען . . .

און צו עלף יאָר האָט אין אַ שערערײַ
די מאַמע זיינע אים אַרייַנגעגעבן;
און אַרקע האָט צעשיידט זיך מיט דער פריי,
און ווי אַ שקלאַף גענומען האָט ער לעבן.

אַ שיק־יינגל געווען איז ער צוערשט.
דעם דיל פֿאַרקערט, אַ ליילאַך אויסגעטרייסלט.
און אויף צו שערן, גאָלן קעפּ און בערד
דערלאַנגט ער האָט דאָרט וואַסער קאַלטן, הייסן.

און אויסצושטיין ער האָט דאָרטן געהאַט
פֿון באַלעבאָס און פֿון דער באַלעבאָסטע ;
געקראָגן אַפֿט פֿון זיי אַ מתנת־יד,
וואָס האָט אַ נאַכט אַ שלאָפֿלאָזע געקאָסט אים . . .

געלעגן וואָך אין קיך אויפֿן טאַפּטשאַן,
אַריינגעווינט אין קישעלע אין האַרטן — —
און אַט אַזוי איז יאָר נאָך יאָר געגאַן —
אין קנעכטעריי — פּאַר פּיסנעם ברויט פֿאַרדאַרטן — —

צו פּופּצן יאָר גענומען האָט ער, פֿריד, —
אין אַ כאַלאַט אַ ווייסן, — אויכעט שערן ;
געשטאַנען איצטער שעה׳ן לאַנגע — מיד ;
געשאָרן האָט אַ פּראָסטע לײַט, אַ הערן . . .

געקנאַקט מיט דער מאַשינקע איבער קעפּ,
געזייפֿט האָט באַקן, נאַקנס אײַנגעוואַשן ;
און יעדן קונד גאָר העפֿלאַך האָט געפֿרעגט :
וואָס וויל דער האַר : אַדעקאָלאָן, צי וואַסער ? . . .

אַזוי אַוועק אַ יאָר איז נאָך אַ יאָר —
אין שערערײַ, ביים שטול, וואָס טוט זיך דרייען . . .
ער, אַרקע פֿריד, געשאָרן האָט אַלץ האָר —
פֿון קעפּ און בערד, פֿון וואָנצעס און פֿון פּאות.

און טונקל־גרוי זיין לעבן איז געווען —
אין דעם כאַלאַט דעם שערערשן, דעם ווייסן.
ביז ס'האָט אַ בענקשאַפט זיך אין אים צעברענט,
ביז ס'האָט זיין האַרץ גענומען ווו זיך רייסן.

עס האָט זיך אים אַן איבערבייט פאַרגלוסט.
דערעסן אים עס האָט די שער־מלאכה — —
האָט ער לסוף פון גליל זיך דערוווסט,
פון קבוצה־לעבן און פון באָדן־ברכה . . .

און אַט איז ער אין גליל, אַרקע פריד.
געוואָרן דאָ אַ פיאָנער — ווי אַלע . . .
און גאָר אַ נייע, גאָר אַ פרישע ליד
גענומען האָט אין אויער זיינעם שאַלן.

אַ ליד פון פלוג, פון רידל און פון סערפּ,
אַ ליד פון ווייץ, פון קאָרן און פון האָבער;
אַ נעם־געטאָן האָט אַרקע זיך צו ערד,
אַ נעם־געטאָן זיך זייען, דרעשן, גראָבן.

און אויכעט „שערן" — שפּאָגל־נייע „קעפּ",
שוין ניט פון מענטשן, נאָר פון רייפע פעלדער . . .
מיט זאַנגען הויכע, האַריקע באַדעקט . . .
אויף ווערסטן־לאַנג אין יולי־זון צעהעלטע . . .

„געשאָרן" זיי, אַט־די־אָ „קעפּ" און „בערד",
מיט גרויס געניטקייט, ווי אַן עכטער פויער;
און ניט געוואָלט מער וויסן פון דער שער,
פון שערער־לעבן פון דעם מוטנע־גרויען:

ער נעמט די שער ניט מער אַרײַן אין האַנט,
דעם גאַלמעסער, ער וויל אים מער ניט קענען;
ער זאָגט זיך, פריד, אין גליל דאָ: עד כאן!
צו מענטשן־קעפּ ער וועט זיך מער ניט נעמען! . . .

האָט מען אָבער אין גליל זיך דערוווּסט,
אַז אַרקע פריד געוועזן איז אַ שערער,
און די חלוצים, ס'האָט זיך זיי פאַרגלוסט,
ער זאָל די קעפּ חלוצישע זיי שערן:

מען וועט אים קויפן וואָס נאָר אים עס פֿעלט:
אַ שער־מאַשינקע, אַ כאַלאַט — געהעריק;
ער וועט דעם גליל אײַנשפּאָרן פיל געלט,
און אויכעט צײַט — צו גיין אין שטאָט זיך שערן.

האָט ער אין אָנפאַנג הערן ניט געוואָלט:
דעם שערער־פאַך, ער קען אים מער ניט לײַדן;
ער, פריד, איז גרייט צו גיין אין שווערסטן עול,
אָבי די שער, דעם גאַלמעסער אויסמײַדן . . .

דערנאָכדעם אָבער האָט ער זיך באַטראַכט:
חלוצים שערן דאַרף ער זײַן צופרידן . . .
בפרט, אַז געלט וועט אײַנשפּאָרן אַ סך
דער גליל דאָ דורך אים, דורך אַרקע פרידן . . .

האָט אָנגענומען פריד דעם נײַעם אַמט,
געוואָרן דאָ אָפיציעלער שערער;
און נאָך דער אַרבעט, מיט דער שער אין האַנט,
ער טוט די היגע גליליקעס שערן.

ער שערט זיי דאָ אין קבוצות אַלע צוועלף,
ער שערט זיי דאָ אין הויז פון דעם החלוץ;
אים, אַרקען, אַרבעט מיט דער שער ניט פעלט
ביי הונדערט פופציק מיטגלידער פון גליל . . .

און ליב איז אים שוין אָט-די אַרבעט די;
חלוצים שערן איז דאָך אַ מחיה . . .
און נאָך דער האַרבער, פעלדערישער מי
ער זוכט אַליין שוין אויס זיך „קונדן" בייע . . .

און נעמט זיך תיכף צו די קעפ ביי זיי,
וואָס דופּטיקן מיט קו-שטאַל און מיט רויערד . . .
און די מאַשינקע, אין זיין האַנט, זי גייט
גאָר מזמורדיק, זי „קאַסיעט", ווי אַ פויער . . .

און פריילאַך שערט ער די חלוצים קעפּ,
די שוואַרצע, בלאָנדע „וועלדער" ביי חלוצות;
און אָט אַזוי, מיט שער-מאַשינקע-שטעפּ,
ער „קאַסיעט" אָפּ אַ קבוצה נאָך אַ קבוצה.

אַ שערער איז ער, אַרקע פריד, געוועז,
און שערן טוט ער אויכעט איצט, אין גליל;
הגם פאַרנומען זענען זיינע הענט
אויף היגע פעלדער, אין די היגע טאָלן.

„פּאָטאָגראַפֿטשיקעס"

אין קבוצות איז אַלע פֿון גליל פֿון ליטע
עס האָבן חלוצים ניט ווייניק געליטן:

פֿון פּריצים פֿון שלעכטע, פֿון בייזע פּאַרוואַלטערס,
פֿון שפּייזן געמיינע, פֿון וואוינונגען קאַלטע,

פֿון האַרטע געלעגערס, פֿון אויוונס — גאַר רויכיק,
פֿון אַרבעט פֿון שווערער, וואָס איבער די כּוחות,

פֿון קראַנק־זיין אום ווינטער, פֿון זומערשע מחלות, —
מען האָט פֿיל געליטן, אויף יעטווידער נחלה.

נאָר מערער פֿון קבוצות פֿון אַלע געליטן
האָט דומפּענער קבוצה אין גליל פֿון ליטע.

דער דומפּענער פּריץ, הער לאַנגע, אַ יעקע
אַ הויכער, אַ דאַרער און תּמיד באַשטעקנט,

געווען איז אַ קאַרגער, וואָס זעלטן צו טרעפֿן,
הגם אַ שטיין־רייכער, באַוואַקסן מיט שפֿע,

באַרינגלט מיט פֿעלדער, מיט פּרוכטבאַרע פֿעלדער,
מיט לאַנגע און הויכע, מיט טאָלן און וועלדער,

מיט שטיבער און שטאַלן, מיט שאַפעס און שייערס, —
אַז עושר אַ גרויסער, נאָר קאַרג — אומגעהייער.

זיך גופא אפילו ער האָט ניט פאַרגונען
אַ ביסן, וואָס בעסער, געשמאַקער צום גומען,

אַ רייכערן פרישטיק, אַ וואַרמעס — געהעריק,
נאָר תמיד געפּרעסן קאַרטאָפל מיט הערינג . . .

ווער שמועסט די לאַנדקנעכט, וואָס ער האָט געהאַלטן
(אין שטיבלאַך אין קליינע, אין טונקעלע, קאַלטע), —

זיי האָט ער אודאי געחשבונט דעם ביסן,
פון זייערע מיילער אַלץ מער אָפּגעריסן,

און ברויט ניט דערגעבן, קאַרטאָפל „פאַרבויגן״,
און פלייש — ניט באַוויזן ער האָט פאַר די אויגן . . .

און גראָד פון די לאַנדקנעכט ער האָט פיל געפאָדערט,
געצויגן די זאַפטן פון יעטווידן אָדער,

און אַכטונג-געגעבן, זיי זאָלן זיך מיען —
ביז שווייסן ביז לעצטע — פון זריחה ביז שקיעה.

און מער נאָך געפאָדערט האָט דער־אַ הער לאַנגע
פון זיינע חלוצים — די „יודן״ די יונגע,

זיי פּראַצע גאָר האַרבע כסדר פאַרגעבן,
כסדר געטריבן און אַכטונג-געגעבן,

זיי זאָלן, ווי יידן, פאַרצייטן, ביי פּרעה׳ן,
ביי אים אויף דער נחלה וואָס מערער זיך סטאַרען.

איז שווער זיי, די היגע חלוצים, געוועזן
א סך זיך צו מיען, גאָר ווייניק צו עסן . . .

און האָבן פון דעם־אַ דערציילט זיי דעם פּריץ,
איז רויט פון רציחה זיין צורה געוואָרן:

ער גיט זיי נאָך צופּיל, זיי עסן בחינם,
און אויב זיי געפעלט ניט, איז „נאָך פּאַלעסטינא״

זיי קענען גלייך רייזן, ער האַלט זיי ניט אָפּעט
און — האָט מיט אַ שטיוול דערביי צוגעקאָפּעט . . .

האָט מען שוין געשוויגן און ווייטער געטראָגן
דעם עול דאָ דעם שווערן — מיט ליידיקע מאָגנס . . .

ס׳איז „כיבוש המקום״ דער קבוצה גאָר וויכטיק . . .
איז דאַרף מען זיך מיען אויך ווייטער גאָר טיכטיק.

און ליידן, און שווייגן. מען איז דאָך חלוצים . . .
האָט ווייטער געאַרבעט מיט אימפּעט די קבוצה.

נאָר דומפּענער מוידן און דומפּענער יאָטן,
מיט טאָג מיט איעדן אַלץ מידער, אַלץ מאַטער

זיי האָבן דערפילט זיך פון פּראַצע פון האָרבער
אויף נחלה אויף דער־אָ, ביים פּריץ ביים קאַרגן.

און שווערער געוואָרן עס איז נאָך די אַרבעט,
ווען ס'האָט זיך דער זומער צעברענט און צעשרפעט,

און עולם געמוזט האָט נאָך מערער זיך מיען, —
פון סאַמע באַגינען ביז ווייט נאָך דער שקיעה

(מיט הוילקייט אין מאָגן, מיט הונגער אין גלידער . . .) —
דאַן האָט מען דערשפּירט זיך נאָך מאַטער, נאָך מידער — —

און קראַנקע עס האָבן געמערט זיך אין קבוצה — —
און ס'האָט שוין געהאַלטן, די היגע חלוצים,

די דומפּענער נחלה פאַרלאָזן זיי זאָלן, —
ווייל מ'האָט ניט געקענט שוין מער שלעפּן די עולן. —

האָט אָבער — געוואָרן שוין איז זומער איז שפּעטער —
באַוויזן אין קבוצה א טיר זיך פון רעטונג;

אין פאָרם פון פּרות פון אַלערליי סאָרטן,
וואָס רייפן אויף ביימער אין דומפּענער גאָרטן.

דער גאָרטן אַט דער-א, מיט הונדערטער ביימער,
מיט וועגלאַך, מיט סטעזשקעס געדרייטע, געהיימע,

אַריינגעבליקט האָט ער אין קבוצהשע שויבן
פון הינטער א פאַרקאַן, וואָס האָט זיך געהויבן

ביי קבוצהשע פענצטער, ביים טיר פון דער קבוצה,
און אָפט, נאָך דער אַרבעט, די מידע חלוצים,

זיי פלעגן זיך זיצן און בליקן צום גאָרטן —
באַטראַכטן די פּרות פון אַלערליי סאָרטן:

ברויך־הויטיקע בארנעס און עפּל — רויט־באַקיק,
און ווייניקע קאַרשן, און פלוימען געשמאַקע — —

זיי חנדלען אַראָפּעט פון קנאַכיקע צווייגן,
זיי ווינקען דורך בלעטער און „ריידן" איז שווייגן:

מיר זענען שוין צייטיק, מיט זון אָנגעגאָסן,
מיר שמעקן מיט באַדן, מיר דופטן מיט ראָסע;

קומט, רייסט אונז אַראָפּעט פון ביימערשע קרוינען,
מיר וועלן דערפאַר אייך מיט האָניק באַלוינען . . .

מיר וועלן דערקוויקן מיט ווייך אייך מיט קילן . . .
דעם דאָרשט און דעם הונגער מיר וועלן אייך שטילן . . .

אַזוי האָט געדוכט זיך די פּרוכטן עס „ריידן".
אַזוי האָט אים, אַרקען, געדוכט זיך זיי „ריידן",

ווען איינמאָל ער איז זיך אין קבוצה געזעסן
אַ דאַרער, אַ בלייכער, — פון מאָגערן עסן . . .

ווייל פלוצים האָט ער זיך געגעבן אַ הויב־אויף,
אַ טייטל צום גאָרטן געטאָן דורך די שויבן

און ריידן גענומען צו אַלע אַרום אים,
וואָס זיצן מיט מאָגנס מיט הוילע, פאַראומערט:

אויב ס׳איז אונזער פריץ אַזאַ מין קארגוכע
און לאָזט אונז, מיר זאָלן דאָ ווערן, ווי רוחות,

איז דאַרף מען די פרוכטן „אָפּפאָטאָגראַפירן״ . . .
צוביסלאַך . . . עס זאָל ניט הער לאַנגע דערשפּירן . . .

עס איז ניט קיין גנבה — איך זאָג אייך, חברים.
ניט רירן די פּרות עס איז אַן עברה . . .

מיר וועלן פון הונגער דאָ אומקומען אַלע.
אויף האַלז ביי איעדן עס ליגט שוין דער חלף . . .

אַזוי האָט גאָר ברויזיק, אַזוי האָט גאָר היציק
צעדונערט זיך אַרקע מיט בּליקן, ווי בליצן . . .

און ס׳האָבן געגעבן גערעכט אים די יאַטן —
די דאַרע, די בלייכע, די מידע, די מאַטע:

„אָפּפאָטאָגראַפירן״! גערעכט איז ער, אַרקע.
די פּרות, זיי וועלן זיי זעטן, זיי שטאַרקן,

אין זייערע לייבער די קרעפטן פאַרמערן, —
כדי ווייטער צו קענען זיך מיען געהעריק . . .

און טאַקע אין אָוונט סוף־זומערשן זעלבן —
געשלאָפן שוין האָבן די דומפּענער פעלדער,

די שטיבער, די שטאַלן, די נחלה די גאַרע;
געשלאָפן איז אויך שוין הער לאַנגע, דער פריץ:

בלויז שטערן אין הימל געטאן האבן וואכן —
געפינטלט פארסודעט אראפ אויף דער נחלה; —

איז קבוצהשער עולם ארײנגעט אין גארטן
און רײסן די פרוכטן פון אלערלײ סארטן

גענומען פון ביימער, פון קורצע, פון הייכע:
די עפל די הארטע, די בארנעס די ווייכע,

די פלוימען געשמאקע, די קארשן די זיסע, —
פון קנאכיקע צווייגן געפליקט זיי, געריסן,

געפליקט זיי, געריסן, אין ראסע געהילטע, —
אין נאכט-שעה אין שפעטער, אויף נחלה פארשטילטער — —

און נאכדעם, אין קבוצה, האט עולם געפראוועט
א סעודה א שפעטע — מיט ברען און התלהבות:

אויף באקן אויףביידע די פרוכטן געריבן,
פון לייבער פון דארע דעם הונגער געטריבן;

און דאנקבארע בליקן געווארפן צו ארקען:
א דאנק אים זיי טוען אצינדער זיך שטארקן

און נעמען מיט קרעפטן מיט פרישע זיך אנעט, —
כדי ווייטער זיך מיען אין דומפן צו קאנען — —

אזוי האט דער עולם א צייט א געוויסע
די דומפענער פרוכטן געפליקט אלץ, געריסן.

א יעטווידן אוונט „אפּפּאָטאָגראַפירט" זיי
און — זאַטער און שטאַרקער אַלץ מערער דערשפּירט זיך,

און ווייטער געאַרבעט גאַר פלייסיק, גאַר טיכטיק, —
ווייל „כיבוש המקום", ער איז דאָך גאַר וויכטיק . . .

נאָר אָט איז געקומען קיין דומפּן דער ווינטער.
דער גאָרטן האָט איצטער געשפּרייט זיך — א צווינטער.

די ביימער — אָן בלעטער, די גרונטן — אָן גראָזן,
מיט שנייען קלאָר־ווייסע פאַרשאָטן, פאַרבלאָזן.

און ניט בלויז דער גאָרטן אין שניי איז געשטאַנען —
אין שנייען-תכריכים — די פעלדער, די לאַנען,

די שטיבער, די שטאַלן, די וועגן, די שטעגן,
דער גאַנצער מאַיאַנטעק, — פון ברעגן ביז ברעגן.

און איצטער האָט קבוצה באַנייעס געהונגערט
(קיין פּרוכטן ניטאָ מער צו שטילן דעם הונגער . . .).

און טאָמער איז ווייניק, האָט קעלט אויך געמאַטערט
אין קבוצהשער וווינונג די מוידן, די יאָטן.

די וווינונג אָט-די-אָ געווען איז אַן אַלטע,
אַן ענגע, אַ פייכטע, א טונקעלע, קאַלטע.

פון ווענט האָט גערונען, פון דיל האָט „געצויגן":
די סטעליע אויף קעפּ איז געלעגן געבויגן; —

א הינטישע בודע. . . פּאר פּופּצן חלוצים . . .
צו ווינען דערינען און — רופן עס קבוצה . . .

האָט מען דאָ געליטן אויך פרילינג, אויך זומער,
און איצטער, ווען ווינטער אָהער איז געקומען,

האָט עולם גענומען זיך מאַטערן מערער,
ז'געוואָרן איז „בודע'' צו „הויזן'' נאָך שווערער.

פון דיל און פון פענצטער, פון ווענט און פון טירן
געאָטעמט מיט קעלט האָט, געשפּאַרט האָט מיט קרירה.

אויף שייבלעך אויף קליינע געבליט האָבן „וועלדער' — —
מיט טאָג מיט איעדן געוואָרן איז קעלטער — — —

און פרירן האָט עולם גאָר וואזשנע גענומען,
און מחלות עס זענען גאָר היפּשע געקומען

צו חברה, אויף האַרטע געלעגערס וואָס ליגן, —
מיט הענט זיי מיט הייסע גענומען פאַרוויגן . . .

אין פראָסט און אין פיבער עס וואַרפט זיך דער עולם,
אַ הוסטן, אַ קרעכצן מיט כריפּיקע קולות.

א הוסטן, אַ כריפּען פון אונטער די דעקעס. —
קראַפּירן מע וועט דאָ, מ'עט אַלע זיך עקן !

און הייצן דעם אויוון, אַטכאַיען א קראַנקן
מע קען ניט, — קיין הייצונג עס גיט ניט הער לאַנגע.

אַ שאַד אים, דעם פּריץ אַיעטווידער שייטל.
ס׳קען ווערן דורך דעם-אַ אַ לאַד אים איז בײטל . . .

איז מעגן די „יודן״ די יונגע דאָ פּרירן,
איז מעגן חלוצים דאָ אויסגייז פון קרירה — — —

נאָר אויסגייז פון קרירה ניט ווילן חלוצים.
זיי ווילט זיך אַלץ אַנגייז מיט דומפּענער קבוצה.

להכעיס דעם פּריץ דעם שלעכטן, דעם קאַרגן.
להכעיס דעם הונגער, די קעלטן די האַרבע.

האָט אַרקע געגומען אַ וואָרט דאָ באַנייעס:
אַ פאַרשלאָג ער האָט דאָ צו מאַכן אַ בייעם:

קיין פּרוכטן איז איצטער ניט מעגלאַד צו רייסן —
קומט אויסעט די פּויסטן די אייגענע בייסן . . .

געהילץ אָבער האָט ער. הער לאַנגע, אַ סך דאָ.
אַט שטרעקן זיך קלאַפּטער מיט האָלץ אויף דער נחלה,

איז שורות אין ברייטע, אין רייען אין לאַנגע, —
אנקעגן די פענצטער, מיט האַנט צו דערלאַנגען . . .

איז דאַרף מען אין קבוצה ניט אויסגייז פון קרירה.
איז דאַרף מען די האָלץ די — „אַפּפּאַטאַגראַפירן״.

„אַפּפּאַטאַגראַפירן!״ — האָט עולם דערפרייט זיך
און תיכף דערשפּירט האָט: די קרירה צעגייט זיך . . .

איז קבוצה ווערט ווארים, די קראנקע ווערט גרינגער,
און — ווידער מע קען דא אי טאנצן, אי זינגען . . .

און טאקע איז אוונט איז פראסטיקן זעלבן —
ס׳האט חושך געשפרייט זיך אויף דומפּענער פעלדער,

ס׳האט חושך געשפרייט זיך אויף נחלה אויף גאנצער,
בלויז שטערן אין הימל געטאן האבן גלאנצן, —

איז קבוצהשער עולם פון שטיבל ארויסעט,
ארויסעט אין בלינדן און שטומען אינדרויסן

און — ברעמיע נאך ברעמיע אויף זיך אנגעלאדן,
און — באלד האט די „בודע״ איז היץ זיך געבאדן.

און קראנקע, פארווארפן זיי האבן די דעקעס:
מע וועט ניט קראפּירן, מע וועט זיך ניט עקן.

להכעיס דעם פריץ דעם שלעכטן, דעם קארגן,
להכעיס די שונאים, וואס דריקן, וואס ווארגן . . .

להכעיס זיי אלע — מ׳עט לעבן און לעבן
און — פארן קיין „ארץ״ מע וועט נאך דערלעבן . . .

די זינגערין

אין גליל מען האָט פיל געזונגען —
ניגונים און לידער גאָר שיינע ;
מען האָט דאָ די קבוצות פאַרקלונגען,
מען האָט דאָ פאַרקלונגען די פליינען.

געזאַנגען, צעוואָרעמט זיי האָבן
צו פראַצע צו שווערער דעם חשק ;
מיט זיי האָט זיך גרינגער געגראָבן,
מיט זיי האָט געשניטן זיך הייסער.

געזאַנגען, זיי האָבן פון לייבער
די מידקייט די שווערע פאַרטריבן, —
נאָך שעה'ן פון זייען, פון קלייבן, —
אינאָוונט, אין קבוצהשן שטיבל.

און זינגען געקענט האָבן אַלע —
ווער גאָר גוט, ווער בעסער, ווער ערגער ;
פון יעדן האָט שירה געקוואַליקט,
ווי גרינקייט — פון פריילינגשע ערדן . . .

נאָר בעסער פון אַלע אין גליל
געזמרט האָט מינעלע ראַנדער :
אַ הויכע בחורה, אַ שמאַלע,
בלוי-אויגיק, מיט לאָקן מיט בלאָנדע.

אַ שיינע חלוצה, ניט־יידיש
אין פּנים, אין אויסזען אין גאַנץ;
און — טאַקע מען האָט זיך געחידושט:
ווי קומט זי, אַזאַ מין, אין גליל? . . .

מיט צפון פון איר דאָ עס ווייעט —
מיט איסלאַנד, מיט שוועדן, נאָרוועגן;
מיט הויכע, מיט גלאַנציקע שנייען,
מיט שטרענגע, פיאָרדישע ברעגן . . .

ווי קומט זי, אַ „פּרי'' אַזאַ מין,
אין ליטע, צעווישן חלוצים? . . .
און טאַקע צי יידיש איר שטאַם איז? —
געפרעגט זיך מען האָט אָפּט אין קבוצה.

נאָר מינעלע, זי איז געווען
אַ יידישע טאָכטער — גאָר כשר;
און עברית געשריבן, געלעזן,
און יידיש גערעדט האָט — אַ וואַסער.

געשטאַמט פון אַ שטעטל אין ליטע —
אַ קליינינקס, אַ שטילס, אַ פאַרשלאָפנס;
מיט געסלאַך, מיט זאַמדן צעבעטע,
צו פעלדער פאַרחלומטע — אָפן . . .

אין שטעטל אין דעם־אָ איר טאַטע,
אַ בלאָנדער, אַ הויכער, אַ דינער,
אַ גאָרטן אַ גרויסן געהאַט האָט,
מיט גרינסן פון אַלערליי מינים.

און אויכעט אַ שטיבל — אַן אייגנס —
געווען איז, און ציגן צוויי פּעטע;
און הינער, וואָס אייער זיי לייגן;
און קישנס אַ סך אויף די בעטן . . .

מען האָט זיך געלעבט באַלעבאַטיש,
און רואיק, פאַרוואָרצלט אין באָדן;
און פרום איז געווען דער טאַטע,
מיט מצוות — די מאַמע באַלאָדן.

און מינעלע ראַנדער באַזוכט האָט
אַ חדר אין שטעטל — ווי יינגלאָך;
און סידור און חומש געזופּט האָט,
און רש״י אפילו געצינגלט.

געגלעקלט גאָר העל מיטן קולכל,
דאָס געסל פון רבין פאַרקלונגען;
געניגונט, ווי פרילינג אַ קוועלכל,
אַזויווי אַ פויגל געזונגען . . .

און תושבים פון שטעטל, און שכנים,
באַוואונדערט זיי האָבן זי, מינען:
ווו האָט זי, די דאַזיקע קליינע,
גענומען אַזאַ קול-נגינה? . . .

און האָבן געזאָגט איר „נביאות״,
גאָר אָפט איר דאָס איבערגעחזרט:
זי, מינע, אַ יינגל ווען זי איז,
געוואָרן פון איר וואָלט — אַ חזן . . .

נאָר אויב ניט קיין חזן געוואָרן
(ווייל זי איז געווען ניט קיין יינגל),
האָט מינעלע, שפּעטער מיט יאָרן,
גענומען אין אָפּערע זינגען.

זי האָט דאָן אין קרוינשטאָט געלערנט,
און האָט אין אַ כאָר דאָרט געזונגען,
און איז דאָרט געוואָרן אַ „שטערן",
מיט שטימע מיט אירער באַצוואונגען

די הערצער פון גרעסטע מבינים
אויף באַסן, סאָפּראַנאָס, טענאָרן — —
און רוישיק מיט איר דאָרט, מיט מינען,
וואָס ווייטער אַלץ מער איז געוואָרן.

אין אָפּערע טוט זי שוין זינגען —
אין „קאַרמען", „לאַ זשוויף", „ריגאָלעטאָ" ;
אַפילו איר נאָמען צעקלינגען ;
איר נאָמען צעפּויקן גאַזעטן . . .

און אויכעט אין שטעטל אין קליינעם
מע ווייסט שוין פון גדולה פון אירער,
און תושבים פון שטעטל און שכנים,
מיט גדלות זיי ריידן פון איר אָפּט :

וואָס זאָגט איר צו מינעלע ראַנדער,
דער טאָכטער פון בעל-הגאָרטן ?
זי זינגט דאָך, „די שיקסע די בלאָנדע",
אין קרוינשטאָט, אין אָפּערע דאָרטן ! . . .

און — ס'וואַלט איר גאָר גלענצנד אַוועקעט.
איר נאָמען — ער וואַלט אַלץ געוואַקסן,
און וואַלט זיך אויף ברייטערע שטרעקעס
אַלץ מערער צעשפּרייט און צעוואַקסן.

און ס'וואַלט זי אַ נגיד אַ גרויסער
מיט גאָלד און בריליאַנטן באַשאָטן — —
און זי וואַלט אין כבוד, אין עושר
געלעבט זיך — ווי גאָט האָט געבאָטן — — —

איז אָבער אַריין אין דער בלאָנדער
אַ „טירוף", אַ „ווילדע" אידייע:
גענומען האָט טרוימען זי, ראָנדער,
פון ליטעס חלוצישע רייען.

גענומען האָט חלומען היציק
פון שיפן, וואָס עולים זיי פירן . . .
און אָפּגעטאָן האָט זי אַ „שפּיצל" —
אין קרוינשטאָט — דער אָפּערע אירער:

אַוועקעט אין גליל, אויף אַרבעט,
אויף פּראַצע אויף ערדיש-געזונטער:
זיך גרייטן פאַר לעבן פאַר האַרבן
אין „ארץ" — אויף אייגענע גרונטן . . .

און ווען ס'האָט דער עולם דערזען זי
אין גליל — אין „קבוצת לאַפּינין", —
געוואָרן ער איז דאָ אָפּהענטיק
פון רייציקער שיינקייט איר, מינעס:

אַ הויכע, אַ בויגיקע מיידל,
מיט לאָקן מיט בלאָנדע, ווי אַסיען;
דאָס פּנים — געשניצט און געאיידלט;
די אויגן — מיט בלויקייט פאַרגאָסן . . .

אַ „פּרי״, וואָס דופטעט עקזאָטיש,
א „פּרי״ פון שטאַמען — ניט-יידיש . . .
און עולם פון קבוצה, ער האָט דאָ
באַטראַכט זי, די נייע, פאַרחידושט.

און מער נאָך געוואָרן פאַרוווּנדערט
מען איז דאָ, איז „קבוצת-לאַפּינין״,
ווען מ׳האָט זיך דערוווּסט, אַז געזונגען
אין אָפּערע האָט זי, די מינע.

האָט מען זי, די נייע, באַאויגלט
מיט וווּנדער, מיט שטוינונג, — פיל מערער:
וואָס האָט זי, דער בלאָנדער, באַוויגן
צו פאָרן אויף ארבעט אהער-אָ?

און אַלע עס האָבן אין קבוצה
געספּקט, צי וועט זי זיך האַלטן, —
אָט-די־אָ גאָר מאָדנע חלוצה,
דער שטערן דער זוניק צעשטראַלטער . . .

נאָר אַנדערש געטראַכט זיך האָט ראָנדער.
ביי איהר איז געוועזן באַשטימט שוין:
ניט וויסן זי וויל מער, די בלאָנדע,
פון אָפּערע, רייכקייט, באַרימטקייט.

געקומען זי, מינע, אַהער איז,
אין גליל פון ליטע, — צו בלייבן;
זי חלומט פון „ארץ" גאַר ערנסט;
זי וויל קיין קאַטאָוועס ניט טרייבן . . .

זי, ראַנדער, — זי וויל דאָ זיך מיען
ביי אַרבעט ביי ערדיש-געזונטער;
און נאָכדעם צו פאַרן קיין ציון —
זיך מיען אויף א י י ג ע נ ע גרונטן — — —

און מינעלע ראַנדער באַשיידן
(ווי יעדע אין גליל חלוצה),
אין קלומפּעס, אין כאַקינעם קליידל,
האָט טאַן אַלץ גענומען אין קבוצה.

און אַרבעטן אויך אויף די פעלדער —
ביים גערשטן, ביים האָבער, ביים קאָרן — — —
און מערער פון אַלעס — ביים מעלקן
די קי פון לאַפּינינער פּריץ.

(זי פלעגט אינדערהיים, אינעם שטעטל,
אָפט מעלקן דער מאַמעס צוויי ציגן;
זי האָט עס געטאָן ניט-געבעטן —
געהאַט האָט פון דעם פאַרגעניגן . . .

האָט זי איצט מיט טיפער הנאה
געמאָלקן דעם פריצס בהמות:
צוויי צענדליק. אי ברוינע, אי גרויע.
גאָר פעטע. מיט אייטערס — אָן אימה . . .).

אַזוי האָט זי, מינע, געמיט זיך
פון מאָרגן פון פריען ביז אָוונט —
אין קי־שטאַל, אויף פעלדער צעבליטע,
ביים דרעשן, ביים קלייבן, ביים גראָבן.

און נאָכדעם, אינאָוונט, אין קבוצה,
היפש מיד פון דער אַרבעט, האָט מינע,
מיט אַלע חלוצים, חלוצות,
פאַרנומען זיך אויך מיט נגינה.

מיט לידער חלוצישע שיינע,
מיט חסידישע שיינע ניגונים;
ווי קוועלכלעך ווי פעלדישע ריינע,
זיי האָבן, די לידער, גערונען...

ווי טייכלאָך ווי וואַלדישע — לויטער,
זיי האָבן געשפּילט, די ניגונים. —
און צאַרטער פון אַלע, פאַרטרוימטער
האָט מינעלע ראַנדער געסטרונעט...

און גוט איז געווען צו פאַרברענגען
אַן אָוונט אין „קבוצת-לאַפּינין״;
צו זיצן אין קרייז דאָ אין ענגן
פון אַלע חלוצים — מיט מינען.

מע זיצט אַרום טיש אַרום לאַנגן —
אַן ענגע, אינטימע מסיבה;
פון מיילער עס פליסן געזאַנגען,
ניגונים גאָר שיינע, גאָר ליבע.

מע זינגט אין אַ כאָר אין אַ ווילן —
אַ ליד און אַ צווייטע, אַ דריטע — —
פאַרשיידן עס זענען די קולות,
נאָר אַלע — גאָר האַרציק צעריטמט . . .

און נאָכדעם זינגט מינעלע סאָלאָ.
און טרילערט אַזויווי אַ פויגל . . .
און עולם, ער הערט זי פאַרחלומט —
מיט טיפער פאַרערונג אין אויגן . . .

און נאָכדעם — באַנייעס בציבור,
און מינע — מיט אַלע אינאיינעם ;
און ס׳הערט, אַ פאַרטרוימטע, דאָס שטיבל,
און ס׳הערן אַרומיקע פליינען . . .

און — שעה׳ן אַזוי-אַ פאַררינען.
דער אָוונט פאַרגיין טוט אַזוי דאָ.
עס טוט אַלץ די ,,קבוצת-לאַפּינין״
אויף וועלן פון לידער זיך הוידען — — —

אין גליל מען האָט פיל געזונגען —
ניגונים און לידער גאָר שיינע ;
מען האָט דאָ די קבוצות פאַרקלונגען,
מען האָט דאָ פאַרקלונגען די פליינען.

נאָר מערער פון קבוצות פון אַלע
געזמרט האָט ,,קבוצת־לאַפּינין״,
ווייל דאָ האָט אַ ,,שטערן״ געשטראַליקט —
די אָפּערע-זינגערין מינע.

די טענצערין

געוועזן אין ליטווישן גליל —
ביים באַלטיק — אַ פולע טאַלאַנטן:
טאַלאַנטן צו שפּילן, צו מאָלן,
טאַלאַנטן צו זינגען, צו טאַנצן.

געוועזן דאָ אַ פידלער — „דער זיידע״,
פלעג פידלען מיט אימפּעט, באַגייסטערט;
אים הערן געוועזן אַ פרייד איז:
אַ קינסטלער אַן עכטער, אַ מייסטער.

געוועזן אַן אַקטיאָר דאָ, אין גליל,
ס׳איז שלמהקע „ציגיינער״, דער קליינער;
געשפּילט אין פאַרשידענע ראָלן,
געמאַכט האָט אי לאַכן, אי וויינען.

געוועזן דאָ דניאל דער דיכטער,
אַ בחור אַ גלייכער, איז ברילן;
פון לעבן אין קבוצה געדיכטעט —
פּאַעמעס מיט טיפע געפילן.

געוועזן דאָ מאָלער און זינגער,
געוועזן דערציילער און טענצער;
טאַלאַנטן מיט נעמען, וואָס „קלינגען״,
טאַלאַנטן „באַוואוסטע״, „באַקענטע״.

נאָר מערער פון אַלע טאַלאַנטן
(באַרימטע, באַוווּסטע, באַקענטע)
אין ליטווישן גליל אין גאַנצן
די טענצעריןְ תּחיה גע׳שמ׳ט האָט.

געווען איז תּחיה אַ הויכע,
אַ שלאַנקע, — אַ סאָסנע אַ יונגע;
בלוי־אויגיק, מיט רייציקן שמייכל;
רויט־האָריק, מיט פּיס צוויי — פול וווּנדער.

געווען איז זי באַלערינע,
אויף שפּיצן פון פינגער געפּלאַטערט;
געשוועבט און געכישופט אויף בינעס
פון גרויסע, געפּאַקטע טעאַטערס.

און ס׳האָבן געלויבט זי די בלעטער:
זי, תּחיה, — זי איז שוין אַ „שטערן״;
און גרעסער נאָך ווערן וועט שפּעטער —
אַ „זון״ נאָך אַ גאַנצע וועט ווערן...

האָט תּחיה געטאַנצט אַלץ, געדרייט זיך,
האָט תּחיה געשוועבט אַלץ אינלופטן
(אין דינע, אין זיידענע קליידער,
באַהאַנגען מיט צירונג, באַדופטעט). —

ביז איינמאָל האָט זי זיך באַוויזן
אויף לייסוועס, אין מרכז־החלוץ,
געבעטן קאַקעטיש, קאַפּריזיש
זי שיקן אויף אַרבעט, אין גליל.

האָט מען דאָרט, אין מרכז, באַבליקט זי
מיט אויגן, פול חידוש פול גרויסן;
אַ פריילין מיט לענדן צעוויגטע,
אין קליידער, מיט זיידנס וואָס רוישן,

אין שיכלאַך אויף קנאַפל אויף הייכע,
מיט צעפּ צוויי מיט גראָבע און לאַנגע;
באַדופטעט מיט איידעלע ריחות;
מיט טייערע צירונג באַהאַנגען; —

וואָס וויל זי פון גליל, פון קבוצה?
פון אַרבעט אין פעלדישן דרויסן?
וואָס איז זי, די רייכע, פאַרפּוצטע,
די טענצערין שיינע דאָ אויסן?

מסתּמא זי מיינט עס ניט ערנסט,
אַ שפּאַס נאָר אַזאַ מין אודאי;
אַזאַ מין קאַפּריז פון אַ „שטערן״
(צו טאָן אָפּט אַזוינס, וואָס ניט גראָד איז). —

האָט מען דאָרט, אין מרכז־החלוץ,
מיט צוטרוי מיט ווייניק באַבליקט זי,
און שיקן אויף אַרבעט, אין גליל,
דערווײַלע מען האָט ניט געשיקט זי. —

נאָר תחיה געמיינט האָט עס ערנסט:
זי וויל ניט מער זיין באַלערינע.
זי וויל אַ חלוצה דאָ ווערן.
איר, תחיהן, געפעלט פּאַלעסטינע...

זי האָט זיך אַנטוישט אין איר טאַנצן,
אין היים איר, איז קינסטלער־קאַלעגן . . .
איז וויל זי זיך לאָזן איבגאַנצן
אויף נייע — חלוצישע — וועגן...

האָט ענדלאַך זי, תחיה, געפּועלט
צו פאָרן אין גליל, אויף אַרבעט
(זיך גרייטן פאַר ארץ ישראל,
פאַר לעבן פון דאָרטן פאַר האַרבן).

און ווען דאָ באַוויזן זי האָט זיך,
אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אַ שיינע,
געפּודערט, געפאַרבן, גרויסשטאָטיש,
אין זיידנס, אין שיכלאַך אין קליינע, —

האָט עולם אין מויל זי גענומען,
געשמייכלט, געלאַכט און געחוזקט:
אַ חתן דאָ זוכן געקומען,
אַ טענצער, אין פראַנטישע הויזן . . .

און תחיה דערזען טאַקע באַלד האָט:
דאָ פּאַסט ניט איר טענצערשער אָנטאָן;
די זיידענע קליידער, אין פאַלדן,
די לאַקענע שיכלאַך — צעיום־טובט.

ניט טאַנצן אַהערצו, אין קבוצה,
זי איז דאַך געקומען צופאָרן.
דאָ דאַרף מען זיך מיען חלוציש —
ביים מעלקן, ביים שניידן דעם קאָרן.

דאָ דאַרף מען אין גרונטן זיך ריען,
קאַרטאָפל און ריבן דאָ גראָבן. —
אין שיכלאַך אין אירע זי, תחיה,
אין צעפּ אירע לאַנגע און גראָבע,

באַפּודערט, באַשימערט מיט צירונג,
מיט ליפּן געפאַרבטע, וואָס גלאַנצן,
ווי קען זי אַ טראַקטאָר דאָ פירן ?
ווי קען זי דאָ זייען, דאָ פלאַנצן ?

האָט תחיה די האָר אָפּגעשאָרן,
פאַרוואָרפן די שיכלאַך די קליינע,
אַ פּראָסטע חלוצה געוואָרן
(אין קלומפּעס, אין כאַקינעם קליידל),

און אַרבעט אַצינדער, ווי אַלע
חלוצים אין גליל פון ליטע :
אין פעלדישן דרויסן, אין שטאַל דאָ,
אין שייער, אין גאָרטן צעבליטן,

ביים מעלקן דעם פּריצס בהמות,
ביים גראָבן די בולבעס פון פּריץ,
ביים האַקן און זעגן דיביימער,
ביים שניידן און בינדן דעם קאָרן — —

נאָר טאַנצן זי האָט ניט פאַרגעסן,
נאָר טאַנצן זי טאַנצט אויך אַצינדער,
עס טרעפט אָפט ביים זייען, ביים דרעשן,
ביים מעלקן, ביים פּאַשען די רינדער, —

צעטאַנצט זי זיך, תחיה, עקסטאַטיש,
נעמט טראָגן אינלופט זיך באַלעטיש,
און דרייט זיך פאַרכישופט און פלאַטערט, —
כאַטש נעם דאָ און גיי אויף בילעטן...

נאָר מער נאָך זי, תחיה, טוט טאַנצן
אויף הייסע הילולות פון גליל,
ווען ס׳פרייט זיך דער גליל דער גאַנצער
אין מעמל, אין הויז פון החלוץ.

זי טאַנצט דאָן צוזאַמען און סאָלאָ.
זי טאַנצט דאָן חלוציש און אַנדערש.
און אַלע דאָן זעען אין גליל:
זי, תחיה — דער גרעסטער טאַלאַנט דאָ...

שושנה

ר א י ע י ן

געטראַכט האָט זי צו פאָרן קיין בראַזיל —
צום חתן אירן מיליאַנערסקן דאָרטן;
איז זי גאָר דאָ, אין ליטווישן גליל, —
פאַרנומען דאָ אין פעלד, אין שטאַל, איז גאָרטן;

מיט אַלעמען פון קאָלעקטיוו צוגלייך —
ביים אַקערן, ביים מעלקן קי, ביים פלאַנצן;
אין טעג, מיט וואָלקנס און מיט רעגן רייך,
אין טעג, מיט זון וואָס גאָלדיקן און גלאַנצן.

און אָפט, אין שטאַל, אין גאָרטן, צי איז פעלד,
זיך מיענדיק מיט אַלע פון דער קבוצה,
עס טוט פאַר בליק פאַר אירן זיך אַ שטעל
— שוין ווייט אַזוי — איר לעבן פאַר־חלוציש.

שוין ווייט אַזוי . . . הגם צוריק ניט לאַנג
איז זי געווען נאָך אין אַט יענעם שטעטל,
אַוו איר לעבן צאַרט איז אויפגעגאַן,
אַוו געשטאַנען איז איר קינדהייט-בעטל.

אַוו, ווי צוויט, געדופטעט און געהעלט
עס האָבן אירע ערשטע יונגט־יאָרן;
און ווו עס האָט שוין ווייניק־וואָס געפעלט,
זי זאָל צום חתן מיליאַנערסקן פאָרן.

. . . איר היימשטעטל, אין גרויסן ליטע־לאַנד,
אַ היפּשער ישוב, גאַסן, געסלאַך, קלייטן,
און אויך אַ מאַרק אין שטעטל איז פאַראַן,
אַ מאַרק — אַ פעלד אַ רחבותדיק צעשפּרייטער.

און יידן-תושבים מסחרן אויף אים:
מיט פלאַקס און אייער, חזיר-האָר און גערשטן,
און שטעטל-לעבן, שטיל אַזוי סע שווימט,
און ווייט עס איז נאָך פאַרן וועלט־קריג ערשטן.

שושנה, זי איז נאָך אַ קינד אַ קליין,
און שוועסטער אירע, ברידער אירע, — אויכעט;
און גאַנץ עס איז נאָך איר, שושנהס, היים,
און טאַטע אירער איז דער שטעטל-שוחט.

אַ פרומער טאַטע, מיט אַ שוואַרצער באָרד,
און מיט חלפים בלאַנקנדע אַזוינע
(ער פּרוּווט גאָר אָפט זיי אויסעט אויף אַ האָר,
און יעדן טאָג ער גייט מיט זיי אין בוינע).

און ס׳לעבט זיך זיי אין שטעטעלע ניט שלעכט,
און זי, שושנה, הויבט זיך, ווי אויף הייוון,
און צעפּלאַך שוין קאַשטאַנעווע פאַרפלעכט,
און העלפט שוין צו דער מאַמען ביי דעם אויוון.

זי איז, שושנה, זיבן יאָר שוין אַלט,
און אויפן אויסזען זעט זי מערער אויסעט;
איר פּנימל מיט חן און חכמה קוואַלט,
און אויגן האָט זי ברענענדיקע, גרויסע.

און אַלע ליבן אַט־דאָס שיינע קינד.
און טאַטע-מאַמע ליבן זי נאָך הייסער.
און ס׳גייען טעג מיט פריד און רו באַשפּינט.
פון קריג און חורבן שטעטעלע עס ווייס ניט.

און זי, שושנה, בליט געראָטן גאָר.
און אַכט אינגיכן איר, דער שיינער, ווערט שוין — —
דאַרף אָנקומען אַט יענער וויסטער יאָר —
דאָס יאָר פון אומגליק: ניינצן הונדערט פערצן.

דער ערשטער וועלט־קריג שטורעמדיק ברעכט אויס —
מיט באָמבע־שאָט, מיט דונער פון קאַנאָנען;
און פונעם שטעטל טרייבט מען באַלד אַרויס
די יידן אַלע — „דייטשישע שפּיאָנעס״.

אין הילצערנע וואַגאָנעס זיי מע פירט,
דורך לענג און ברייט פון לאַנד פון גרויסן — רוסלאַנד;
פאַריגלטע, פאַרשלאָסענע, ווי פי;
דורך טעג און נעכט — אין קאַנטן אומבאַוואוסטע.

און אויך שושנהן פירט אַזאַ מין באַן.
און טאַטע-מאַמע, שוועסטער־ברידער אירע.
און ברענגט לסוף זיי אין אַ ווייטן קאַנט.
און אין אַ שטאָט אַ ווייטע ברענגט צופירן.

אַ גרויסע שטאָט, אין פּראָסטיקן סיביר.
אַ פרעמדע שטאָט, אַ גויישע, אַ קאַלטע . . .
וווּ צען חדשים דורכן יאָר מע פרירט.
אַוווּ פון הייכן שניי געדיכטער פאַלט אַפּט.

און ס׳איז אַדאַ אַוועק זיי גאַר ניט ווייל.
קיין שוחט מער איז טאַטע ניט געווען.
און מאַגנס אַפּט געווען זעגען הויל.
און ענג — די דירה, וווּ מען איז געזעסן.

דערנאָך געקומען איז דער בירגערקריג,
באַגלייט פון טיפוס, הונגער און פּאָגראָמען.
דעם קאָנט האָבן די „ווייסע‟ ווילד געשטיקט.
און יידיש בלוט געפּלייצט עס האָט — אין שטראָמען.

און איז אַ נאַכט פון פלעטנדיקן גרויל
באַפאַלן איז מען זייער וווינונג אויכעט
און מיט אַ שאַרפער, בריענדיקער קויל
אַ סוף־געמאַכט צום לעבן פונעם שוחט.

און קינדער פיר — צוויי טעכטער און צוויי זין —
דערמאָרדעט מיטן טאַטן דאַן צוזאַמען.
און על־פּי־נס געבליבן פון געזינד
שושנה איז, אַ ברודער און די מאַמע.

און לאַנג די מאַמע קראַנק געלעגן איז —
פון אַנווער גרויסן שוידערלאַכן, שוואַרצן — —
נאָר ביסלעכווייז האָט בלוטנדיקער ריס
געגומען זיך פאַרציען אין איר האַרצן.

וואָס ערד פאַרדעקט — פאַרפאַלן איז עס דאָך.
און קינדער צוויי זי האָט נאָך צו דערציען.
האָט זי געטריבן פון איר האַרץ דעם בראָך.
האָט זי גענומען ווי עס איז זיך מיען.

געוואַשן וועש פאַר פרעמדע רייכע לייט.
און קינדער אירע האָבן זיך געלערנט.
און דורכגעשטופּט מען האָט די האַרבע צייט.
און דורכגעשטופּט מען האָט די יאָרן שווערע.

דערנאָך איז מען אַהיים געקומען קריק —
אין אַ באַפרייטער, זעלבסטשטענדיקער ליטע;
געוועזן איז עס לאַנגשויז נאָכן קריג,
דאָס שטעטעלע געווען איז שוין געביטן.

דאָס אַלטע האָט שוין היפּשלאַך דאָ געפעלט.
מיט נייקייט האָט שוין שטעטעלע געאָטעמט.
געשמעקט מיט גרויסער, רוישנדיקער וועלט.
געפירט זיך פריי, ציוויליזירט, גרויסשטאָטיש . . .

פונוויט מען האָט אַהערצו אַנגעבראַכט
פאַקסטראָטן, דזשאַזן, ביליקע קופּלעטן,
און יונגן, מוידן האָבן נאָכט נאָך נאָכט
געטאַנצט, געזונגען ביזקל שעהן שפּעטע.

אַ הוליעניש פאַרפלייצט דאָס שטעטל האָט,
אַ גאַרעניש נאָך גרינגע פאַרגעניגנס;
ווי זיך באַצאַלן עולם וואָלט געוואָלט
פאַר אַלעליידן, וואָס פאַרשאַפט דער קריג האָט . . .

שושנה, זי געוועזן איז שוין רייף,
אַ הויכע מויד, מיט אַ געזיכט, וואָס כישופט,
אַ שלאַנקע מויד, אויף פיס, געטאָקט און שטייף,
אַ שיינע מויד — די שענסטע אינעם ישוב.

איז באַלד געוואָרן רוישיק אַרום איר —
פון כל המינים שטעטלשע פאַרערער;
און זי שושנה, האָט זיך גוט געשפּירט
צעווישן די־אַ אַלע „קאַוואַליערן״.

פאַרוויילן זיך געגאַנגען אָפט מיט זיי —
אויף וועטשערינקעס, בעלער אַלערלייע;
אין טשאַרלסטאָנען ווילדע זיך געדרייט —
אַ שטעטלשע, אַ רייצנדיקע פּייע . . .

אַ „באַרישניע״ געווען איז זי איצט.
געטראָגן קליידער לויט דער לעצטער מאָדע.
און מיט פּאַרפיומען דינע זיך באַשפּריצט,
און זיך געשמינקט, און זיך געפּודערט האָט זי.

און אויער־רינגען האָט געטראָגן זי,
פון רייַנעם גאָלד אַ פינגערל אַן איידלס.
געווען איז איצטער איז זי בלויז אַ „זי״,
אַ פּוסטינקע, קליינבירגערלאַכע מיידל . . .

געהאַט אין זינען נאָך און נאָך אַ באַל.
געהאַט אין זין אַלץ נייע קאַוואַליערן.
און ניט געקלערט פון אַזאַ זאַך, ווי „פאָלק״ . . .
און ניט געטראַכט פון אַזאַ זאַך, ווי „ארץ״ . . .

און אָט אַזוי געגאַנגען איז די צייט.
און אָט אַזוי פאַרגאַנגען יאָר נאָך יאָר איז.
אין קליידלאַך, צירונג, שמחהלאַך — פאַרשייט.
ביז איר, שושנהן, צוואַנציק איז געוואָרן.

און דאַן האָט זיך דער חתן איר געמאַכט
(אַט דוקא דער פון אַלינקע פאַרערער . . .).
אַ בראַזיליאַנער, און מיט געלט אַ סך.
מע זאָגט אַפילו: ער אַ מיליאָנער איז . . .

און שטאַמען שטאַמט ער, דער מאַגנאַט, פון הי.
און איז אַהער צוגאַסט אַראָפּגעקומען.
און האָט זיך תיכף יוגנטלאַך פאַרליבט
אין איר — דער טאָכטער פונעם שוחט פרומען.

ער האָט געקענט דעם טאַטן אירן גוט.
(ווען זי, שושנה, איז געווען אַ קינד נאָך):
ער איז מיט איר אַפילו „אייגן בלוט" —
פאַרוואַנדט עס זענען זייערע געזינדן.

און זי, שושנה, „רעדט" צו אים — אַ שרעק.
און ער, דער עושר, — ער איז נאָך אַ בחור.
וואָלט זי ביי אים געטנחתט — אָן אַ ברעג.
וואָלט זי ביי אים גע׳יום-טוב׳ט — אינדערוואָכן.

און כאָטש ער איז געווען שוין ניט יונג,
צוויי מאָל אַזוי די אַלט ווי זי, שושנה,
האָט ערנסט זי אַ טראַכט-געטאָן דערפון:
„פאַרבינדן זיך" מיט אָט־דעם בראַזיליאַנער

און פאָרן אין דעם ווייטן, רייכן לאַנד,
ווו זי, שושנה, וועט אין גאָלד זיך באָדן,
ווו זייד-געבעט וועט זיין איר יעדער שפּאַן,
ווו מיט בריליאַנטן וועט זי זיין באַלאָדן.

אין שטעטעלע זי זעט קיין צוקונפט ניט.
די זאַטע יאָרן נעמען שוין פאַרשווינדן.
די צייט ווערט שווער און שטעטל־עולם ציט
אַלץ מער אינוווייטן — גאַנצענע געזינדן.

מען עמיגרירט קיין פּערו, אורוגוויי,
מען עמיגרירט קיין מעקסיקאָ, קיין טשילי;
אַלץ מער מע לאָזט פון שטעטל זיך אינווייט,
אַלץ מער איז שטעטל הוילער ווערט און שטילער . . .

איז איר, שושנהן, אומעטיקלאַך שוין.
איז ווילט זיך איר אָוועקפאָרן פונדאַנען.
בפרט, אַהינצו, ווו פול גאָלד אַ קרוין
וועט אָנטאָן איר דער חתן בראַזיליאַנער . . .

האָט שוין געהאַלטן אַט, שושנה פאָרט.
און מאַמע האָט איר צושטימונג געגעבן.
און ברודער אויך: זי וועט, שושנה, דאָרט,
אין לאַנד איז רייכן, וויסן, וואָס הייסט לעבן . . .

און נאָכדעם וועלן קומען אויכעט זיי.
און זיין זיי וועלן אַלינקע צוזאַמען.
און זי, שושנה, — זיין זי וועט אַ טרייסט
דעם ברודער אירן איינציקן, דער מאַמען . . .

איז אָבער קיינזאַך ניט אַרויס דערפון,
איז פונעם „שידוך" גאָרניט ניט געוואָרן.
אַריינגעמישט זיך האָט אין דעם אַ יונג
און קיין בראַזיל — זי איז שוין ניט געפאָרן.

מנחם הייסט ער, אַט־אַ־דער־אַ יאַט.
אַ יונג אַ שיינער, שטאַלטנע, ווי אַ סאָסנע;
אַ קרעפּטיקער, מיט הענט, מיט מוסקלען, — האַרט.
אַ ברויזיקער, מיט אימפּעט אָנגעגאָסן.

אַ חלוץ איז ער. אַרבעט אין גליל.
און איז צוגאָסט אַהיים אַראָפּגעקומען.
און — ס'חידושט אים, וואָס דאָ איז אַזוי שטיל.
און — ס'וווּנדערט אים, וואָס דאָ איז אַזאַ אומעט . . .

פון אומעטום מע פאָרט אויף הכשרה.
אין יעדן ישוב איז אַ „סניף" פאַראַנען.
און דאָ איז אַ פאַרשלאָפנקייט אַזאַ.
און קיינער ניט אין גליל פאָרט פונדאַנען . . .

האָט ער, מנחם, זיך געטאָן אַ נעם,
געגרינדעט באַלד אַ היפּשן „סניף" אין שטעטל.
און ווען ער האָט שושנהן דאָ דערזען,
האָט ער אויך זי אין אָט־דעם „סניף" פאַרבעטן:

איר אָרט, שושנהס, איז אין „החלוץ".
זי דאַרף, שושנה, אַ חלוצה ווערן.
זי דאַרף פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם פוץ,
דאָס פינגערל, די אויער־רינגען שווערע . . .

די שיינע קליידער און דעם ליפּן־פאַרב,
די פּנים־פּודרע און די שמינקע גאָרע . . .
אין גליל זי, שושנה, פאָרן דאַרף,
אויף הכשרה זי דאַרף, שושנה, פאָרן — —

אַזוי האָט ער, מנחם, זיך צערעדט —
ביים ערשטן מאָל וואָס ער האָט זי באַגעגנט;
דערביי געשילדערט איר ווי אַ פּאָעט
דאָס גלילשע פּולסירנדיקע לעבן.

דערציילט מיט היץ פון קבוצות אַלע צוועלף,
פון הארעוואַניע פּיאָנעריש האַרבער;
געמאָלן בילדער — האָפּערדיק און העל,
געמאָלן בילדער — רייצנדיק און פאַרביק.

שושנה, זי האָט אים פאַרכאַפּט געהערט,
דערביי באַטראַכט אים מיט די גרויסע אויגן,
דערביי געזען זיך אויף דער גליל־ערד, —
איבער ... סערפּ, אַ רידל אַנגעבויגן;

אויף הכשרה זי איז, שושנה, שוין,
זי מיט זיך פליסיק ביי דער פראַצע האַרבער;
און ווינען ווינט זי, וווּ מנחם וווינט,
אין זעלבער קבוצה, וווּ מנחם אַרבעט . . .

זיי אַרבעטן צוזאַמען אויפן פעלד,
זיי מיען זיך צוזאַמען אינעם גאָרטן.
זיי שניידן ווייץ און קאָרן-זאַנגען — העל.
זיי קלייבן פּרות אַלערלייע סאָרטן.

און איר, שושנהן, גוט איז, זייער גוט.
און פון בראַזיל זי טוט שוין מער ניט קלערן . . .
זי אַרבעט אַלץ מיט חשק אויפן גוט.
זי גרייט זיך אַלץ צו עולה-זיין קיין „ארץ״ . . .

און אַט קומט אָן דער לאַנג־געגאַרטער טאָג:
מנחם, זי, שוין פּאַלנע פּיאָנערן, —
אַ שיף מיט עולים אויפן ים זיי טראָגט
און — שווימט מיט זיי אַלץ נעענטער צו „ארץ״ . . .

אַזוי האָט זי, שושנה, דאָן געטראַכט,
אַזוי האָט זי, שושנה, דאָן געחלומט;
און גאָר אינגיכן טאַקע אָפּגעמאַכט:
ניט קיין בראַזיל זי לאָזט זיך, נאָר אין גליל.

אין היים אירער געוואָרן איז אַ גוואַלד.
די מאַמע אירע האָט גענומען קלאָגן:
זי האָט געהאַפּט: איר טאָכטער וועט אַט באַלד
אַ פּאַלאַץ אַ מאַגנאַטישן פאַרמאָגן . . .

און זי, די מאַמע, פאָרן וועט צו איר.
און אויך דער ברודער קיין בראַזיל וועט פאָרן.
איז ווערט זי פון אַ חלוץ גאָר „פאַרפירט״.
איז קלייבט זי זיך אין אַלדי שוואַרצע־יאָרן . . .

אַזוי די מאַמע האָט צו איר געוויינט.
און ברודער אירער גאָר געקערט האָט וועלטן:
ער קען עס ניט בשום אופן פאַרשטייך,
פאַרוואָס דווקא אויף הכשרה געפעלט איר . . .

און אָפּריידן זיי האָבן זי געפּרוווט;
ס'עט שווער איר זיין צו לעבן אין אַ קבוצה.
די ערד־אַרבעט צעברעכן וועט איר גוף.
ס'איז ניט פאַר איר צו פירן זיך חלוציש . . .

זי איז צו דעם, שושנה, ניט געוויינט.
און פּאַלעסטינע איז בכלל קיין ציל ניט . . .
זי בויטיקט זיך אין אַ סאָלידער היים.
און אַזאַ היים קען געבן איר בראַזיל נאָר . . .

אַזוי צו איר זיי האָבן אַלץ גערעדט,
אַלץ געפּרובירט זי אַפּריידן פון פאָרן;
אין גליל דאָרט, אויף הכשרה, זי וועט
אַ תל-מאַכן פון אירע יונגע יאָרן . . .

נאָר זי, שושנה, האָט זיי ניט געפאָלגט.
פון בראַזיליאַנער וויל זי מער ניט קלערן.
זי קלערט אַצינד פון אַזאַ זאַך ווי „פאָלק" . . .
זי טראַכט אַצינד פון אַזאַ זאַך ווי „ארץ" . . .

און פאַר קיין אַרבעט שרעקט זי זיך ניט אָפּ.
און קבוצה-לעבן וועט איר שווער ניט פאַלן.
טאָ זאָלן זיי ניט דרייען איר קיין קאָפּ
מיט בראַזיליאַנער לוקסוסדיקע זאַלן . . .

און באַלד האָט זי באַפרייט זיך פונעם רינג,
די אויער-רינגען באַלד אַראָפּגענומען;
און אויפגעהערט באַנוצן זיך מיט שמינק,
און ניט באַגאָסן מער זיך מיט פּאַרפיומען;

זי דאַרף ניט מערער אָט-דעם גאַרן פּוץ.
זי קען, שושנה, זיך באַגיין שוין אָן אים.
זי איז, שושנה, שוין אין „החלוץ".
זי האָט, שושנה, שוין אַן אַנדער פּנים . . .

זי אַרבעט שוין גאָר טיכטיק אינעם סניף.
זי גרייט זיך שוין צום קבוצה-לעבן האַרבן — — — —
און אַט קומט אָן פון מרכז איר אַ בריוו:
זי קען, שושנה, פאָרן שוין אויף אַרבעט — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

און איצט איז זי אויף גלילדיקער ערד
(אין זעלבער קבוצה, וווּ מנחם מיט זיך . . .).
זי אַרבעט דאָ, ווי אַלע, זייער שווער —
אויף היגע פעלדער פרילינגשע, צעבליטע.

זי אַרבעט דאָ מיט אַלעמען צוגלייך:
ביים אַקערן, ביים מעלקן קי, ביים פלאַנצן;
אין טעג, מיט וואָלקנס און מיט רעגן רייך,
אין טעג, מיט זון וואָס גאָלדיקן און גלאַנצן.

און — גוט איז איר דאָ, זייער, זייער גוט.
און אָפט, איז שטאַל, אין גאָרטן, צי אין פעלד ווו,
זיך מיענדיק מיט יוגנט-ברען, זי טוט
אַ קלער פון זיך, אַ שמייכלענדיק צעהעלטע:

— געטראַכט האָט זי צו פאָרן קיין בראַזיל —
צום חתן אירן מיליאַנערסקן דאָרטן;
איז זי גאָר דאָ, אין ליטווישן גליל,
איז אַרבעט זי אין פעלד אָדאָ, אין גאָרטן . . .

„קאַמטשאַטקע"

ישראל קאַפּלאַנען — דעם שארית
הפּליטה־ניק — אַ מתנה

געוועזן איז אין גליל פון ליטע אַ קבוצה —
„קאַמטשאַטקע" געררופן זי האָבן חלוצים:

די קבוצה די ווייטסטע אין גליל אין יענעם.
אַהינצו צו שפּאַנען ניט־מעגלאַך געוועזן איז.

אַהינצו ביז שטענדיק געפאָרן מיט באַן איך
(דורך ברייטקייט פון פליינען, דורך רחבות פון לאַנען),

פון מעמל,ביים באַלטיק, ביז סטאַנציע פּאַגעגן.
און דאָרטן אַ וועג איז אַ שטילער געלעגן —

געוואָרט, איך זאָל נעמען אים טרעטן און מעסטן
דורך דרייצן פאַרטרוימטע, באַביימערטע ווערסטן,

ביז „קבוצת פאַלאַמפּן" — „קאַמטשאַטקע" איר נאָמען. —
(ווי גוט איז מיר איצטער אַן דעם זיך דערמאָנען).

און אָט איז אַ מאָרגן — איין מאָל אין אַ חודש.
איך פאָר קיין „קאַמטשאַטקע". איך זיץ און זיך הוידע

אויף באַנק אויף דער האַרטער און בליק מיר אַרויסעט
דורך צוגישן פענצטער אין פעלדישן דרויסן.

כ׳האָב ליב אַט־די רייזע — צוויי שעה זי געדויערט.
האָב ליב זי אין שעהן אין העלע, אין גרויע,

ווען זון איז אין הימל, ווען וואָלקנס שפּאַצירן,
אין וואַרעם פון זומער, אין ווינטערשער קרירה.

ס׳איז תמיד ביים פענצטער צו זיצן מיר גוט דאָ.
אין אומרו פון פאָרן איך שפּיר זיך באַרוט דאָ . . .

אין רוישן פון רעדער אַ שטילקייט מיך קלאַמערט —
אַ שטילקייט פון פעלדער צעשפּרייטע און גראָמע ;

פון וועלדלאַך פון יונגע, וואָס איילן פאַרביי דאָ,
פון נחלה׳ס און מילן, פון שטיבלאַך און ביידלאַך.

איך זיץ מיר און בליק מיר און טראַכט פונעם גליל,
און גליקלאַך איך פיל זיך : איך בין דאָ אַ חלוץ,

אַ ,,וואָגלענדער לערער״ אין גלילשע קבוצות,
און פּאָר איצט באַזוכן די ווייטסטע חלוצים

(אין ,,קבוצת פאַלאַמפּן״ — ,,קאַמטשאַטקע״ איר נאָמען),
און — כ׳זע שוין פונווייטן אַיעטווידנס פּנים . . .

אַן עולם אַ ווילער, וואָס תמיד ער וואַרט נאָר
אויף אורחים, באַזוכער און וויל נאָר, און גאַרט נאָר

ביי זיך זיי, די ליבע, פאַרהאַלטן וואָס לענגער.
ווייל ווייט איז די קבוצה און טיף איז דאָס בענקן

נאָך פרישע געזיכטער, נאָך נייעס פון גליל:
וואָס טוט זיך אין מעמל? אין הויז פון החלוץ?

ווי גייט עס אין קבוצות? פון מרכז וואָס הערט מען? —
און גוט ווערט דעם אורח און אָנגענעם ווערט אים

אַדאָ, אין „קאַמטשאַטקע״, וואָס לענגער פאַרבּרענגען
מיט חברה, נאָך אורחים וואָס גאַרן, וואָס בענקען. —

איך ווייס עס פון זיין שוין ביי די־א „קאמטשאטן״.
און איצטער — פונוויטן — איך זע שוין די יאַטן.

איך פיל שוין די גלעטן פון בליקן דערפרייטע,
די שלום־עליכמס פון דלאָניעס פון ברייטע . . .

איך הער שוין די פראַגן, וואָס ליגן אויף צונגען
פון מוידן, פון יונגען, נאָך נייס אויסגעהונגערט . . .

און כ׳זיץ דאָ, ביים פענצטער, און האַלט אַלץ אין קלערן.
און ס׳לויפן די מיילן און סטאַנציעס זיך מערן.

ביז ענדלאַך עס פליט אָן די סטאַנציע פּאַגעגן
און — אָט איז דער וועג דאָ, וואָס ליגט ווי געלעגן:

אַ שטילער. באַביימערט . . . און כ׳שפּאַן מיר אַוועקעט
מיט סאָסנעס מיט שלאַנקע, אינהויך זיך וואָס שטרעקן,

מיט צאַרטע בעריאָזעס, מיט ווערבעס הארבאַטע,
מיט דעמבעס מיט גראָבע, מיט קליאָנען פּאַטלאַטע.

און ס'וויקלט דער וועג זיך אַלץ ווייטער און ווייטער.
און טראַט מיין איז מונטער. און האַרץ מיין איז הייטער.

און פריידיק עס איז מיר: איך גיי צו „קאַמטשאַטן",
צו ליבע חלוצים, צו טייערע יאַטן.

אַט איז שוין גאַר נאָענט פּאַלאַמפּענער נחלה
און — ס'האָט מיך דערקענט שוין דער חבר מנחם,

און לאָזט זיך אַנקעגן מיט שמחה אין בליקן,
און האַנט מיין ער כאַפּט אַן און פריידיק טוט דריקן,

און פירט מיך אריינעט פאַראַדפול אין קבוצה,
און — ס'רינגלען אַרום מיך דאַ אַלע חלוצים:

דער לאַנגער ראובן, דער קורצער עזריאל
און בערעלע „חקרן", און יאַנקל, און שמואל,

און מרים, שושנה און גרוניע — אינמיטן,
און — פרעגן עס נעמען אויף קאָפּ מיין זיך שיטן:

פונוואַנען איך קום איצט? אין גליל ווי גייט עס?
וואָס טוט זיך אין קבוצות — צי שניידט מען, צי זייט מען?

צי האָט מען דעם היי שוין אין שאַפּעס פאַרנומען?
צי זענען חברים דאַ נייע געקומען?

און ווער איז אַן עולה דאַ לעצטנס געוואָרן?
און ווער האָט קיין „ארץ" באַוויזן צו פאָרן?

און — דאָס איז דער עיקר: ווי לאַנג דאָ פֿאַרבלייַב איך?
וואָס לענגער, אַלץ בעסער . . . און עולם, זיך רייבן

ער נעמט די ידים פֿון גדולה, פֿון נחת:
אַן אורח אַזאַ מין אַדאַ אויף דער נחלה:

דער לערער פֿון גליל . . . איז דאַרף מען אים ווייזן
הכנסת-באַזוכער און זען אים צו שפּייזן

מיט גוטע געריכטן, באַטעמטע און פֿעטע.
און דאָס איז די עובדא פֿון חברטע עטל.

און חברטע עטל, אַ בריה אַ גרויסע, —
זי נעמט זיך צום קאָכן, צום פּרעגלען מיט חשק

און גרייט מיר אַ זופּ צו — א מאכל־מלכים,
און מאַכט מיר אַ טייגאַכץ אַ זיסן און נאָך אים

זי ברענגט מיר א טעלער אַ פֿולן מיט לאַטקעס,
וואָס שמעקן אין גליל — ניט בלויז אין „קאַמטשאַטקע" . . .

און איינמאָל, אום ווינטער, געוועזן סוף יאָר איז,
בין איך קיין „קאַמטשאַטקע" באַנייעס געפֿאָרן.

געפֿאָרן ניט זיכער, צי וועל איך נאָך טרעפֿן
א קבוצה, חברים, מיט אָרעמס — צעעפֿנט.

בין לאַנגשוין פֿון גליל געוועזן דערוויטערט.
געטאָן עפּעס אַנדערש: פֿאַעמעס געלייטערט,

געשריבן, געשאַפן, — אין היימשטאָט אין שטילער,
אין נאַכטישן איינזאַם, ווען דין די געפילן

די גאַנצע יצירה אַרום זיך באַנעמען
און — ראַמען זי איינעט אין אייגענעם רעמל,

אין אייגענע ווערטער, געדאַנקען, באַגריפן,
אין אייגענע הייכן, אין אייגענע טיפן . . .

איז בין איך געווען דערווייטערט פון גליל
(הגם אין מיין האַרצן — דער זעלביקער חלוץ . . .),

און האָב ניט געוואוסט מער, אין גליל וואָס טוט זיך:
צי איז ער פאַראַן נאָך, מיט אַלע צוועלף קבוצות,

צי, אפשר, ניטאָ מער — אויך דאָס קען געשען דאָך —
און אַלץ דאָרט געביטן, און אַלץ דאָרט — געענדערט.

און אָט האָט געמאַכט זיך: איך פאָר איבער ליטע —
פון שטעטל צו שטעטל, מיט באַנען, מיט שליטנס.

ס'איז ווינטער אינדרויסן. דעצעמבערשע קרירה.
און איך אין די שטעטלאַך — איך טו רעפערירן:

די יידישע דיכטונג אין לאַנד פון די ראַטן,
אין ליטע, אין פוילן, אין נאָרדישע שטאַטן . . .

און גוט איז צו זען מיר אַ יידישע יוגנט
(אין זאַלן געפּאַקטע) וואָס שעפּט דאָ מיט „קרוגן"

פון אויג און פון אויער מיין פארטראג אין יידיש
און — אלע פארשטייען, ס'איז קיינעם קיין חידוש . . .

אזוי האב באזוכט איך א ישוב נאך ישוב
(אין פרעסט איז געזונטע, אין שנייען אין פרישע),

ביז כ'האב זיך דערזועען אויף באדן פון גליל
און דא האט אין הארצן דערוועקט זיך דער חלוץ.

און ס'האט זיך פארבענקט מיר נאך גלילשע יאטן,
און כ'האב דאן באשלאסן צו זען די „קאמטשאטן".

(ס'איז גראד זייער קבוצה ניט ווייט דא געלעגן).
און — כ'זיץ אינעם צוג שוין, וואס גייט קיין פאגעגן.

און אט קום איך אנעט — עס איז שוין פארנאכט-צו —
און שפאן דא אוועקעט מיט וועג דעם פארטראכטן,

דורך רייען בעריאזעס און אנדערע בוימער,
וואס שטייען אצינדער מיט נאקעטע קרוינען;

נאר שניי אויף די קעפ זיי די הוילע עס לויכט זיך,
און ווינטל א שטעכיק מיט קאלטקייט באהויכט זיי.

זיי שטייען און שטארן, זיי שטייען און שטומען,
און שפרייטן ארום זיך א צווינטערשן אומעט . . .

און ס'גנבעט דער אומעט אין הארץ מיר אריין זיך
און שווער ווערט מיר שפאנען, און גיין ווערט מיר פיינלאד.

און — כ׳האָב שוין חרטה: ווו שלעפּ איך זיך איצטער?
אינדרויסן שוין טונקלט, אינדרויסן שוין פינצטערט.

און וועג אַזוי ציט זיך, און כ׳דאַרף אים אַלץ מעסטן
(דורך דרייצן פאַרשנייטע, באַפּראַסטיקטע ווערסטן . . .).

און ווער איז מיר ערב, אַז כ׳וועל נאָך דאָרט טרעפן
אַ קבוצה, חברים, מיט אָרעמס — צעעפנט?

קען זיין, שוין ניטאָ זיי, די יאָטן די ליבע,
און גיין מיין אומזיסט איז, איך גיי דאָ לאַיבוד . . .

אַזוי־אָ איך גיי אַלץ, איך שפּאַן אַלץ פאַרומערט
און — טו צו פלאַמפּן אַלץ נעענטער קומען.

אָט זע איך שוין לייכטן ביים פּריץ די לאָמפּן.
אָט הער איך שוין בילן דעם הונט פון פּאַלאַמפּן . . .

אָט הויכט זיך די ווינטמיל אין נאַכטישן הימל.
אָט הער איך פון מענטשן מיר קענטלאַכע שטימען.

און — כ׳גיי מיר אויף באַדן פון נחלה אַרויפעט,
און — לאָז זיך צום שטיבל פון קבוצה מיט הויף דאָ.

און האַרץ מיינס, עס ציטערט, אַנטוישונג דערוואַרט עס.
נאָר כ׳זע שוין אַ לאָמפּ־שיין דורך פענצטער סע שפּאַרט זיך.

און אָט איז דאָס שטיבל. איך שטעל זיך דאָ אָפּעט
(פון וועג פון דעם לאַנגן שוין היפשלאָך פאַרסאָפּעט),

און בליק מיר פּאַרטייעט דורך שויבן אַריינעט,
און — פּיל, ווי אין גוף מײַן צעגיסט זיך אַ תענוג:

איך זע דורך די שויבן באַקאַנטע געזיכטער.
מע זיצט אַרום טיש דאָ אין ראַד אין געדיכטן.

מע זיצט איבער העפטן, מע זיצט איבער ספרים.
און — ס׳איז מיר גאָר פרייילאך פון דעם־אַ געוואָרן . . .

און כ׳עפן די טיר אויף: גוט־נאַוונט, חלוצים.
און פול ווערט מיט שטוינונג און טומל די קבוצה:

„הידד״ און „זאָל לעבן״ סע שרייען „קאַמטשאַטן״
און — ס׳וואַרפן צו מיר זיך די יאַטעכעס, יאַטן

און דריקן די האַנט מיר, און קלאַפּן אין פּלייצע.
און שמחה פון אויגען, פון מיילער טוט פּלייצן:

אַזאַ מין סיורפּריז דאָ איך האָב זיי געמאַכט היינט!
אַזוי אומדערוואַרטעט געקומען אין נאַכט היינט!

טאָ זאָל איך דערציילן, ווי קום איך עס טאַקע?
פונוואַנען איך קום עס — פון נאַנט? פון מרחקים?

איך האָב דאָך זיי פּשוט מחיה־געוועזן!
מע זעט דאָך דאָ לעצטנס פון גליל קיין וועזן!

ניטאָ שוין דער גליל! . . . די יעקישע פּריצים,
זיי האַלטן ניט מערער קיין יידן, — די פּריצן . . .

בלויז קבוצות בלויז צוויי דאָ געבליבן עס זענען
(אויף גיטער, ביי פּריצים, וואָס יידן זיי זענען):

די ערשטע — לעם מעמל, די „קבוצת קאַלאַטן״
און דאָ, אין פּאַלאַמפּן, אין העק, — די „קאַמטשאַטן״.

אַט דאָס האָט דער עולם מיר באַלד „אויסגעשאָסן״.
און ס׳האָט מיר די בשורה גאָר ביטער פאַרדראָסן:

ניטאָ מער דער גליל, דער טייערער גליל,
ווו איך האָב געוואָגלט, ווו איך האָב געחלוצט.

בלויז קבוצות בלויז צוויי דאָ לזכר געבליבן
(נאָך מער זיי צו שעצן, נאָך מער זיי צו ליבן . .):

די „קבוצת קאַלאַטן״ און דאָ — די „קאַמטשאַטן״ — —
און כ׳נעם זיי דערציילן, די יאַטעכעס, יאַטן,

פונוואַנען איך פאָר איצט, פונוואַנען איך קום איצט;
פון שפּאַנען פון מיינעם אַהערצו פאַרומערט;

פון שפּאַנען ניט זיכער, צי טרעפן איך וועל נאָך
פון „קבוצת פּאַלאַמפּן״ אַ טיר נאָך, אַ שוועל נאָך;

פון שפּאַנען דערשלאָגן, ווי וויסן די בשורה
איך וואָלט שוין, אַז דאָ איז ניט אַלעס כשורה.

און טאַקע אַט הער איך: דער גליל ניטאָ שוין.
און גרויס איז מיין ערגער, און שאַרף מיין פאַרדראָס איז.

נאָר זאָלן די ווילע „קאַמטשאַטן'' ניט זאָרגן —
עס וועט נאָך מיט זונשיין אַ בלענד־טאָן דער מאָרגן.

אַז אַנדערער גליל געשאַפן וועט ווערן,
מיט קבוצות מיט נייע, מיט קבוצות — פיל מערער.

מיר גייען ניט אונטער, מיר זענען עם נצח.
און ס'וועט אונזער אמת די וועלט נאָך פאַרפלייצן . . .

אַט דאָס האָב געדעדט איך צו אַלע אין קבוצה.
און ס'האָבן געשלונגען מיין וואָרט די חלוצים.

און ס'האָט מיט דעם עולם געהערט אַ געשפּאַנטער.
און נאָכדעם מיר האָבן געזונגען, געטאַנצט דאָ —

כל אותו הלילה . . . אַ נאַכט מיט „קאַמטשאַטן'' ;
אַ נאַכט, וואָס אַצינד נאָך אין האַרץ מיין עס פלאַטערט . . .

דער „זיידע"

ווער האָט ניט געקענט אים אין גליל,
דעם חלוץ דעם עלטסטן — דעם „זיידן" ?
ער קומט מיר היינט ווידער צו חלום
און — כ׳וויל אים דורך פערזן באַשיידן.

אַ הויכער. דער רוקן — געבויגן.
דאָס פּנים — אַ לענגלאַכס, איין קאַרבן.
ווי בלויקייט פון הימל — די אויגן.
און גלאַט איז — אַ טעלער — זיין שאַרבן.

געווען איז ער פריער אַ מעקלער,
געגעשעפטערט אין פויערשע וואָגנס:
אַ קעזל, קאַרטאָפל אַ זעקל, —
עס פאָדערט דאָך עסן דער מאָגן . . .

געהאַנדלט ער האָט אויך מיט צעלניק,
פון דערפל צו דערפל געוואַנדערט,
אַ פּוסגייער, אַ קאַראַבעלניק,
מיט שווערע וואַליזעס באַהאַנגען.

וואַליזעס מיט סחורה פאַרפולטע :
קראַוואַטן און בייטשלאַך קאַרעלן,
און שלייקעס, און נאָדלען, און ליולקעס, —
דאָס בעסטע, — ס׳זאָל יעדן געפעלן.

און יאָרן עס זענען געשוווּמען
אין וואָגל אויף ליטווישע שליאַכן,
געהילטע אין זאַמדיקן אומעט,
מיט ווערבעס מיט קורצע באַוואַכטע.

ס׳האָט פּייווע — אַזוי איז זיין נאָמען —
באַזוכט אַלץ די דערפער, די „הויפן״;
צעעפנט פאַר יעדן זיין קראָם האָט,
געמיט זיך זיין סחורה פאַרקויפן.

ביז ס׳האָט אים דערעסן דאָס אַלעס:
ער וויל ניט מער האַנדלען, מער וואָגלען;
ער וויל ניט דאָ ווערן פאַרפאַלן,
כדי שטעלן צופרידן דעם מאָגן . . .

ער, פּייווע, — אַ בחור אַן אַלטער —
פאַרמאָגט אַ נשמה אַ יונגע,
און קיינמאָל איז שפּעט — אַזוי האַלט ער —
צו שטילן דעם גייסטיקן הונגער . . .

און גייסטיק פונלאַנגשוין עס ציט אים
צו יוגנט צו יענער צו נייער,
וואָס חלומט אין שטעטלאַך פון ליטע
פון ערדן פון אייגענע, פרייע.

ער קען זי פון היימישן שטעטל,
ער קען זי פון „צווייג פון החלוץ״;
און קיינמאָל — האַלט פּייווע — ניט שפּעט איז
צו פאָרן אויף אַרבעט אין גליל — — —

און אַט איז ער איצטער אין קבוצה —
אַ חלוץ, באַוואַקסן מיט יאָרן;
צעווישן חלוצים, חלוצות,
וואָס גרינען, ווי פרילינג — דער קאָרן . . .

ער קען זיי שוין זיין דאָ אַ טאַטע
און, אפשר, נאָך מערער — אַ זיידע.
און דאָס איז זיין נאָמען דאָ טאַקע,
און טאַקע מע רופט אים אַזוי דאָ:

דער „זיידע", דער „זיידע" פון קבוצה,
און ניט בלויז פון קבוצה — פון גליל;
פון הונדערט און פופציק חלוצים
אין קבוצות אין אַלע פון גליל.

און פייוועל דער נאָמען עס אַרט ניט:
איז וואָס, אַז ער איז דאָ אַ „זיידע"?
ער, פייוועל, אַ יונג איז אַ שטאַרקער
און אַרבעטן קען ער פאַר צוויי דאָ.

איז אַרבעט ער, פייוועל, — צוזאַמען
מיט אַלע חברים, חברות:
אין גאָרטן, אין פעלד אינעם גראַמען,
ביים זייען, ביים קלייבן די פרות;

ביים שניידן דעם היי פונעם פריץ,
ביים מעלקן דעם פריצס בהמות,
ביים דרעשן דעם ווייץ און דעם קאָרן,
ביים האַקן און זעגן די ביימער.

און ליב איז אים, פּייוועז, די מי דאָ
און טייער — די ברייטקייט פון פעלדער;
אין פרילינג — די ביימער צעבליטע,
אין אָסיען — די גראָז פאַרגעלטע.

דאָס זשומען פון גאָלדענע בינען,
דאָס שורשען פון בויגיקע זאַנגען;
פון קווייטן די דופטן די דינע,
פון פייגל די לופטיקע קלאַנגען.

נאָר טייער נאָך מערער און ליבער
איז פּייוועז דער קבוצהשער עולם:
בחורים — אַזעלכענע ליבע,
בחורות — אַזעלכענע ווילע.

כסדר זיי האַלטן אין זינגען,
כסדר זיי האַלטן אין טאַנצן;
ער פילט זיך מיט זיי דאָ פיל ייִנגער —
אַ חלוץ פון אַכצן, פון צוואַנציק . . .

און אָפט, נאָך דער אַרבעט, אין קבוצה,
ווען, מיד שוין פון טענץ און פון לידער,
עס ווילן וואָס נייס די חלוצים, —
איז שפּילט ער פאַר זיי אויף זיין פידל.

ער האָט זי, די פידל, געבראַכט דאָ
פון שטעטל פון היימישן, שטילן;
ער האָט צו נגינה אַ שוואַכקייט
און פידל איז שטעטל פלעג שפּילן.

פאַר זיך, פאַר די שטעטל־באַקאַנטע, —
ניגונים, מעלאָדיעס, מאָטיוון;
אַן נאָטן . . . נאָר זייער באַטעמטע,
ווי וואַסער, וואָס קוועלט פון די טיפן.

ער האָט אויך די פידל געגומען
אין דאָרף, אויף זיין וואַנדער און האַנדל, —
פאַרטריבן דעם דאָרפישן אומעט
מיט דינע, פאַרבענקטע געקלאַנגען . . .

איצט פידלט ער, פּייווע, אין קבוצה,
און ס׳הערן חלוצים מיט פרייד אים,
און דאַנקבאַר אים זענען חלוצים,
און — ליבער נאָך איז זיי דער „זיידע".

דער וואָגלער

טשיקאַווע חלוצים געוועזן
אין גליל פון ליטע, ביים באַלטיק.
איך האָב זיי פּאַר קלאָרער פּאָעזיע
אין האַרצן אין מיינעם באַהאַלטן.

און אָט איך דערצייל דאָ פון איינעם.
זיין נאָמען איז נחום — אַ חלוץ
אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַ שיינער, —
דער שענסטער אין ליטווישן גליל.

ס'איז נחום אַ פויער — אַ מוסטער.
קען פויערשע אַלע מלאכות.
צו אַרבעטן אָבער קיין לוסט האָט.
צו פּראַצעווען פוילט ער זיך, נחום.

און לאַנג אין אַ קבוצה פאַרווײַלן —
אויך דאָס איז אים, נחומען, שווערלאַך:
אים לאָקן די שליאַכישע מײַלן,
די פליינען, די טאַלכלאַך, די בערגלאַך.

אַ וואַנדערער איז ער, אַ וואַגלער,
אַ פויגל, וואָס פאַכט מיט די פליגל;
ס'געפעלט אים אין גרויע פאַרטאָגן
אין טונקעלע וועלדער צו ליגן.

צו הערן, ווי פייגל עס זינגען,
צו זעען, ווי שישקעס עס פאַלן;
ווי טויען אויף גראָזן עס פינקלען
מיט פרישע, פילפאַרביקע שטראַלן.

ס׳געפעלט אים צו בלאָנקען אויף פעלדער,
פאַרפלייצטע מיט תבואה מיט רייפער;
אַ גלעט-טאָן אַ זאַנג אַ צעהעלטע,
אַ בלימל אַ בלויען אָפּרייסן.

ס׳געפעלט אים שפּאַצירן ביים באַלטיק;
צו קוקן, ווי שוימיקע כוואַליעס
פאַר הענט פאַר די נאַסע זיך האַלטן
און — וויגן די ימישע מיילן . . .

איז זיצט ער אַווו אין אַ קבוצה
(ער טוט זיי, די קבוצות, אָפט בייטן)
אַ וואָד אַפּ, אַ צווייטע און פלוצים —
ניטאָ אים: אַוועק אין די ווייטן.

אַ שבת אום מאָנטיק געמאַכט זיך,
אַ יום־טוב אינמיטנדערינען;
ער שפּאַנט שוין אַווו אויף די שליאַכן,
אויף לאָנקעס אויף פרילינגשע, גרינע — — —

אַזאַ איז געווען אָט דער חלוץ —
אָן אומרו, אַ חבר פון וועגן;
און איך, אין מיין שפּאַנען אין גליל, —
באַגעגענען אָפט דאָרט איך פלעג אים.

ער גייט זיך, אַ הויכער, אַ שלאַנקער ;
דאָס פּנים — אַ לענגלאַכס, אַ טונקלס ;
אַ שמייכל — אויף צייַנער אויף בלאַנקע ;
און אויגן — פול טרוימערשע פונקען . . .

מיר שטעלן זיך אָפּעט. — וווהין איז ? —
איך פרעג אים, דעם חלוץ טשיקאַוון.
און — ס'נעמט זיך אַ שמועס פאַרשפּינען,
אַ שמועס פון חבר צו חבר — —

און איינמאָל, איז שפּאַנען אין גליל
(דורך פעלדער, צעבליטע מיט קאָרן),
דערציילט מיר האָט נחום דער חלוץ
זיין לעבנס־געשיכטע די גאַנצע.

. . . אַ יתום געוואַקסן איז נחום,
אין קאָוונע, בײַ קרובים בײַ ווייטע ;
גע'הפקר'ט ; אויף דעכער געקראָכן ;
געקונדסט — אַ ווינט אַ פאַרשייטער.

אין חדר — געפוילט זיך צו לערנען.
צו אַרבעטן — אויכעט געפוילט זיך
(בײַ שניידער, בײַ שוסטער אויף לערע,
אויף לערע בײַ בלעכער, בײַ סטאָליערס . . .).

צו וואַגלען עס האָט אים געצויגן,
צו פליינען, צו טאָלן, צו וועגן ;
צו ביימער, די צווייגן וואָס בויגן
אין זומערשן שטורמישן רעגן . . .

צו טייכן, אינוויינטן וואָס שטראָמען;
צו ווינטלאַך, וואָס גלעטן, ווי זיידנס
(די היימשטאָט, די גאַסן, די קראָמען, —
ער האָט ניט געקענט זיי פאַרליידן.

די הייזער, דער חדר, וואַרשטאַטן, —
ער האָט ניט געקענט זיי פאַרטראָגן;
אַ פויגל אין אים האָט געפלאַטערט,
אינלופטן כסדר געטראָגן . . .)

אַזוי איז געוועזן אין פּרי באַד.
ס׳האָט נחום שוין דאָן אומגעוואַנדערט — —
און יאָרן — זיי געלן און גרינען.
און יאָרן — זיי זענען געגאַנגען — —

אין וועלטקריג אין ערשטן אַ זעלנער
געוואָרן אין קאָוונע איז נחום.
אין גראָבנס געלעגן, אויף פעלדער;
פאַרטאָיעט, צום שונא געקראָכן . . .

מיט ביקס און מיט קוילן באַלאָדן,
אין אָנגריף איז הייסן געגאַנגען . . .
ביז ס׳האָט אים ביים ניעמאַן, איז גראָדנע,
דער שונא — דער יעקע — געפאַנגען.

פאַרשיקט אים קיין דייטשלאַנד, אויף גיטער, —
צו אַרבעטן דאָרט, ווי אַ פויער.
האָט נחום געאַקערט, געשניטן,
באַהעפט זיך מיט קי־שטאַל, מיט רויערד;

געוואָרן אַלץ בעסער, געניטער
אין פֿויערשע אַלע מלאָכות;
צו וואָס זיך גענומען — געבליט האָט,
צו וואָס זיך גענומען — געיכולט.

און ס'האָבן די יעקעס, די פּריצים,
פֿון „טיכטיקן קערל" געגנחתט:
דער נחום — אַן אמתער פּריץ איז,
ווי נחום — ניטאָ גאָר קיין סך איז.

און איינער, אַ פּריץ אַ פּעטער,
אַ שווערע, אַכטפּודיקע „ריאַה,
אַ שידוך דעם „יודע" גערעדט האָט:
ער גיט פֿאַר אַ ווייב זיין מאַרי אים.

ער דאַרף זיך, דער נחום, בלויז שמדן, —
איז ווערט ער דעם יעקעס אַן איידעם;
וועט קריגן אַ גוט נאָך אין נדן,
אַ נחלה — אַן עכטער גן־עדן.

נאָר נחום ניט קלערט פֿון קיין שידוך:
ס'איז טייער ביז גאָר אים די פֿרייהייט.
און חוץ דעם, איז נחום אַ ייד דאָך
און — דאַרף ניט קיין געטער קיין בייע . . .

האָט נחום, דער „טיכטיקער קערל",
געבחורט, ווי ביז איצט, אויך ווייטער;
געוואַרט אַלץ, אַז פֿרידן זאָל ווערן —
כדי לאָזן ער זאָל זיך אינווייטן.

און ווי נאָר ס'איז פרידן געוואָרן,
איז נחום געוואָרן פאַרפאַלן.
געגאַנגען צופוס און געפאָרן,
גענעכטיקט אויף סטויגן, אין שטאַלן.

געשלעפּט זיך מעת־לעתן און וואכן. —
ביז ער איז קיין ליטע דערגאַנגען.
און דאָ האָט איינגיכן זיך נחום
דערזען פון „החלוץ" געפאַנגען.

פון דאַן אָן איז נחום אַ חלוץ.
אין גליל געפינט זיך פון דאַן אָן.
און אַלע אים קענען אין גליל.
ווייל נחום — ער האַלט אַלץ אין שפאַנען.

ער מעסט אַלץ די גלילשע פליינען.
פון קבוצה צו קבוצה ער גייט אַלץ.
איז אָפּעט אַ וואָד נאָר אין איינער
און — הלך, אַוועק אין אַ צווייטע.

און טרוימען ער, נחום, טוט וועגן
אין וואַנדער אין גלילשן זיינעם:
ווען עולה קיין „ארץ" ער וועט זיין,
אויך דאָרטן אַ וואַגלער וועט זיין ער.

ער וועט זיך פאַרלאָזן אַ באָרד דאָרט
(ווי משה רבינוס — אַ לאַנגע . . .);
וועט זיך מיט אַ שטעקן באַזאָרגן
(ווי אהרון הכוהנס — אַ לאַנגען . . .)

און שפּאַנען אזוי-אַ ער וועט דאָרט:
באַזוכן די דאָרטיקע גלילים,
דעם נגב, דעם עמק דעם פעטן,
די בערג און די טאָלן די שטילע.

באַזוכן דעם מדבר דעם העלן,
די דרוזן, די אַנדערע שבטים — —
עס וועלן מקומות ניט פעלן
פאַר נחומס צעווינטלטן טראַט דאָרט . . .

נאָר פאָרן קיין „ארץ" אים שווער איז,
דעם וואָגלער, דעם „פויגלשן" חלוץ:
ער קען אַלץ קיין עולה ניט ווערן:
ניט „מכשיר" עס איז אים דער גליל:

ס'דאַרף „ארץ" ניט האָבן קיין וואָגלער.
ס'דאַרף „ארץ" חלוצים — מתמידים:
זיי זאָלן מיט אויפטועו האָגלען,
דעם כוח דעם יידישן שמידן . . .

טאָ זאָל ער, דער בחור צעדרייטער,
אין גליל אין ליטווישן זיצן:
ווי אַלע חלוצים זיך גרייטן,
ווי אַלע חלוצים דאָ שוויצן . . .

און ווערן באַוואוסטזיניק זאָל ער,
ווי ס'פּאַסט פאַר אַ יידישן פועל . . .
דאַן קען ער פאַרלאָזן דעם גלות
און — פאָרן קיין ארץ ישראל.

דער „סקובענט"

בלויז זיבן טעג האָט דער „סקובענט" פאַרבראַכט
אין קאָלעקטיוו, וואָס אויפן גוט שאַטעלן,
און אויפן טאָג דעם אַכטן, ביידערנאַכט,
איז ער אַוועק, געוואָרן איז ער נעלם.

דער קאָלעקטיוו צופרידן איז געווען,
געמאַכט אַ ברכה: ברוך שפטרני.
אַראָפּ פון קאָפּ אַ צרה — אַ „סקובענט",
מיט גרויסע צוויי געפּאַקטע טשעמאָדאַנעס.

ס'געדענקט זיך זיי, די יאָטן אַלע דאָ,
דער טאָג, ווען ער אַהער איז אָנגעקומען:
געווען איז עס אין מיטאָגדיקער שעה,
מען האָט נאָרוואָס צום עסן זיך גענומען —

האָט אין דער טיר אַ יאָט באַוויזן זיך:
אַ פראַנטישער, מיט וואָנצאַלאַך געקרויזטע,
אין שיינע בגדים, אין געפּוצטע שיך
און אין די הענט — צוויי טשעמאַדאַנעס גרויסע.

זיין נאָמען איז אַבראַשע לייבנפעל —
זיך פאָרגעשטעלט ער האָט מיט וואַזשנער מינע; —
סטודענט איז ער, אויף דאָקטער האָט געקנעלט,
אין היידעלבערג, אין דייטשלאַנד דער מדינה. —

איז ער באגייסטערט פון דעם „החלוץ״,
געפעלט אים שטארק דאָס לעבן פון חלוצים,
און ברענגען וויל ער אונזער אומה נוץ
דורך פויערישער פראצע אין א קבוצה.

האָט ער פארלאָזט דעם אוניווערסיטעט
און — ס׳האָט דער מרכז אים געשיקט אהערצו — —
אזוי האָט ער, דער בחור, פיין גערעדט
און עולם האָט מיט נייגיר אויסגעהערט אים.

און עולם האָט מיט נייגיר אים באטראכט,
און — האָט געגלויבט: עס קומט דאָ צו א חלוץ . . .
און גלייך פאר אים אן אָרט ביים טיש געמאכט —
כדי מיטעסן מיט אלעמען דאָ זאָל ער.

נאָר שוין ביים ערשטן מאָלצייט זיינעם דאָ
גענומען האָט ער קרימען זיך, אבראשע:
קיין שטיקל פלייש אין אויפן טיש ניטאָ,
בלויז בולבע־זופּ — ניט זופּ, נאָר מוטנער וואסער . . .

און ס׳ברויט, וואָס ער, דער נייער חלוץ, קייט,
איז ניט-דערבאַקן און אָן זאַלץ לחלוטין . . .
מע קען דאָ ווערן זייער שנעל א לייט.
מע קען א קרענק באקומען דאָ א גוטע . . .

ער איז צו דעם, אַבראַשע, ניט געוויינט:
צו ברויט, וואָס רוי, צו זופּ, וואָס בלויז פון בולבע;
ער קומט, אבראשע, פון א רייכער היים,
מיט טייערסטע געריכטן א פארפולטע.

ער קומט, אבראשע, פון א גרוב מיט שמאלץ,
מיט מילך פון פייגל, מיט די בעסטע וויינען;
און דא — נאר זופּ מיט בולבע, ברויט אן זאלץ;
אזוי האט ער ביים עסן זיך צעטענהט.

דערנאך, אינדרויסן, ביי דער ערשטער מי, —
מען האט געמיסטיקט די שאטעלן-פעלדער, —
האט ער, אבראשע, מער נאך זיך געקרימט:
אזא מין מי אים, דעם סטודענט, געפעלט ניט.

גיי האב צו טאן מיט מיסט פון קי און פערד,
די הענט, די שיך, די קליידער זיך פארפּאטשקע.
ניין! ניט אזוי זיך פארגעשטעלט האט ער
די ערדישע, די קאלעקטיווע פראצע . . .

דערנאך, אינאוונט, נאך דער ארבעט שוין —
מען איז געזעסן אין דער קבוצה, מידע, —
האט ער א יאט א סוד ארייינגערוימט:
ס׳געפעלן אים ניט די חלוצות היגע.

ניט שיין זיי זענען. שלאנקייט זיי עס פעלט.
די הענט — פארגרעבט. די פּנימער — פארברענטע . . .
ער האט זיך זיי גאר אנדערש פארגעשטעלט —
ער, לייבנפעל אבראשע, דער סטודענט, ער . . .

אזוי האט ער אין טאג אין ערשטן באלד
געפונען בלויז חסרונות אין דער קבוצה;
און ווי מיט אים, דעם יאט דעם נייעם, האלט,
געזען עס האבן גלייך דא די חלוצים:

א טאטנס קינד, א פראנטל, א „סקובענט״, —
ער וועט אדאָ, אין קאָלעקטיוו, ניט טויגן;
ניט דאָ דאָס אָרט איז פאַר אזעלכע הענט,
ניט דאָ דער נעסט איז פאַר אַזאַ מין פויגל . . .

נאָר מ׳האָט עס אים דערוויילע ניט געזאָגט:
עס איז נאָך פרי צו לאָזן אים עס הערן;
ער איז אין קבוצה בלויז דעם ערשטן טאָג,
ער קען אדאָ נאָך אפשר אנדערש ווערן.

ער קאָן נאָך זיין א גוטער קבוצהניק —
ווי אלע דאָ, אין דער שאָטעלן־קבוצה . . .
עס קענען נאָך דערלעבן פון אים גליק
די אַלע היגע — גלילשע — חלוצים . . .

נאָר גליק פון אים מען האָט שוין ניט דערלעבט,
קיין לייט פון אים עס איז דאָ ניט געוואָרן;
אָט זענען שוין פארגאנגען דריי־פיר טעג
און ער, דער יאָט, זיך פירט אלץ, ווי א פריץ . . .

אַיעדן פרי, דער עולם איילט זיך, ברענט:
מע דאַרף ארויס וואָס שנעלער צו דער ארבעט,
איז ליגט ער זיך און — שלאָפט אלץ, דער „סקובענט״, —
א נאכט א גאנצע שלאָפן פאר אים קארג איז . . .

און ביי דער אַרבעט „דרעמלט״ ער באַנייס,
און ניט ער גראָבט דעם באָדן, נאָר קאָלופעט;
און וויל ניט הערן, ווען מען אים באווייזט,
ווי מ׳דאַרף אַ רידל אין דער ערד אַ שטופּ־טאָן . . .

און ביי דעם עסן שניידט ער אַנעט ברויט,
וואָס איז בלויז „זיינער" — קיינעו׳ רירן טאָר ניט;
און וואָס מען גיט אים דאָ: א באָרשט פון קרויט,
א מערן־צימעס, — עס געפעלט אים גאָרניט.

און זאכן זיינע האלט ער אויף א שלאָס,
אין קאָלעקטיוו ער גיט זיי ניט אריינעט;
בלויז ער אליין אויף זיי איז באלעבאָס,
בלויז אים אליין געהערן זיי, — ער טענהט.

און שאָקאלאָד און איינגעמאכץ, און ניס
ער האָט מיט זיך אין זיינע טשעמאדאנעס,
און שטילערהייט, ווען קיינער זעט עס ניט,
איז ער, אבראשע, זיך מיט דעם מהנה . . .

אַזוי געצויגן האָט זיך עס אַ וואָך,
אזוי עס זענען זיבן טעג פארגאנגען,
און ס׳האָט דערזען דער עולם קלאָרער נאָך:
אָט דער „סקובענט" — ער טוט דאָ ניט באלאנגען.

איז גאָרטן דאָ, אין פעלד, — ער „דרעמלט" אַלץ,
און ביי דעם עסן לאָזט ער דאָ אלץ הערן:
ער קומט, אבראשע, פון א גרוב מיט שמאלץ, —
וואָס קאָרמעט מען אים בלויז מיט קרויט, מיט מערן? . . .

ביז אויף דעם טאָג דעם אכטן זיינעם דאָ,
אין קאָלעקטיוו, וואָס אויפן גוט שאָטעלן, —
אין נאכט אין טיפער, אין א שפעטער שעה, —
איז ער אַוועק, געוואָרן איז ער נעלם.

דער קאָלעקטיוו צופרידן איז געווען,
געמאַכט אַ ברכה: ברוך שפּטרני;
אַראָפּ פון קאָפּ אַ צרה — אַ „סקובענט״,
מיט גרויסע צוויי געפּאַקטע טשעמאָדאַנעס.

די פאַראייניקונג

מ. י. מענדלסאָניע

קאַלאַטן, קאַפּוסטאַ, — צוויי קבוצות,
צוויי שכנות אין גליל פון ליטע;
איז ביידע זיך מיען חלוצים,
חלוצות געזונטע, צעבליטע.

נאר וועלטן זיי זענען — פאַרשיידן,
די קבוצות די צוויי־אַ, די שכנות
(כאָטש אַרבעט זיי טוען דאָ ביידע
די זעלבע, אויף זעלביקע פליינען).

קאַלאַטן געהערט דאָ צום גליל,
פון קבוצות פון זיינע איז איינע;
און צו דעם מזרחי־החלוץ
באַלאַנגט דאָ קאַפּוסטאַ — איר שכנה.

קאַפּוסטער חלוצים — מזרחים.
זיי זאָגן: „רעליגיע און אַרבעט״;
זיי פירן זיך פרום אינדערוואכן,
און שבת זיי היטן גאָר האַרב אָפּ.

און היטלען און יאַרמעלקעס טראָגן, —
אַפילו אין פעלד, ביי דער מי דאָ;
און ס׳פלאַנצן, דאָס שניידן, דאָס גראָבן
באַגלייט מען מיט „שטיקלאַך״ פון **סידור.**

און ס׳קלייבן, דאָס זייען, דאָס דרעשן
באַגלייט מען מיט מחזורשן פיוט;
און ס׳ווערט דאָ קיין מצוה פאַרגעסן
פון פרומע חלוצים פון די־אַ.

און ניט בלויז די זכרים־חלוצים
די דריי פון דער „קבוצת־קאַפּוסטאַ״;
די איינע בחורה אין קבוצה —
אויך זי מיט איר פרומקייט באַוואוסט איז.

און כשרות היט אָפּט ווי דער דין איז,
און ליכט בענטשט פאַרנאַכט יעדן פרייטיק,
און ווייס פון אַיעֶטווידן מנהג,
און פּירט זיך, ווי מ׳רופט עס, — „פאַרצייטיק״.

גאָר אַנדערש איז „קבוצת־קאַלאַטן״,
די צווייטע, די שכנהשע קבוצה:
אַ קבוצה מיט „וועלטלאַכע״ יאַטן —
ווי אַלע אין גליל חלוצים.

„רעליגיע פון אַרבעט״ זיי זאָגן.
דער עיקר — די פּראַצע די הייסע.
און היטלען זיי טוען ניט טראָגן.
פון מאַכן אַ ברכה — מע ווייס ניט.

און תפילין זיי טוען ניט לייגן.
און זמירות זיי טוען ניט זינגען.
און שטייט מען אין פעלד דאָ, געבויגן,
מיט רידלען, פאַרדריקטע אין פינגער,

אין שווייסן, וואָס רינען פון שטערנס,
פון באַקן, פון אַקסלען פון מידע, —
איז טוט מען די פּראַצע די שווערע
באַגלייטן מיט וועלטלאַכע לידער.

נאָר יידן זיי זענען — גאָר טרייע,
חלוצים — פאַר אַלע אַ מוסטער
(כאָטש פירן מע פירט זיך, ווי „פרייע", —
דער היפוך פון „קבוצת־קאַפּוסטאַ")

און חברה זיי זענען — גאָר גוטע,
גאָר ווילע, גאָר האַרציקע יאָטן;
און יעטווידן חלוץ גאָר בלוטיק
מע ליבט דאָ, אין „קבוצת קאַלאָטן".

און איז דאָ פאַראַנען אַ שכנה,
די „קבוצת-קאַפּוסטאַ" די פרומע, —
איז טוט מען מיט פּריצישע פּליינען
צו איר מיט וויזיטן אָפט קומען:

פאַרברענגען צוזאַמען אַן אוונט,
אַ שבת, אַן אַנדערן רו־טאָג;
מע לעבט דאָך אין שכנות — גאָר נאָענט,
צו שפּאַנען אַ פופצן מינוט נאָר — —

נאָר אויפנעמען טוט זיי ניט־גערן
די „קבוצת-קאַפּוסטאַ" די פרומע:
זיי זענען, די שכנים, „צעשטערער",
איעדער פון זיי איז אַ „מומר".

בײַ זײ נאָר — „רעליגיע פֿון אַרבעט”.
און װײַטער עס קימערט זײ גאָרניט.
זאָל ס'גאַנצע רעליגיע אױסשטאַרבן.
זײ אַרט ניט. זײ רירט אױף אַ האָר ניט . . .

איז װילן די פֿרומע חלוצים
פֿון „פּושעים” אַזעלכע ניט װיסן — —
און זאָלן די שכנהשע קבוצות
זיך אײנע מיט צװײטער ניט מישן — —

און ס'העלפֿט ניט פֿון „קבוצת־קאַלאַטן”
די טענה די שטענדיקע, גרײטע:
רעליגיע — אַ זאַך װאָס פּריװאַט איז.
דער עיקר איז — ליבע צום צװײטן . . .

דער עיקר — בין אדם לאדם.
און פּראַצע, יגיעת־כּפּים.
און בױען אױף אײגענעם באָדן
דאָס לעבן — אױף גרונטן אױף נײַע . . .

עס העלפֿט ניט. די „קבוצת־קאַפּוסטאַ”,
זי װיל זײ, די „פּורצים” ניט קענען.
זײ מעגן זיך זײַן דאָ אַ מוסטער,
אין אַרבעט אין ערדישער — „ברענען”;

ס'איז אָבער נאָך װײניק די סאַכע;
מע דאַרף אױך אַן הימל געדענקען . . .
אַזױ־אַ די פֿרומע מזרחים
דערקלערן מיט בליקן מיט שטרענגע.

און ווילן ניט וויסן פון זיי דאָ.
און נעמען זיי אויפּעט ניט־געַרן.
און ס׳טוט מיט קאַפּוסטאַ זיך שי־דן
קאָלאָטן — אין שטימונג אין שווערער.

און ווידער מע לעבט דאָ ווי פרעמדע,
צוויי וועלטן — דערווייטערט, צעריסן.
און שטייט מען אויף זעלביקע פעלדער
(וווּ שווייסן ווו זעלבע זיך גיסן);

און גראָבט מען מיט זעלביקע רידלען
(מיט הענט מיט די זעלבע די מידע); —
טוט איין קבוצה „וועלטלאַך״ דאָ לידלען
און צווייטע — זי דאַוונט פון סידור — —

נאָר אַט איז געשען אַ וואונדער:
די קבוצות פאַראייניקט זיך האָבן;
גענומען צוזאַמען אין גרונטן
אין זעלבע אין פריצישע גראָבן.

גענומען צוזאַמען אי זייען,
אי שניידן, אי בינדן, אי דרעשן — —
און ס׳איז דאָ דער חילוק אין דעות
געוואָרן צוביסלאַך פאַרגעסן.

ווי איז ער, דער וואונדער געשען דאָ?
איז אַט וויאַזוי: דער הער מילער,
דער פּריץ קאַפּוסטער, האָט הענט דאָ
פון יידן באַנוצט בלויז אום פריילינג.

אום זומער, ווי אויכעט אום אָסיען,
ווען אַרבעט געווען אַ סך איז,
ווען שווייסן זיך האָבן געגאָסן
פון „לאַנדקנעכט" אויף גלילשע נחלות.

דאַן האָט ער די „יודן" געהאַלטן,
וואָס מערער פון זיי דאָן געפאָדערט;
אין ציען כסדר געהאַלטן
די זאַפטן פון יעטווידן אָדער . . .

און ווען עס איז ווינטער געקומען
און אַלעס עס האָט זיך באַרוט דאָ,
האָט ער די חלוצים די פרומע
געהייסן פאַרלאָזן זיין גוט דאָ:

ער נויטיקט אין זיי ניט זיך מערער.
ס'איז ווינטער אַצינד אין קאַפּוסטאַ.
ניטאָ איצט קיין אַרבעט קיין שווערע.
די פעלדער, די גערטענער, — פוסטע.

בלויז שנייען זיי טוען באַיאַכן.
בלויז ווייסקייט עס טוט זיי פאַרהילן.
טאָ זאָלן די פרומע מזרחים
אַהיים איצטער פאָרן — ביז פרילינג . . .

נאָר פאָרן אַהיים איצט — ביז פרילינג —
ניט ווילן די פרומע חלוצים;
אויך ווינטער זיך מיען זיי ווילן —
ווי אַלע אין גלילשע קבוצות.

(מען אַרבעט אין גליל אויך ווינטער,
אין קבוצות אין אַלע אין היגע;
אַזוי־אַ זיך גרייטן געשווינטער
צו „ארץ" די חברה די היגע . . .

און ס׳איז זיי אַ שאַד, די מזרחים,
אַ ווינטער, וואָס גיין וועט פאַרלאָרן;
זיי ווילן אויך איצטער אין יאַד גיין,
כדי גיכער קיין „ארץ" צו פאָרן . . .)

איז ביטער די בשורה פון פריץ:
אַוועקגיין וועט ווינטער לאיבוד;
מ׳עט מוזן זיך זעצן און פאָרן —
צוריק אין די שטעטלאַך די טריבע . . .

דאָרט זיצן אין לאַנגווייל, אין פוסטקייט,
איז בענקען נאָך מי אויף דער נחלה — —
און ס׳האָבן די פרומע קאַפּוסטער
גענומען פאַרפּאַקן די זאַכן — —

האָט אָבער דערהערט פון דער בשורה
(מ׳איז שכנות) די „קבוצת־קאַלאַטן",
און באַלד איז אַוועקעט אַ שורה
מיט „פרייע", מיט „וועלטלאַכע" יאַטן;

באַוויזן זיך שנעל אין קאַפּוסטאַ
(געגאַנגען אַהער בחיפּזון):
מיר האָבן, חברים, דערוווסט זיך:
מען הייסט אייך די נחלה פאַרלאָזן.

און ס׳איז אייך אַ שאָד, מיר פאַרשטייען,
מיט דער הכשרה זיך צו שיידן;
אייך ווילט זיך אויך איצט, אין די שנייען, —
ווי אַלע אין גליל, — „זיך גרייטן״

איז האָבן געבראַכט מיר אַ פּלאַן אייך:
פאַראייניקט מיט אונז זיך, חלוצים;
זיך מיען מיר וועלן צוזאַמען —
אין אונזער — דער „וועלטלאַכער״ — קבוצה.

מיר גיבן אייך פרייהייט אין אַלעס:
אי דאַוונען, אי לערנען איר׳ט קענען,
און אָפּהיטן שבת און חלה
אין קבוצה אין אונזערער נעמען.

און יאַרמעלקעס טראָגן, און היטלען,
און מאַכן אַיעטווידע ברכה,
אַיעטווידע מצוה אָפּהיטן,
אינקורצן: זיך פירן מזרחיש . . .

איר דאַרפט בלויז אונז, ״פרייע״, ניט שטערן
צו לעבן, ווי מ׳לעבט דאָ, אין גליל;
מיר זענען דאָך אַלע פאַר „ארץ״ —
איז קען מען דאָך לעבן בשלום . . .

און וואָס אונזער פּריץ איז שייך,
איז וועלן מיר הײנט נאָך אים בעטן,
ער זאָל אייך, חלוצים פיר נייע,
צו זיך אויף דער נחלה פאַרבעטן.

און ער, אונזער האַר, איז קיין שלעכטער,
אַ שטילער, אַן איידעלער מאַן איז,
און אַלעס — מיר האָפן — וועט רעכט זיין;
איר זאָגט בלויז: צי נעמט איר דעם פּלאַן אָן...

און — דאָ איז דער וווּנדער געשעען:
עס האָבן די פרומע חלוצים
געענטפערט די „פּרייע": זיי זעען —
דער פּלאַן פון קאַלאַטינער קבוצה.

ער איז ניט לחלוטין קיין קרומער,
אים פרווון וועט זיכער ניט שאַטן;
איז — נעמען זיי אָן אים, די פרומע:
פאַראייניקן זיך מיט קאַלאַטן.

און ס'האָבן אַזוי זיך פאַראייניקט
די „פּרייע" און פרומע חלוצים;
געמאַכט אויף די פּריצישע פליינען —
אין גליל פון ליטע — איין קבוצה.

גענומען צוזאַמען אי זייען,
אי שניידן, אי בינדן, אי דרעשן.
און ס'איז דאָ דער חילוק אין דעות
געוואָרן צוביסלאַך פאַרגעסן.

דער שליח

דעם אָנדענק פון מיין ברודער, דעם
דיכטער און קריטיקער יעקב גאָטליב

דעצעמבער אין גליל. ס׳האָט אַסיען געעקט זיך.
מיט שנייען מיט ערשטע די געגנט באַדעקט זיך.

אויף הוילקייט פון פעלדער געלאָסן זיי פאַלן,
די ביימער די גרויע מיט ווייסקייט באַשטראַלן . . .

פאַרהילן די טאָלן, באַלייגן די היגלען
און שטיבער און שטאַלן מיט שטילקייט פאַריגלען . . .

דעצעמבער אין גליל. אויף פריצישע גיטער
די רייכקייט פון זומער שוין רוט אַ באַהיטע —

אין שייערס אין יוסטע, אין שפּייכלערס אין פעסטע,
אין טונקל, אין וואַרים, — ווי פייגל אין נעסטן . . .

דער קאָרן דער ברוינער, דער ווייץ דער צעהעלטער,
דער האָבער דער בלאָנדער, דער גערשטן פאַרגעלטער,

די פרות פון סעדער, די גרינסן פון גאָרטנס, —
צעשטעלט און צעלייגט אַלץ, צעסדרט אין סאָרטן.

אַ פרילינג, אַ זומער, אַז אַסיען עס האָבן
חלוצים געאַקערט, געשניטן, געגראָבן,

געפלאַנצט און געקליבן, געזייט און געדראָשן,
מיט שווייסן מיט הייסע געוואָרן באַגאָסן;

געמיט זיך מיט אימפעט פון מאָרגן פון פריען
(דורך שעה'ן דורך פופצן) ביז אויסלעשן פון שקיעה;

אין ווינטן, אין זונשיין, אין וואָלקנס, אין בליצן,
אין טרוקן, אין קעלטן, אין רעגנס, אין היצן;

געמערט אַלץ די שפע פון פריצים פון זאַטע;
געפלייסט זיך חלוציש, פאַרגלויבטע געפלאַטערט

ביי אַרבעט ביי האַרבער פון „לאַנדקנעכט", פון פויער, —
אַ פרילינג, אַ זומער, אַן אָסיען אַ גרויען — —

און איצט איז שוין ווינטער אין ליטווישן גליל.
פאַרשנייטע, פאַרווייטע, — די היגלען, די טאָלן,

די פליינען, די לאַנען, די וועלדער, די וועגן, —
נאָר ווייסקייט, נאָר קלאָרקייט, — פון ברעגן ביז ברעגן.

און שטיל איז אַצינדער אויף פריצישע גיטער
איז געגנט פון באַלטיק, אין גליל פון ליטע.

באַשאָטן מיט שנייען, סע שווייגן די הויפן,
פאַרמאַכטע אין שטעלכלאַך, עס דרעמלען די עופות.

פאַריגלט איז שטאַלן, די רינדער עס טרוימען,
(פון גראָזן אויף לאַנקעס, פון בלעטער אויף בוימער . . .)

און „לאַנדקנעכט", חלוצים, — איצט ווייניק זיי טוען
און האָבן פיל צייט דאָ צו בטלען, צו רוען.

די טעג פון דעצעמבער — זיי זענען גאָר קורצע
און פיר־פינף דעם זייגער — מען איז שוין אין קבוצה.

צוריק פון דער אַרבעט. אויף אוונט אויף לאַנגן,
צו זיצן צוזאַמען און שפּינען געזאַנגען . . .

צו לעזן אַ ספר, אַ צייטונג פון „ארץ",
צו פירן פּאַרטיפּטע אַ שמועס אַ שווערן . . .

צו בליקן פאַרקלערטע צום לעמפּל, וואָס טונקלט,
צום אויוון, וואָס הייצט זיך און פינקלט מיט פונקען . . .

צו פענצטער, פאַרצויגן מיט נאַכטיקן חושך,
צום קאַלטן, צום שטומען, פאַרשנייטן אינדרויסן . . .

צו זיצן צוזאַמען, פאַרוועבטע אין חלום
פון אַנדערע היגלען, פון אַנדערע טאָלן,

פון אַנדערע פליינען, פון אַנדערע לאַנען,
וואָס טויזנטער מיילן זיי ליגן פון דאַנען . . .

צו זיצן צוזאַמען און טרוימען פון „דאָרטן",
ווו זומער איז איצטער אויף פעלדער, אין גאָרטנס,

אויף כבישים אויף ברייטע, ביי יאַמישע ברעגן,
אויף בערגישע שפּיצן, אויף פעלזיקע שטעגן,

אין שטעט, אין ישובים, וואָס ברויזן מיט בויאונג,
אין שטילע קאָלאָניעס — אין גרינקייט, אין טויען,

אין קבוצות, קיבוצים, אויף ערדן אויף פרייע,
וווּ ס'קומט אויף איין פריידן אַ לעבן אַ נייער — —

אַזוי-אַ זיך ציען אין גליל די טעג איצט,
די אָוונטן לאַנגע, די נעכט וואָס אַן ברעגן . . .

און ס'ווערן די נעכט דאָ אַלץ לענגער אַצינדער,
אַלץ קאַלטער און שטומער, אַלץ טויבער און בלינדער . . .

און קירצער עס ווערן די טעג אַלץ די היגע,
און שנייען אַלץ מערער די געגנט פאַרוויגן . . .

און פרעסטלאַך גאַר שאַרפע עס נעמען זיך מערן
און ווערן אַלץ שאַרפער, און גרעסער אַלץ ווערן

און וואַקסן איז פרעסט אויס אין סיווע, אין גרייזע,
וואָס נעמען באַמאַלן די שויבן פון הייזער

מיט בלומען, מיט צווייגן, מיט גראָזן, מיט בלעטער,
פאַרגליווערט, פאַרפראָרן, ווי דרויסן — דער וועטער . . .

און „לאַנדקנעכט", חלוצים, — אַלץ מערער מע רוט דאָ,
און — לאַנגווייליק ווערט שוין, און אַפּט זיך מע נודיעט . . .

און ענג ווערט אין קבוצה, אין שטיבל אין קליינעם
(באַרינגלט מיט קאַלטע, בית-עולמשע פליינען);

און ס׳טראַכט זיך אַצינדער פון ,,דאָרטן׳׳ נאָך מערער,
און ס׳ווילט זיך דעם גלות דעם גרויען, דעם שווערן,

דעם וויסטן, דעם בייזן פאַרלאָזן וואָס שנעלער
און — זיין שויז אויף ברעגן אויף יענע אויף העלע . . .

אַט דאָ, אין די קרירה׳ס די גרויסע, די שאַרפע
(וועז שנייען, זיי סקריפען און ווינטן, זיי שרפען,

און ,,לאַנדקנעכט׳׳, חלוצים, אין שטיבל איז ענגן, —
מע קלעפּט זיך צום אויוון אין לאַנגווייל, איז בענקען), —

צעטראָגט זיך אין גליל, אין קבוצות אין אַלע
אַ בשורה — צעזוניקט, אַ בשורה — צעשטראַליקט:

עס קומט אַ שליח אַהערצו, אין גליל
(געשיקט איז פון ,,ארץ׳׳ — צו יידן איז גלות . . .

געשיקט איז קיין ליטע — צו יונגע חלוצים . . .).
ער וועט דאָ, אין גליל, באַזוכן די קבוצות.

און צוויי־דריי מאָנאַטן ער וועט דאָ פאַרווילן,
פאַרברענגען מיט חברה, פון ,,ארץ׳׳ דערציילן,

פון דאָרטיקן לעבן איז שטעט אין צערוישטע,
פון דאָרטיקע קבוצות, מיט אַרבעט צעבּרויזטע,

פון דאָרטיקן עמק, פון דאָרטיקן גליל
און — הויבן די שטימונג ער וועט דאָ, אין גלות.

און שטאַרקן דעם גלויבן דער אורח עס וועט דאָ.
און וואַרים דאָ מאַכן אויף שנייען צעבעטע . . .

און זומער דאָ ברענגען אין ווינטער אין קאַלטן — —
אַ פריידיקע בשורה, אַ ליכטיק-צעשטראַלטע — —

און גלייך ווערט דער גליל גאַר שטאַרק אויפגערודערט.
און אויס ווערט מיט לאַנגווייל, און אויס — מיט זיך נודיען...

און גרייטן מע נעמט זיך צום אורח צום גרויסן.
און דאַכט זיך: זיך גרייטן עס נעמט אויך דער דרויסן.

ער ווערט דאָ אַצינדער אַלץ פייערלאַך-שטרענגער
און טוט זיך מיט אייזליכט מיט לאַנגע באַהענגען,

וואָס פינקלען זיי נעמען פון דעכערשע ברעגן
מיט קדושה פון שבת — אויף פעלדער, אויף וועגן . . .

און ס׳גייען אַוועקעט אויף גיטער די טעג איצט
(ביים קאַרמענען עופות, ביים מעלקן, ביים זעגן)

אין ריידן, זיך טיילן, מיט שמחה אין הערצער,
פון אים, פון שליח, וואָס פאַרט שוין אַהערצו.

און אַוונטן גייען אַוועק איצט אין קבוצות
אין ראַמען, אין וואַשן, אין שאָבן, אין פוצן,

ביז אַלעס עס נעמט דאָ מיט זויבערקייט ווייען,
ווי דרויסן — פון אַקאַרשט געפאַלענע שנייען . . .

און דאָן, איז אַן אָוונט, ווען קרירה טוט ברענען,
צעעפנט די טיר זיך פון „קבוצת לומפּענען״

און ס׳ווייזט זיך, באַגלייט פון דעם לערער אין גליל,
דער גאַסט — דער געשיקטער אַהערצו, איז גלות:

אַ הויכער, ברייטפּלייציק און עטוואָס געבויגן,
מיט פּנים פאַרברוינטן, מיט מזרח אין אויגן;

מיט הענט האַרעפּאַשנע, מיט דלאָניעס מיט האַרטע, —
אַ ליבער שליח, אַן אורח געגאַרטער . . .

און יום־טוב נעמט הערשן איז שטיבל אין קליינעם,
און דופטן עס נעמט דאָ מיט גראַזיקע פליינען,

מיט טאָלן צעגרינטע, מיט היגלען צעבליטע,
מיט צייטיקע תבואות, באַלאַגערט פון שניטער . . .

און ס׳זיצט שוין דער אורח ביים טיש ביים פאַרשפּרייטן,
מיט וועטשערע פּראָסטער, געזונטער געגרייטן

און עסט דאָ צוזאַמען מיט חברה מיט גאַרער,
און קוקט און באַטראַכט זיי מיט בליקן מיט קלאָרע,

און פרעגט וואָס ביי איינעם, און ענטפערט אַ צווייטן
און — קוועלט אַן פון עולם, מיט אים דאָ וואָס פרייט זיך . . .

און שפּעטער אַביסל — דער טיש איז שוין ליידיק
און ס׳זיצט דאָ איז שווייגן די קבוצהשע עדה,

און גרייט זיך מיט נייגיר מיט גרויסן צו הערן
פון אורח געגאַרטן וואָס מערער, וואָס מערער, —

פאַרקלערט זיך דער אורח, פאַרטרוימט זיך אַ ווײַלע,
פאַרטראָגט זיך אויף ווייטע, אויף ליכטיקע מײַלן,

דערזעט זיך איז גרינע, אין צוויטיקע קאַנטן,
אויף ערטער אויף נאָנטע אין ווינקלען באַקאַנטע

און — ס'העלט אויף אַ שמייכל אויף פּנים אויף זײַנעם . . .
און אויגן און זײַנע נאָך מער זיך צעשײַנען . . .

און וואָרים איז אברים אין אַלע עס ווערט אים . . .
און חבריש-האַרציק, מיט פּשוטע ווערטער

ער הויבט אָן דערציילן די חברה אַרום אים
פון דאָרטן — פון וואַנען ער איז איצט געקומען.

ער טוט זיי דערציילן פון לעבן אין „ארץ",
פון אַרבעט פון הייסער, פון פּראַצע פון שווערער

אין שטעט, איז ישובים, אין קבוצות אין ווייטע:
בײַ מויערן בויען, בײַם אַקערן, שנײַדן,

בײַ ברינעמער גראָבן, בײַ גערטענער פלאַנצן,
בײַ ווײַנטרויבן רײַסן, בײַ קלײַבן מאַראַנצן,

בײַ מדבּרשע ערדן מיט ברויטן פאַרזײַען,
בײַ שטיינער צעדרויבלען אויף נײַע שאָסייען,

ביי טריקענעז זומפּן אין טאָלן אין טויטע,
ביי היגלעז באַדעקן מיט גראָזישע הויטן,

ביי פלאַסטערן גאַסן אויף זאַמד תל-אָביבער,
ביי אויפשטעלן נייע חלוצישע שטיבער,

ביי נעצן פאַרשפּרייטן אין בלויען כנרת,
ביי אַנציען דראָטן אויף סלופּעס אויף שווערע,

ביי היטן פּרדסים און פעלדער פון שונאים —
מיט מעסער אין אַרבל, מיט גזלן אין פּנים.

ביים אויפנעמען עולים אַלץ נייע, וואָס קומען
פון גלות, וואָס פול איז מיט סם און מיט טומאה . . .

ביים אויפנעמען שיפן מיט נייע חלוצים,
וואָס שווימען קיין „ארץ״ פון אַלינקע תפוצות . . .

צו ברעגן פון יפו, צו חיפהשע ראַנדן, —
מיט מיילער, וואָס שאַלן התקוה-געזאַנגען . . .

אַזוי־אַ עס ציט אַלץ די רייד דער שליח,
און טוט זיי ביז נאַכט-שעה ביז שפּעטער פאַרציען.

און חברה, זיי זיצן און הערן פאַרחלומט,
און זעען זיך אַלע אַרויסגייז פון גלות . . .

און זעען זיך אַלע אויף שווימענדע שיפן —
אויף יאַמען אויף הויכע, אויף וואַסערן טיפע, —

אַהינצו, צו ברעגן פון היימלאַנד פון העלן,
אַהינצו, צו אַלטע, צו הייליקע שוועלן . . .

און נאָכדעם, ווען ס'ענדיקט דערציילן דער אורח,
צעלאָזט זיך דער עולם צעפלאַמט אין אַ הוירא

און — ס'דרייט זיך דער גאַסט שוין אין ראָד פון די טענצער,
און ס'הויבן זיך דילן, און ס'טרייסלען זיך פענצטער, —

אַזש נאַכטישער דרויסן, אַהינטער די שויבן,
כאַפּט אויף פון זיין שלאָף זיך דעם שטומען, דעם טויבן

און בליקן, פול וווּנדער און בליקן, פול שטוינונג,
נעמט שיקן דורך פענצטער אין קבוצהשער וווינונג

צו „לאַנדקנעכט", חלוצים, וואָס קערן דאָ וועלטן
מיט תמוז-צעהיצטקייט — אין שבטיקע קעלטן . . .

אַזוי-אַ פאַרגייען אין קבוצה די טעג איצט,
די אוונטן לאַנגע, די נעכט, וואָס אַן ברעגן . . .

עס זיצט דאָ דער אורח אַ וואָך אָפּ אַ גאַנצע,
און עולם — טוט הערן, און עולם — טוט טאַנצן . . .

און עולם נעמט אַן זיך מיט גלויבן מיט נייעם,
מיט פרישן בטחון אין גיכער באַפרייאונג,

אין שנעלער עליה אַהינצו, קיין „ארץ", —
פון גלות פון וויסטן, פול גלות פון שווערן.

און נאָכדעם גייט איבער דער אורח געגאַרטעך
אין שכנהשער קבוצה, ווו ס׳טועז שוין וואַרטן

אויף אים די חברים, מיט בענקשאַפט באַשוווערטע
און — יום־טוב אויף לאַנגע מעת-לעתן עס ווערט דאָ.

און ס׳קרייזט דער שליח פון „ארץ״ אַרום דאָ
דעם גליל דעם גאַנצן און ווו נאָר ער קומט דאָ,

אויף יעטווידער נחלה, אין יעטווידער קבוצה,
דערפרייען זיך תיכף חלוצים, חלוצות

און הערשן עס נעמט דאָ אַ יום-טוב אַ גרויסער,
און לאַנגע מעת-לעתן די קבוצה טוט רוישן — —

און ס׳גייען די וואָכן אַוועקעט אַזוי-אַ,
די ווינטער־מאַנאַטן די קאַלטע, די גרויע;

דער ליבער שליח, אין גליל ער זיצט אַלץ
און חברה אים הערן מיט בליקן צעבליצטע,

און גליען זיך אַנעט מיט גלויבן מיט נייעם,
מיט פרישן בטחון אין גיכער באַפרייאונג — —

ביז ווינטן מערצאַווע עס הויבן אָן בלאָזן,
און שנייען זיך נעמען צובּיסלאַך צעלאָזן,

און זינקען זיי נעמען אַלץ טיפער אין גרונטן,
און הימל אַלץ עפטער צעבלויט זיך, צעזונט זיך,

און וואַרים אַלץ מערער עס ווערט דער אינדרויסן, —
אַ סוף צו די קרירה׳ס די שאַרפע, די גרויסע — —

דאַן הויבט ער זיך אויפעט, דער אורח דער ליבער,
נעמט אָפשייד פון לעצטער חלוצים-מסיבה,

נעמט אָפשייד פון קבוצות פון אַלע אין גליל
און, אין אַ פרימאָרגן, פאַרלאָזט ער דעם גלות — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

און גליל און גאַנצער, פון איין עק ביז צווייטן, —
ער נעמט זיך אַצינדער מיט מער פייער גרייטן

צום פרילינג צום נייעם צום גרינעם, וואָס שפּאַנט שוין,
צו פראַצע צו פרישער, חלוציש געשפּאַנטער.

ער גרייט זיך אַצינדער מיט קרעפטן באַנייטע,
ער גרייט זיך אַצינדער מיט יונגשאַפט — צעשייטערט,

מיט חשק — צעשטורעמט, מיט ווילן — צעוויכערט, —
כדי מוכשר צו ווערן פאַר „ארץ״ וואָס גיכער.

דער בית החלוץ

מעמל, שטאָט ביים ברעג פון באַלטיק,
שיינע, שטילע האַפן-שטאָט,
דורך די גאַסן דיינע אַלטע
כ׳שפּאַן אויפסניי מיט יונגן טראָט

צו אַ געסל צו אַ גרויען
(שלאַכטערשטראַסע נומער זעקס),
וווּ אַ מויער אַ ווייס-בלויער
הויכט זיך רחבותדיק צעשטרעקט.

ס׳איז דער מויער שטאַרק מיר טייער,
ס׳איז דער מויער מיר אַ פרייד:
ס׳האָט געברענט אין אים דאָס פייער
פון מיין חלום יונגערהייט.

בית החלוץ — פונעם מויער
לויכטן גרויסע ווערטער צוויי;
און אין האַרצן, און אין מוח
טוט מיט העלע טעג אַ וויי.

קום, זכרון, טו מיך פירן
דורך דעם מויערס לענג און ברייט —
איך זאָל ווידער היינט דערשפּירן
יענע ווייטע יוגנט-פרייד.

אָט אַ צימער איז דאָ איינער
מיט אַ לאָזונג אויף אַ וואַנט:
העבודה היא חיינו. —
ווערטער, נאָנט מיר, ווי מיין האַנט.

אָט אַ צימער איז אַ צווייטער —
הענגען ליבע בילדער דאָ:
ברענער מיט אַ באָרד אַ ברייטער,
א. ד. גאָרדאָן, טרומפּלדאָר.

אָט אַ צימער איז אַ דריטער —
שטייען בעטן אין אַ ריי;
קיבוצניקעס יונג־צעבליטע
שלאָפן, רוען אָפּ אין זיי.

אָט די קיך איז. אַ חלוצה
גרייט דאָ עסן, קאָכט און באַקט;
קומט אַ גאַסט אָן פון אַ קבוצה,
איז דאָס עסן אים געשמאַק.

שטייט ער דאָ, דער בית החלוץ
(בנין פון אַ נייער וועלט), —
צענטער פונעם גאַנצן גליל,
פון די קבוצות אַלע צוועלף.

קומט אַ שבת, קומט אַ יום־טוב,
ציען חברה זיך צו איהם:
אויסגעצוואָגן, ריין דאָס אַנטאָן,
שבת־יום־טובדיק געשטימט.

ס'ליגן פראַצע־טעג אַהינטער,
אינעם גאָרטן, אויפן פעלד,
אונטער זון, אין רעגנס, ווינטן,
אין חמימות, נעץ און קעלט.

שווערע מי, מיט שוויס באַטראָפנט,
ביי די קי און ביי די פערד,
אין די שייערן און שאַפעס,
אויף דער קאַרנדיקער ערד.

היינט אָבער — אַ טאָג אַ פרייער,
פריי פאַר רו, פאַר ליד און טאַנץ,
פריי פאַר שמועסן פאַר נייע
אין אַ חברישן קראַנץ.

שפּאַנט מען איבער די שאָסייען
פון די קבוצות אַלע צוועלף;
ציען דורך דער שטאָט זיך גייער
צו דער בית החלוץ־שוועל.

קוקט זיי אָן מיט בליקן — חלום —
די פאַרשלאָפן־שטילע שטאָט;
הערט פונוויי̆ט דער בית החלוץ
זייער מונטערדיקן טראָט.

ווערט דאָ פול איעדער צימער
מיט געטומל און געברויז;
קלינגען יוגנטלאַכע שטימען,
ווו אַ ווינקל אינעם הויז.

שיינען אויגן שוואַרצע, בלויע,
אָנגעגאָלדיקטע מיט זון,
טראָגט פון יעדערן מיט רויערד,
טראָגט מיט וואָרצלדיקן גרונט.

שמעקט דער גארער בית החלוץ
מיטן ריח פונעם פעלד;
איז שוין דאָ דער גאַנצער גליל,
אַלע קבוצות אַלע צוועלף.

דריי איך אום זיך צווישן עולם
און מיט ליבע אים באַטראַכט:
סאָראַ יונגען סאָראַ ווילע!
און די בחורטעס — אַ פּראַכט!

נעם איך זיך צו אַ פאַרזאַמלונג,
צו אַ שמועס, רעפעראַט;
זיצט מען אַלע שוין צוזאַמען,
איז „אַקטיוו" איעדער יאַט.

ציט זיך שעהן אַ דיסקוסיע,
קנוילט זיך פּאַפּיראָסן־רויך,
רעדט ווער ערנסט, זאָגט ווער שטותן,
כאַפּט שוין ווער אַ דרעמל אויך.

נעמט שוין טונקלען דער אינדרויסן,
ווערט שוין גרוי דער מערב־ברעג, —
לאָזן חברה היציק־רוישיק
אין אַ הוירא זיך אַוועק.

דרייט אַ ראָד זיך אינעם מויער,
דרייט זיך באַלד אַ צווייטע ראָד;
טוט אַן אוונט שוין אַ בלויער
טריפן שטערנדיקן סוד.

פינקלען איז די פענצטער שטערן,
זאָגן אַן: עס איז שוין נאַכט;
ווייל זיי אָבער קיינער הערן —
וואָס מיר נאַכט און ווער מיר נאַכט!

גילו, גילו, הגלילים
און — עס טופען יונגע פיס — — — —
נאָכדעם זינגט מען לידער שטילע,
פערזן צאַרטע, שורות — זיס:

הכניסיני תחת כנפך . . .
יד ענוגה היתה לה . . .
און מע קלערט אַלץ ניט פון שלאָפן —
נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה — — —

ביז עס בליט אויף דער באַגינען —
ראָז און רויט און גאָלדיק העל,
און פוןביימער און פון גרינע
נעמען טריפן טרעל נאָך טרעל. —

מעמל, שטאָט ביים ברעג פון באַלטיק,
שיינע, שטילע האַפען־שטאָט,
דורך די גאַסן דיינע אַלטע
כ׳שפּאַן אויפסניי מיט יונגן טראָט

צו אַ געסל צו אַ גרויען
(שלאַכטערשטראַסע נומער זעקס),
וו אַ מויער אַ ווייס-בלויער
הויכט זיך רחבותדיק צעשטרעקט.

„חברה טראַסק"

אין מעמל, דער פּאַרט-שטאַט, ביים באַלטיק ביים בלויען
ז'געשטאַנען, ווי ס'ווייסט שוין דער לעזער, אַ מויער

אַ הויכער, אַ ברייטער, — דאָס הויז פון החלוץ;
אַ צענטער פאַר אַלע חלוצים אין גליל.

אַהערצו געצויגן זיך האָבן חלוצים
(מיט שליאַכן, מיט פעלדער) פון אַלע צוועלף קבוצות.

דאָ האָט מען אין רו-טעג, באַפרייטע פון אַרבעט,
געשמועסט, באַהאַנדלט פּראָבלעמען גאָר האַרבע.

דאָ האָט מען אין רו־טעג געטאַנצט און געזונגען;
מיט שמחה מיט הייסער דעם מויער פאַרקלונגען.

און ועד-הפּועל באַראַטן זיך האָט דאָ,
חברים באַשטאַטעט, וווּ ס'האָט זיך געפאָדערט.

און אורחים, אַהערצו וואָס זענען געקומען, —
אַ מאַלצייט, אַ בעט דאָ זיי האָבן באַקומען.

און לערער פון גליל, ער האָט רעפּעראַטן
אין מויער געהאַלטן פאַר גלילשע יאַטן

(פלעג שעהן־לאַנג ריידן, און עולם פלעג הערן
מיט ערנסט מיט טיפן און — מיד פלעג ניט ווערן . . .) —

אַ מויער אַזאַ מין אַ ברייטער, אַ הויכער,
פול פריילאַכער יונגט, פול פרילינגשע כוחות.

אַ מויער אַזאַ מין, פול טאַט און פול לעבן, —
אין מעמל, דער פאַרט־שטאָט, בײַ באַלטישע ברעגן.

אין מויער אין דעם־אַ איז הויכן, אין ברייטן
געהויזט האָט אַ קיבוץ פון פאַכלייט — פאַרשיידן:

עלעקטרא־מאַנטיאָרן און קעכינס און „שוועסטער",
און דרוקער, און פאַרבער, און שלאָסער און טעסלער.

עס האָט „חברה טראַסק" זיי דער גליל גערופן:
בחורים, בחורות מיט גבורה אין גופים,

חלוצים, חלוצות מיט בראַווקייט אין פנים,
מיט פרייקייט אין בליקן, אָן מורא פאַר שונאים . . .

אַ קיבוץ אַ כוואַטסקער פון שטאָט־פּראָלעטאַרן,
וואָס טוט זיך ניט שרעקן פאַר קיינע געפאַרן.

אַ קיבוץ, וואָס לאָזט ניט זיך שפּייען אין קאַשע
און קען, אויב מע דאַרף עס, געהעריק „אפּוואַשן".

אַ קיבוץ, ווו יעדער טראָגט ווירדיק דעם טיטל
פון „חלוץ", „חלוצה" אין גליל פון ליטע.

איז קיבוץ איז דעם-אַ געווען איז נחמה;
אַ „שוועסטער״, צו קראַנקע צו אַלע — אַ מאַמע;

אַ ווילדע בחורה, מיט שטענדיקן שמייכל;
אַ פעסטע חלוצה, אַ ברייטע, אַ הויכע.

איז קיבוץ איז דעם-אַ ז׳געווען יהונתן;
אַ שלאָסער; אַ בחור, פון אייזן געגאָסן;

אַ לוסטיקער חלוץ, אַ וויצלינג אַ גרויסער,
פון ווערטלאַך און מעשיות פאַרמאָגט האָט אַן אוצר.

און מלכה געווען איז אין קיבוץ איז דעם-אַ —
אין גליל אין גאַנצן געטאָן האָט זי שמען;

אַ זעלטענע קעכין, וואָס אירע פּאַטראָוועס
איעדער געשלונגען עס האָט מיט התלהבות.

און העסקע — אַ קענער איז אַלע מלאכות
(צו וואָס זיך גענומען, ער האָט באַלד געיכולט).

און חיים, וואָס איז שוין געווען אַ זעלנער,
און איצטער, אין גליל, — אַ טעסלער אַ פאַלנער.

און יצחק און רבקה, און משהקע און בונקע, —
בחורים, בחורות, איז מי איינגעטונקען.

אַ קיבוץ, וואָס מיט זיך אין דרוקן, שפּיטעלער,
איז קיכן, פאַבריקן, אויף קלעטער-געשטעלן.

אַ קיבוץ, וואָס אַרבעט דורך טאָג־שעהן לאַנגע
און נאָכדעם — דעם אוונט — פאַרברענגט אין געזאַנגען,

אין לערנען זיך עברית, אין לעזן, אין טרוימען,
אין מאַכן שפּאַצירן צו יאַמישע זוימען,

אין זיצן אויף זאַמדן, בײַ ברעגן פון באַלטיק
און — זעען אין חלום דאָס היימלאַנד דאָס אַלטע,

דאָס היימלאַנד דאָס ליבע, באַנייען וואָס טוט זיך
דורך פעסטע, ווי זיי דאָ, חלוצים, חלוצות . . .

דאָס היימלאַנד דאָס ליבע, וואָס טוט זיך אויפבויען
דורך חברה, ווי זיי דאָ, פון מעמלשן מויער . . .

פון קיבוץ פון דעם־אַ גערעדט האָבן שכנים
מיט ווערטער ניט־ריינע, מיט וווּנקען געמיינע.

דער טעמפּער קליינבירגער, ער האָט ניט באַנומען
געקענט די דערשיינונג, וואָס דאָ, אין זיין מעמל,

אין שכנות מיט אים דאָ אַ מויער סע שטייט זיך,
אַ מויער אַ הויכער, אַ מויער אַ ברייטער,

ווו יונגען און מוידן עס הויזן צוזאַמען.
איז — טוט מען אין מויער „ניט פאַסטן" מסתמא;

איז הערשט דאָ, אין מויער, מסתמא הפקרות;
באַגייט מען געוויס דאָ גאָר פיינע עברות — —

דער טעמפּער קליינבירגער, ער האָט זיך באַצויגן
בכלל צום „החלוץ" מיט חשד אין די אויגן:

געקומען אַהערצו, צום באַלטיק, צופאָרן
אַ מחנה „אָסט־יודן" פון אַלדי שוואַרציאָרן

און — „לאַנדקנעכט" מען איז דאָ אויף פּריצישע נחלות,
און קומט אַן אַ רו־טאָג, איז שניידט מען די רחבות

פון פעלדער, פון לאַנען, וואָס פירן קיין מעמל
און — ס'ווערט אַ האַרמידער איז מויער אין דעם־אָ:

דורך שעהן מע האַלט דאָ אין זינגען, אין טאַנצן, —
אַזש טרייסלען עס טוט זיך דער מויער דער גאַנצער . . .

דורך שעהן מען האַלט דאָ אין שמועסן, ריידן;
און פירן מע פירט זיך דערבײַ ניט באַשיידן:

מע שפּאַנט אָפּט אַרומעט אין מויער געאַרעמט,
מע בליקט זיך אַריינעט איז אויגן — גאָר וואַרים,

מע לאַכט אַזוי הילכיק — בחורים און מוידן . . .
מסתמא פאַרמאָגט מען די אמתע סודות . . .

מסתמא די פייגל די אמתע איז מען . . .
אַזוי צווישן שכנים געגאַן איז אַ פּזמון.

נאָר חברה פון קבוצות, געזען זיי מען האָט דאָ,
אין הויז פון החלוץ, איז באַלטישער שטאָט דאָ,

בלויז שבת און יום-טוב. דער קיבוץ פון מויער,
ער אַבער געווען איז ביים באַלטיק ביים בלויען

אין מעמל, דער פּאָרט-שטאָט, אַ שטענדיקער בירגער;
איז האָט ער דעריבער דעם זאַטן קליינבירגער

כסדר „געשטאָכן" די אויגן, דאָס פּנים,
כסדר געטאָן אים אַן זיך דאָ דערמאָנען:

אַ כאַפּטע „אָסט-יודן" אַ „ווילדע" אַזאַ מין,
ווו יונגען און מוידן עס „לעבן" צוזאַמען!

אַ כאַפּטע „אָסט-יודן" אַ הפקרדיק-פּרייע, —
אַט זי וועט אַ היימלאַנד אַן אַלטן באַנייען! . . .

דער אמתער עולם! — — אַזוי האָבן שכנים
געדבּרט פון קיבוץ מיט וווּנקען געמיינע.

נאָך מער האָט דער קיבוץ פון מעמלשן מויער
„געשטאָכן" די אויגן (די נאָרדישע, בלויע)

פון האָנסן און פריצן פון בלאָנדע און יונגע,
וואָס פלעגן זיך וואַקלען, ווי לוט אָנגעטרונקען,

אין באַלטישער פּאָרט-שטאָט, אויף גאַסן, אויף ראָגן, —
אין שבת-צו-נאַכטן, אין זונטיק-בייטאָגן.

אַט די-אָ שיכורים, די האָנסן און פריצן
(מיט אויגן — פאַרגאָסן, מיט צורות — רויט-היציק), —

זיי פלעגן פאַרבלאָנקען אין געסל אין שמאָלן
פון יידישן פערטל, ווו הויז פון החלוץ

געשפינט האָט זיין חלום זיין ליכטיקן, ריינעם
(להכעיס די זאַטע גראָבבייכיקע שכנים).

זיי פלעגן פאַרבלאָנקען אַהערצו פאַרגאַווערט,
מיט בראָנפן, פון אבר פון יעדן וואָס אַווירט,

מיט בגדים צעקנייטשטע, פאַרברודיקט, צעשויבערט,
און צופאַלן פלעגן צו מויערשע שויבן

מיט שיכורע בליקן, אַזעלכענע פרעכע,
וואָס קענען די צניעות די ריינסטע פאַרשוועכן — —

און ס'איז צו באַטראַכטן געוועזן טשיקאַווע
אַיעדער חברה, אַיעטווידן חבר:

סע שטייט זיך אַ שיכור אַ בלאָנדער אַזאַ מין,
מיט אויגן מיט בלויע, מיט בראָנפן וואָס פלאַמען,

און בליקט זיך אַריינעט מיט צורה, פול עקל,
און טראַכט זיך: מע קען דאָ אַ ביינדל אַפּלעקן;

דאָס אמתע ערטל; די אמתע „מעדכענס";
נאָך זיסער פון לאַטען, באַטעמטער פון גרעטכען — —

ביז ס'טוט אַ באַווייז זיך אינדרויסן אַ חלוץ,
מעסט אָפּ אים, דעם שיכור, מיט בליקן — האַרט-שטאָליק

און האַלט אין זייז אויג אים אַ רגע, אַ צווייטע,
ביז צורה זיין פרעכע דער שיכור עס דרייט אַפּ

און — וואַקלט אַוועקעט מיט געסל מיט שמאַלן
פון מויער פון פעסטן, פון גיבורשן חלוץ . . .

און איינמאָל האָט קיבוץ פאַרטיידיקט דעם טיטל
פון „חלוץ", „חלוצה", — דורך האַרבערן מיטל.

געווען איז עס ווינטער. אַ שבת אַ גרויער.
געדרישט, ווי אַ בינשטאָק, האָט מעמלשער מויער.

ווי יעטווידן שבת, איז עולם פון גליל
געקומען פון קבוצות אין הויז פון החלוץ

און האָט דאָ געשמועסט דורך שעהן דורך לאַנגע,
און האָט דאָ פאַרווײלט זיך מיט טענץ און געזאַנגען.

און אַט איז דער שבת דער קורצער אַוועקעט
און עולם, ער שפּאַנט שוין מיט שנייאיקע שטרעקעס

צוריק אין די קבוצות, אויף גיטער פאַרווייטע;
און הויז פון החלוץ, היפש ליידיק ער שטייט שוין;

בלויז קיבוץ פון פאַכלייט איז אים איז פאַרבליבן —
די שטאַט-פּראָלעטאַרן די ווילע, די ליבע.

ס'איז שבת אינגאַנצט. קיין אַרבעט ניטאָ איצט. —
איז זיצט מען און פירט מען אַ שמועס דורך שעהן.

איז טאַנצט מען און זינגט מען ניגונים — פאַרחלומט
און — ס׳הערט אַ פאַרטרוימטער דאָס הויז פון החלוץ . . .

— — — — — — — — — — — — — — — —

און דרויסן איז פינצטער און ערב אַ חגא.
די קלויסטערשע גלעקער, זיי קלאַפּן טרעוואָגע:

דערמאָנען דעם עולם אַז יום-טוב אַז פרומען
און רופן צו תפילה מיט מעשענעם ברומען.

און עולם — שוין יום-טוב׳ט: איז שוין בגילופין.
דורך גאַסן, דורך געסלאַך עס וויגן זיך גופים

פון האַנסן און פריצן פון בלאָנדע און גרויע,
מיט נאָרדישע אויגן מיט קאַלטע, מיט בלויע.

און שיכורע לידער פאַרהילכן די גאַסן.
און שנייען, זיי ווערן מיט מייקעכץ באַוואָשן . . .

— — — — — — — — — — — — — — — —

און הויז פון החלוץ, זיין חלום ער שפּינט אַלץ, —
אַ חלום פון זומער איז וואַרהייט פון ווינטער . . .

אַ חלום פון נייע, פון זוניקע וואַרן,
צו וועלכע זיין קיבוץ עס גרייט זיך צו פאָרן . . .

און ס׳גייען די שעהן פון אַוונט אַזוי-אַ.
ביז האַלבנאַכט קומט אַנעט איין מעמלשן מויער.

און עולם, אַ מידער פון רייד און פון לידער,
שויז פאַלט אויף געלעגערס צעבעטע אַנידער.

און — נאַכט ווערט אין מויער. דאָס ליכט — אויסגעלאָשן.
די צימערן אַלע — מיט חושך פאַרגאָסן.

און — ס'נעמט זיך אַ שנאַרכען צעטראָגן פון בעטן,
אַ שנאַרכען געשמאַקער אין נאַכט-שעה איז שפּעטער;

אַ כראָפּן פון יאַטן, פון יאַטעכעס, — מידע
פון לאַנגע ויכוחים, פון טענץ און פון לידער;

און ס'הערט-צו דער מויער דער הויכער, דער ברייטער
דאָס כראָפּען פון קיבוץ און — ביז גאָר עס פרייט אים . . .

נאָר פּלוצים צעפויקט מען אין טיר זיך מיט כוח,
און ס'וועקט זיך פון שלאָף אויף דער גאַנצענער מויער,

און חברה זיך לאָזן צום טיר מיט גערודער:
ווער קומט עס אַצינדער זיי שטערן די רו דאָ?

און — שיכורע קולות זיי טוען דערהערן
אינדרויסן, אַהינטער דער הויז-טיר דער שווערער:

לאָזט, „מעדכענס", אַריינעט אין מויער „פאַרברענגען".
מיר וועלן מתנות אייך טייערע שענקען.

מיר זענען בחורים — גאָר שיין און סימפּאַטיש . . .
לאָזט, „פרויליינס", אַריינעט — אין מאַמען! אין טאַטן! . . .

די חברה, זיי הערן און — קוקן זיך איבער:
וואָס זאָגט איר צו אורחים אַזעלכענע ליבע? . . .

און חיים דער טעסלער נעמט שרייען צום דרויסן:
גייט בעסער אוועקעט! גייט ניכטערט זיך אויסעט!

נאָר יענע, אינדרויסן, די שוועל ניט פאַרלאָזן,
אויף טיר פונעם מויער צוזאַמען זיך לאָזן

און — מאַכן איז איר שוין אַ בראָד נאָך אַ בראָד אַז;
אַט־אַט און — זיי ווערן באַקרוינט מיט ניצחון.

טוט פּלוצים די טיר זיך גאָר ברייט אַ צעעפן
און פּנים צו פּנים שיכורים זיך טרעפן

מיט חברה פון מויער, וואָס נעמען זיי „דעקן"
מיט פויסטן, ווי שטיינער, מיט פינגער, ווי שטעקנס:

דאָ איז ניט קיין הייזל, שיכורים פאַרדאַמטע! — —
און האַנסן און פריצן שוין ליגן צעדמטע:

דאָ איז ניט קיין הייזל, פאַרשאַלטענע פּלישתים! — —
און גרעסער עס ווערט אַלץ ביים פיינט די פאַרוויסטונג.

און חברה אַלץ מערער זיי „דעקן", זיי שלאָגן,
אַלץ מערער דעם שונא פון מויער פאַריאָגן.

ביז שיכור ביז לעצטער, ער הויבט זיך קוים אויפעט
און לאָזט זיך מיט פּחד מיט פינצטערן לויפן

פון מויער פון פעסטן, פון גיבורשן קיבוץ
און — קוליעט איז לויפן אַ פּאָר מאָל זיך איבער — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

און גיך האָט דער גליל דער גאַנצער געוווּסט שוין
פון זיי, „חברה טראַסק״, די גיבורים באַוווּסטע:

פאַרטיידיקט זיי האָבן גאָר ווירדיק דעם טיטל
פון „חלוץ״, „חלוצה״ אין גליל פון ליטע.

מלכה

אַ וואוקסיקע, אַ בויגיקע איז זי,
מיט אויגן צוויי מיט גליאיקע, מיט שוואַרצע.
ביז טיף אין נאַכט פון סאַמע אינדערפרי
זי האַוועט אום מיט אַרבל מיט פאַרשאַרצטע

ביים אויוון, פול מיט טעפּ מיט אַלערליי
אין קליינער קיך פון גרויסן בית־החלוץ;
זי קאָכט דאָ זופּ, זי פּאַרעט אויפּעט טיי
פאַר יעדערן, וואָס קומט אַראָפּ אין גליל.

זי באַקט דאָ ברויט, זי פּרעגלט אָפּעט פיש,
און טעלער וואַשט, און לעפל־גאָפּל ווישט זי;
און טענצלט אום אויף שלאַנקע, שטייפע פיס;
און יעדן גאַסט מיט ברען אין בליק באַגריסט זי...

זי פילט זיך דאָ אין קיך אין קליינער, גוט,
זי שפירט זיך דאָ, אין בית־החלוץ, היימיש;
זי איז אַדאָ צעווישן „אייגן בלוט";
זי איז ניט מער קיין עלנטע יתומה.

וואָס טאָג און נאַכט זי פּראַצעוועט — אַ דינסט —
אין וויסטער פרעמד, אין הייזער פון נגידים
און מיט איר מי, און מיט איר שווערער דינסט
זי שטעלט קיינמאָל די האַרן ניט צופרידן...

אַזאַ זי, מלכה, איז געווען לאַנג —
אַ דינסט געווען, אַן עלנטע יתומה;
עס איז איר בעט געווען אַ טאַפּטשאַן
אין גבירישע, כל־טובעדיקע היימען.

און עסן האָט געגעסן זי — אַליין,
אין קיך, אין היץ פון אויוונס אַנגעגליטע,
און קיינער ניט געהערט האָט דעם געוויין
פון הענט אירע צעווייטיקטע און מידע...

קיין אייגענע, קיין נאָענטע געהאַט,
פאַר וועמען ווען אַ וואָרט אַרויסצוריידן;
און אַלעמאָל געווען מיט אַרבעט זאַט,
זיך ניט געקענט מיט טעפּ און פאַנען שיידן.

און אַלעמאָל געהאַט האָט אויסצושטיין
פון תקיפע געגוידערטע מאַדאַמען;
פון מאַנען, זין פון זייערע — געמיין,
וואָס איז די נעכט זיך שאַרן צו איר קאַמער

(זיך היטנדיק פאַר מאַמע און פאַר ווייב,
מיט אויגן — פול מיט תאוהדיקן הונגער;
אין גלוסטעניש נאָך איר צעבליטן לייב,
אין גאַרעניש נאָך אירע גלידער יונגע). —

נאָר זי האָט זיי געטריבן, ווי די הינט,
די אויסוואורפן, די פּאַראַזיטן זאַטע:
זי איז טאָקע ניט מערער ווי אַ דינסט,
איר גוף אָבער איז ניט קיין הפקר־שמאַטע,

פאַר יעדערן צו ווישן זיך מיט דעם
און — גלייכגילטיק אַוועקצוואַרפן נאכהער. —
זי האָט געקעמפט מיט אירע מידע הענט,
זי האָט געקעמפט מיט אירע כוחות שוואַכע.

זי האָט געטרוימט, ביינאַכט, אויפן טאַפּטשאַן,
פון גליק, וואָס דאַרף באַזוכן אויך איר לעבן:
זי נעמען וועט אַן איידל־שטילער מאַן,
וואָס וועט אַ היים אַן אייגענע איר געבן.

אַ שטילע היים, איז וואַרימע פיר ווענט,
ווו ווינען וועט דאָס גליק מיט זיי צוזאַמען...
און — מער זי' וועט ניט דינען אינדערפרעמד,
און — מער זי וועט ניט ליידן פון מאַדאַמען.

און פאַר דעם צוועק זי, מלכה, האָט נדן
התמדהדיק געקליבן אין איר חדר —
איז קופערט איר, וואָס אונטער דעם טאַפּטשאַן:
אי טישטאַכער, אי האַנטוכער, אי קליידער,

אי אונטערוועש, אי ציכן, ווייס, ווי שניי;
געקליבן אַלץ פאַר „אים", פאַר דעם „באַשערטן";
און אין איר האַרץ מיט יעדן טאָג אַ פרייד,
ווי דער נדן אין קופערט, האָט געמערט זיך...

נאָר איר געווען איז בעסערס וואָס באַשערט:
געוואָרן איז דער גליל איר „באַשערטער";
אַ חברטע געבראַכט האָט זי אַהער,
אויף גלילשע, אויף רחבותדיקע ערדן.

זי האט זיך, מלכה, צופעליק באַקענט
אין פרעמדער שטאַט מיט איינער אַ חלוצה,
און יענע האט געמיט זיך און געזען,
אַז פאָרן זי אין גליל זאל, אין קבוצה.

האָט אויפגעקלערט דעם דינסטמיידל דעם זין
פון הכשרה און קבוצה און „החלוץ״:
ניט שלינג־און־שלאַנג, ווי די נגידים־זין,
זיך דרייען אום חלוצים דאָרט, אין גליל;

און ס׳קלערן ניט חלוצות פון נדן,
און ס׳טראַכטן ניט חלוצות פון „באַשערטע״. —
זיי גרייטן זיך צו אויפבויען אַ לאַנד,
פאַרוואָרצלען זיך אויף אייגן־פרייע ערדן.

זיי גרייטן זיך צו ראטעווען אַ פאָלק,
אַרויספירן פון גלותדיקער תפיסה.
און ליב איז זיי אַט דער־אַ שווערער עול,
און טייער איז — אַט די־אַ הארבע מיסיע — —

און מלכה האט גענומען עס פאַרשטיין.
און מלכה האט פאַרשטאַנען עס אַלץ בעסער.
און פון דאַן אַז איז זי ביי זיך אליין
אַלץ וויכטיקער געוואָרן און אַלץ גרעסער...

און אַט האט זי פאַרלאָזט די פרעמדע שטאַט,
די גבירישע, כל־טובעדיקע שטיבער;
און אין אַ פרי אַ פרילינגשן זי האט
דערזען זיך דאָ, אין גליל אין דעם ליבן.

דערזען זיך אין אַ קבוצה, אויף אַ גוט,
מיט איר נדן — אין קופערט איז דעם גרויסן...
זי האָט זיך נאָר אַ ווײַלע אָפּגערוט
און — איז אַרויס אין פעלדיש-ברייטן דרויסן;

געגומען זיך מיט חשק צו דער מי,
גענומען צו דער אַרבעט זיך — חלוציש;
באַוויזן באַלד מיט אירע הענט, אַז זי
דאָ שטייט ניט אָפּ פון קיינעם אין דער קבוצה.

און עולם האָט זי ליב-געקראָגן באַלד,
און זי אויך זיי האָט ליב-געקראָגן זייער, —
די נייע פריינט פון גאָרטן און פון שטאַל,
די אַקערער די יידישע, די זייער...

און באַלד האָט זי אַ טייל פון איר נדן,
וואָס זי געבראַכט אין קופערט האָט אין קבוצה,
אַרײַנדערלאַנגט אין קבוצהשן „מחסן", —
פאַר אַלעמען אין קאָלעקטיוו צו נוצן...

און ווען עס איז געקומען דאָ איר ריי
דעם קאָלעקטיוו באַדינען, ווי אַ קעכין,
האָט זי געעמיט מיט אייפער זיך פאַר זיי;
די ריינציקסטע געריכטן אויסגערעכנט

אין קאָפּ אירן — פון פריערדיקע טעג,
ווען זי געדינט אין הייזער האָט אין רײַכע,
און האָט אַצינד, אַ פריידיקע אַז ברעג,
געשטאָפּט מיט זיי די האָרעפּאַשנע בײַכער...

פּאַטראָוועס אַלץ באַטעמטערע געגרייט:
אי לאַטקאַלאַד, אי קנישיקלאַד, אי קרעפּלאַד;
דער קאָלעקטיוו געשלונגען האָט מיט פרייד
און האָט געריימט אי זי, אי אירע טעפּלאַך.

און ס׳איז איר שם באַוווּסט געוואָרן שנעל:
אַ קעכין זי אַן אויסנאַם איז אין גליל;
און גראַדע דאַן אַ קעכין האָט געפעלט
אַזאַ, ווי זי, אין קיך פון בית-החלוץ.

האָט מען באַשטימט: איר קולינאַרע קונסט
איעדערן באַדינען דאַרף אין גליל;
איעדערער געניסן דאַרף דערפון,
איעדער גאַסט, איעדער אַלטער חלוץ...

האָט זי פאַרלאָזט די קבוצה אירע דאַן,
אַוועק אַהער, אין דינסט פון גאַנץ גליל;
און מיטגעבראַכט דעם רעשט פון איר נדן
אין קופערט איר — אין קיך פון בית-החלוץ...

און פון דאַן אָן זי קאָכט דאָ און זי באַקט,
און פון דאַן אָן זי טוט דאָ און זי האָוועט,
און קאָרמעט אָן מיט מאַלצייטן — געשמאַק —
איעדן גאַסט, איעדן אַלטן חבר.

נאָר ניט קיין דינסט, ווי אינדערפרעמד אַמאָל,
זי איז אַדאָ — זי איז דאָ באַלעבאָסטע;
און פרייוויליק זי שלעפּט אויף זיך דעם עול
פון גאַנצער קיך און — לאָזט אַליין זיך קאָסטן.

פאַרקויפנדיק פון איר נדן, וואָס זי
אין קיך דאָ האַלט, אין קופערט אין איר שווערן,
אַ אונטערקלייד, אַ טישטוכל, אַ ציך, —
כדי עסנוואַרג צו איינקויפן וואָס מערער

און צוגרייטן געריכטן נאָך און נאָך
פאַר גלילשע חברים אירע גוטע,
וואָס טראָגן דאָ, ווי זי, אַ האַרבן יאָך
און זענען נאַנט, ווי אייגן פלייש און בלוט, איר...

און קלענער אַלץ עס ווערט דאָ איר נדן,
און ליידיקער אין קופערט אירן ווערט אַלץ.
נאָר ס'אַרט איר ניט. עס טוט איר איצט ניט באַנג.
זי טראַכט ניט מער פון „אים", פון איר „באַשערטן".

זי האָט אים דאָ, אין קיך, געפונען שוין...
ער האָט אַדאָ אַ היים איר שוין געגעבן...
זי איז שוין איצט מיט העלן גליק באַלוינט . . .
און פריי איז איצט און זאַרגנלאָז — איר לעבן . . .

העסקע „אומגליק"

געווען איז ער אַ חלוץ, פול מיט גליק
(כאָטש העסקע „אומגליק" האָט מען אים גערופן), —
האָט אים געדאַרפט אַוועקגיין אויף צוריק,
האָט אים געדאַרפט אַן אומגליק טאַקע טרעפן.

ס׳געדענקט זיך זיי, די יאָטן אין דער שטאָט,
אין מעמלשן, אין קיבוץ בית-החלוץ,
ווען ער נאַרוואַס באַוויזן דאָ זיך האָט,
ווען ער אַקאָרשט געקומען איז אין גליל.

אַ קורצער יאָט, מיט בלייכע, דינע הענט,
מיט שמאָלע אַקסל, מיט אַ פּנים — ביינער;
אַ ווינטל, דאַכט, אַוועקבלאָזן אים קען;
און — חלוצן עס ווילט זיך אַזאַ איינעם.

האָט עולם גלויבן ווייניק-וואָס געהאַט
אין אים, אין העסקען, — אַז ער קען דאָ ווערן
אַ פאַרשטייער פון פּראָלעטאַריאַט,
אַן אַרבעטער בײַ האַרעוואַניע שווערער.

נאָר העסקע אַזוי זיכער האָט געבליקט:
די קיבוץ-יאָטן, זאָל זיי גאַרניט אַרן:
ער, העסקע, איז אַ בחור, פול מיט גליק . . .
ער, העסקע, שוין פון יאָרן פּראָלעטאַר איז . . .

ער, העסקע, איז אַ שניידער שוין געווען.
ער, העסקע, איז געוועזן שוין אַ גאַרבער.
און שיך פאַריכט עס האָבן זיינע הענט.
און ווי אַ בלעכער האָט ער שוין געאַרבעט.

מיט זיינע בלייכע, שטעקלדיקע הענט
ער, העסקע, קען — אַודאי צען מלאכות.
מיט זיינע הענט, צו וואָס נאָר ער זיך נעמט,
איז האָט ער באַלד אין אָט-דער זאַך — הצלחה.

נאָר איצטער ציט אים אין אַ דרוקעריי.
ער וויל זיך, העסקע, ווי אַ דרוקער שפּירן . . .
ער וויל זיך, העסקע, „אָנעסן" מיט בליי,
מיט פאַרב-געררוכן און מיט רעדער-שמיראַכץ.

און גאָר אינגיכן איז ער שוין געווען
אַ דרוקער, העסקע, — אין דער שטאָט ביים באַלטיק;
און זיינע בלייכע ,שטעקלדיקע הענט,
זיי האָבן שוין גאָר ווייט איז דרוק געהאַלטן.

עס האָט פון זיי געשמעקט שוין היפּש מיט בליי,
מיט רעדער-שמיראַכץ און מיט פאַרב-געררוכן;
געשטאַנען איז ער אין דער דרוקעריי
און האָט געטאָן, און האָט געיאָגט — אַ רוח'ל.

און האָט פאַרדינט דאָ מער פון אַלעמען.
(און עס אין קיבוץ אַלץ אַריינגעגעבן . . .).
און וואָס אַ טאָג האָט עולם מער דערזען:
ער, העסקע „אומגליק", פול מיט גליק איז, כ'לעבן.

אַט גייט אים, העסקען, ניט אין אַרבעט בלויז.
אַט טוט ער אויך צו עפּעס אַנדערש טויגן.
ער נעמט, למשל, באַלד ביי יעדן אויס.
ס'ווערט יעדערער צו אים גלייך צוגעצויגן.

און ס'האַט אים ליב דער באַלעבאָס פון דרוק.
די אַרבעטער איז דרוקעריי אים ליבן.
און אַט-דער יאַט, מיט זיכערקייט אין קוק, —
ער טוט געפעלן אויך דעם גאַנצן קיבוץ.

און פאַרן קיבוץ איז ער אַ געווינס,
אַט דער-אַ חלוץ — ביינערדיק און הויטיק:
אַ חוץ וואָס מער פון אַלע ער פאַרדינט,
איז ער בכלל אין קיבוץ זייער נויטיק.

מיט זיינע, העסקעס, גילדערנע צוויי הענט
ער טוט דאָ אַלץ, וואָס קאַליע ווערט, פאַריכטן:
אַ קאַליע זייגער — טוט ער אים אַ נעם
און — שוין: דער זייגער גייט שוין גוט און ריכטיק.

און ווערט מכולה די עלעקטרע דאָ,
די וואַסער-לייטונג אינעם בית-החלוץ,
איז לייגט ער, העסקע, צו צו דעם קאָפּ
און פירט די שטיקל אַרבעט דורך — בשלום.

און קרימט זיך אויס אַ קליאַמקע פון אַ טיר,
און ווערט אַ שלאָס אין מויער ווו צעבראָכן,
איז נעמט זיך העסקע באַלד צו „אים", צו „איר"
און — „אָפּערירט" זיי, און — מיט גרויס הצלחה.

און איינמאָל ברענגט ער אַ וועלאָסיפּעד
(אים אָפּגעקויפט ביי איינעם פּאָר אַ שיבוש)
און — זעצט זיך פאָרן באַלד אויף אים אַוועק —
צו דעם בייזוווּנדער פונעם גאַנץ קיבוץ . . .

און העסקע פאָרט אויף זיין וועלאָסיפּעד —
איז פּרי, איז אַוונט, — צו און פון דער אַרבעט;
און וואָס אַ טאָג, פון אים אַלץ מער סע שמעקט
מיט בליי און אויל, מיט דרוק-פּאַפּיר און פאַרבן.

איז, דאַכט זיך, גוט? איז אַלעס אים עס גליקט . . .
און העסקע „אומגליק" טוט מען אים דאָ רופן . . .
בלשון סגי־נהור . . . אויף צוריק . . .
(ווי מ'טוט אין גליל פּיל חלוצים רופן . . .). —

איז נעמט ער, אָט-דער חלוץ, פול מיט גליק,
איז נעמט ער און — פאַרליבט זיך, אָט דער „אומגליק" — —
און ס'איז דעם יאָט אַוועקעט אויף צוריק.
און ס'איז מיט אים געשען טאַקע — אַן אומגליק.

פאַרליבט האָט ער זיך אין אַ „זייטיקער" —
ניט קיין חלוצה, נאָר „אַזוי אַ מיידל";
אַ מיידל מיטן נאָמען קריינדל שער;
אַ שיינע מויד, מיט הענט אַ פּאָר — גאָר איידל.

געווען איז זי אַ פידל־שפּילערין —
אַן אָרימע און פון אַ קליינעם ישוב;
האָט איינדערהיים אַ חלום — העל — געשפּינט;
מיט שפּילן אירן זי די וועלט פאַרכישופט . . .

און — זיך געריסן אין דער גרויסער וועלט.
און — זיך דערזען אין האַפּן-שטאָט, ביים באַלטיק.
און דאָ האָט זי זיך — אַז אַ גראָשן געלט
און אַן דערפּאַלג דערווייל — אויף לאַנג פאַרהאַלטן.

געהונגערט היפּש און ניט געהאַט קיין דאַך,
זיך אומגעשלעפּט אין בלוּעדיקן אַנטאָן;
און ניט געפעלט שוין האָט אַ-דאָ קיין סך,
זי זאָל אַ מעשה, קריינדל שער, זיך אַנטאָן.

האָט זיך פון איר דערוווּסט הער יאַקאָבזאָן,
וואָס האָט געבויט דעם היגן בית-החלוץ
(אַ ייד אַ גביר, וואָס תּמיד איז פאַרטאָן
אין העלפן דער באַוועגונג פון „החלוץ״).

האָט ער אין איר זיך פאַראינטערעסירט,
געזען, זי זאָל איר אויסבילדונג דאָ קריגן,
און ביז וואָס-ווען זאָל עסן און קוואַרטיר
זי האָבן, שער, אין בית-החלוץ היגן.

האָט זיך צוערשט דער קאָלעקטיוו געווערט,
ניט האַלטן זי געוואָלט אין בית-החלוץ:
זי, קריינדל שער, אַהערצו ניט געהערט:
זי איז דאָך ניט קיין מיטגליד פון „החלוץ״.

דערנאָך אָבער געבליבן איז, אַז יאָ
(מע טוט עס נאָר צוליב הער יאַקאָבזאָנען . . .),
און קריינדל שער דערזען האָט זיך אַדאָ,
און — עסן דאָ, און — שלאָפן דאָ געוואוינען.

און שעהן דאָ איז אָפּגעשטאַנען זי —
געפּירט דעם סמיק איבער די פידל-סטרונעס;
און שטיקער שיינע, האַרציקע מוזיק
פון פידל איהן זענען דין גערונענ.

און עולם האָט איז פרייער צייט געהערט,
און פון איר שפּילן פיל געהאַט הנאה;
און ליב-געקראָגן האָבן אָט-די שער
די קיבוצניקעס פונעם מעמל-מויער.

נאָר מערער נאָך צופרידן איז געווען
מיט שפּילן אירן שיינעם — העסקע „אומגליק";
אויך ער, אויך העסקע, עטוואָס שפּילן קען,
אויך ער עס ווייס, ווי מיטן פידל אומגיין.

נאָר וויסן וויל ער, העסקע „אומגליק", מער.
אים ווילט זיך שפּילן פידל — ווי געהעריק.
וואָלט גוט געווען, ווען די קריינדל שער —
אין צייט אין פרייער — פידל-שפּיל אים לערנט.

און פאַרדערפאַר אויף זיין וועלאָסיפּעד
וועט העסקע לערנען קריינדלען ווי צו פאָרן.
און ס'איז אַזוי געוואָרן אָפּגערעדט.
און ס'איז געווען — ווי צו העסקעס יאָרן.

ער האָט געלערנט פאָרן אַלץ די שער,
און קריינדל אים האָט שפּילן אַלץ געלערנט.
אַ וואָך, אַ צווייטע. ביזקל העסקע, ער,
האָט איז דער שער פאַרליבט זיך זייער ערנסט.

אין קיבוץ האָט מען תיכף עס באַמערקט
און — ריידן דאָ געגומען האָט דער עולם:
דער „אומגליק" האָט „פאַרדרייט זיך" מיט דער שער,
די פידלעריז, זי וועט אים, העסקען, „קוילען".

און מ׳האָט אַ שמועס באַלד מיט אים פאַרפירט,
און טענהן האָט מען באַלד צו אים גענומען:
ער, העסקע, צופיל מיט דער שער זיך פירט,
ער, העסקע, צופיל איז מיט איר פאַרנומען.

ניט גוט אַזוי. ער, העסקע „אומגליק", שטערט
דאָס לעבן אינעם בית-החלוץ-קיבוץ...
און ס׳טויג בכלל ניט דאָס, וואָס העסקע, ער,
פאַרנעמט זיך איצט — אין גלות — מיט אַ ליבע...

ניט איצט די צייט איז פאַר אַ „התחיות".
ניט איצט די צייט פאַר גליק איז פאַר פריוואַטן...
מע דאַרף אַצינדער צוגרייטן זיך גוט
פאַר „ארץ"-לעבן בויערישן, האַרטן.

מע דאַרף זיך איצטער מכשיר-זיין וואָס מער.
מע דאַרף אַצינדער ווערן וואָס-מער **חלוץ**...
איז גייט ער און פאַרנעמט זיך מיט דער שער,
פאַרפירט מיט איר אַ „התחיות" אין גליל...

אַזוי האָט מען מיט העסקען דאָ גערעדט.
אַזוי האָט מען דעם „אומגליק" אויפגעקלערט דאָ.
נאָר העסקע, ער, אויף זיין וועלאָסיפּעד
געלערנט האָט צו פאָרן אַלע די שער דאָ.

און זי, די שער, די שיינע פידלעריןֿ, —
זי פידל-שפיל האָט העסקען אַלץ געלערנט,
און אים אַלץ מער איז נעץ אירן פאַרשפינט,
און צוגעצויגן אים צו זיך אַלץ מערער.

און העסקע האָט געפלאַטערט און געשוועבט
אויף ליבע-פליגל הימלדיקע, בלויע;
און — מיט זיין ליבע האָט ער אַלץ געלעבט,
און — זיך אַלץ מער דערווייטערט פונעם מויער . . .

און זיך אַלץ מער פון קיבוץ אָפּגעשיידט.
אַלץ מער פאַרגעסן, אַז ער איז אַ חלוץ;
אַז ניט פאַר ליבע איז אַצינד די צייט . . .
אַז „התחיותן" פירט מען ניט אין גליל . . .

ביז קריינדל שער אַוועקגעפאָרן איז —
פאַרפּולקאָמען איר פידל-שפּיל איר וויסן;
אין אויסלאַנד ווו, אין לאָנדאָן, צי פּאַריז;
און פון דעם „אומגליק" ניט געוואָלט מער וויסן.

אָט דאָן האָט ער זיך אומגליקלאַך דערשפירט,
אַ לאַנגע צייט קיין אָרט זיך ניט געפונען,
און — האָט כמעט פון זינען זיך געריִרט, —
אַזוי האָט אים דער „קלאַפּ אָט־דער — „צענומען" — — —

געוועזן איז ער אַ חלוץ, פול מיט גליק
(כאָטש העסקע „אומגליק" האָט מען אים גערופן), —
האָט אים געדאַרפט אַוועקגיין אויף צוריק,
האָט אים געדאַרפט אַן אומגליק טאַקע טרעפן.

אַ ווינטער־דערמאָנונג

געווען איז עס ווינטער פון יאָר זעקס און צוואַנציק —
אַ ווינטער מיט שנייען — גאָר טיף און גאָר גלאַנציק,

אַ ווינטער מיט קעלטן — גאָר שאַרף און גאָר ביטער, —
איך געגנט פון באַלטיק, אין גליל פון ליטע.

איך בין דאַן געוועזן דער לערער פון גליל,
געוואָגלט מיט וועגן, מיט פעלדער, מיט טאָלן,

באַמאַנטלט, באַקוטשמעט, אין שטיוול אין הויכע, —
אַ יונגער, אַ גרינגער, מיט פרילינגשע כוחות . . .

און גוט איז געוועזן צו שניידן די רחבות —
פון קבוצה צו קבוצה, פון נחלה צו נחלה.

אַ יונגער, אַ גרינגער, איך גיי מיר און גיי מיר
מיט שליאַכן מיט ווייסע, מיט זילבערנע ביימער,

מיט פליינען — צעליכטיקט, מיט היגלען צעשטראַלטע, —
באַבלויט פון אַ הימל אַ טיפן, אַ קאַלטן . . .

די קרירה, זי קרעפטיקט, ווי בראַנפן זי שיכורט
און — פריש איז מיין פנים און הייטער מיין בליק איז.

און פריידיק עס איז מיר. און ס'חלומט מיין זעלע
פון מאָרגן צעזונטן, פון צוקונפט פול העלער

אויףברייטן, אויף לענגן אויף אייגענע, פרייע, —
איז היימלאַנד אין ליבן אין אַלטן, איז נייעם . . .

אַזוי־אַ איך גיי מיר און שנייד אַלץ די רחבות
(פון קבוצה צו קבוצה, פון נחלה צו נחלה).

און אַט ווייזט ווייזט איבערייט זיך, אין ווייסן צע'יום-טוב'ט,
באַפּאַרקנט, באַביימערט, אַ היפּשער מאַיאַנטעק;

אַ פּריצישע נחלה אַ רייכע, אַ גראַמע,
געהילט אין אַ שלוה אַ קלאָרער אַזאַ מין . . .

און — כ'שפּאַן שוין אויף באַדן פון דעם-אַ מאַיאַנטעק,
און אַט איז אַ שטיבל — מיין אויג שוין דערקאַנט עס;

דאָס קלענסטע אין הויף דאָ, אַ גרויעס, אַן אַלטעס, —
אַ טייערער אוצר אין אים ווערט געהאַלטן;

אַ חברה חלוצים — גאָר פריילאַכע יונגען,
גאָר לוסטיקע מוידן — צעטאַנצט און צעזונגען,

אַ חברה אַ ווילע — צעהויראַט, צעמיזמורט. —
מיט זיי צו פאַרברענגען אַ נחת עס איז מיר.

מיט זיי צו פאַרווײלן עס איז מיר אַ תענוג.
און — — כ'לאָז זיך מיט שמחה אין קבוצה אַריינעט.

און כ׳טרעף דאָ זיי אַלע ביים טיש ביים געדעקטן,
ביים רייציקן וואַרמעס: „כדורים׳׳ צעשמעקטע.

און — זעץ זיך צום טיש צו, און עס גלייך מיט אַלע,
און אָטעם אַריינעט דעם ריח פון שטאַלן,

פון קי און פון סוסים, וואָס טראָגט זיך פון עולם;
און — הער זיך געשמאַק צו צום טומל פון קולות,

צו רייד וועגן אַרבעט ביים פריץ ביים היגן:
ביי קאַרמענען עופות, ביים מעלקן, ביים זעגן — —

און טו זיי דערציילן, די חברה די ליבע,
די נייעס, וואָס האָט זיך ביי מיר אנגעקליבן

איז קבוצות אין אַלע פון גליל פון גאַרן:
ווער איז אנגעקומען, ווער איז אַפּגעפאָרן — —

און נאָכדעם רו אָפּ זיך פון שפּאַנען אהער־אַ
און גרייט צו אַ פּאַרטראַג פאַר חברה — געהעריק:

אויף שפּעטער, אינאָוונט. און אַט איז שוין טונקל.
איז שטיבל אין קליינעם אַ לעמפּל שוין פינקלט.

און עולם, ער איז שוין באַפרייט פון דער אַרבעט,
און זיצט שוין איז קבוצה — ביי וועטשערע „אַרבעט׳׳.

און אַט איז געענדיקט די סעודה די זאַטע,
און ס׳וואַרטן ביים טיש שוין די יאַטעכעס, יאַטן,

און איך הויב שוין אָנעט, און רייד, און — צעהיץ זיך . . .
און אויגן אַרום מיר, מיט נייגיר זיי בליצן.

און אויערן הארכן. און פנימער פלאַמען. —
אַ יונגע מסיבה אַ הייסע אַזאַ מין . . .

און נאָכדעם, ווען כ׳ענדיק, — צעזינגט זיך די קבוצה
און טאַנצן עס נעמען חלוצים, חלוצות;

מע הוראַט, מע ניגונט, — ביז נאַכט־שעה ביז שפּעטער;
און מ׳וואַרפט זיך דערנאָכדעם אַריין אין די בעטן.

און — מ׳ווערט גלייך אַנשלאָפן... און איך שלאָף שוין אויכעט
(אַ שלאָף אַ געזונטן...) און זאַמל אַן כוחות

פאַר מאָרגיקן שפּאַנען צו קבוצה צו צווייטער —
מיט שליאַכן, מיט פעלדער פאַרשנייטע, פאַרווייטע — —

און אַט קומט דער מאָרגן. דער עולם שוין מיט זיך
(אין הויף, אין די שטאַלן, — אין פראָסט אין צעגליטן).

און איך, אין דער קוטשמע, אין מאַנטל, אין שטיוול, —
איך טרעט שוין באַנייעס די שנייען די טיפע,

איך טו שוין באַנייעס די רחבותן שניידן
און צי זיך, אַ יונגער, אין בלוי-קאַלטע ווייטן,

און טראָג זיך, אַ גרינגער, אין קרירה אין שאַרפער,
אין וואָיען פון ווינטן, וואָס בריען, וואָס שרפען — —

אַזוי-אַ אַ זונטיק, אַ מאַנטיק פאַרגייען
(אויף שליאַכן, אויף פעלדער, אין זויבער פון שנייען).

אַזוי-אַ אַ דינסטיק, אַ מיטוואָך פאַרשווינדן
(אין גליאיקע קעלטן, אין בריענדע ווינטן).

און — דאָנערשטיק אַט איז, און — אַט איז שוין פרייטיק,
און — קלייבן איך מעמל איך נעם זיך באַצייטנס:

פאַרברענגען דעם שבת איך הויז פון החלוץ
(מיט חברה פון קבוצות פון אַלע אין גליל),

אַ זיצונג דאָרט האָבן מיט ועד-הפועל
(באַהאַנדלען פּראָבלעמען פון יידישן פּויער),

אַ שמועס דאָרט האָבן מיט שטאָטישן קיבוץ
(חברים גאָר ווילע, חברות גאָר ליבע) — —

איז — שפּאָן איך צוריק שוין. און אַט נעמט זיך ווייזן
די פאַרט-שטאָט די אַלטע, מיט דעכער פון הייזער,

מיט שפּיצן פון קלויסטערס, פאַבריקישע קוימענס, —
פאַרשטאָכן, פאַרשניטן אין פּראָסטיקע רוימען . . .

און — כ׳גיי שוין מיט גאַסן מיט לאַנגע, מיט גלייכע,
מיט מויערן ברייטע, מיט קראָמען מיט רייכע,

אין רויש פון טראַמווייען, מיט פאַרער באַשווערטע,
און — אַט איז פון שטאָט שויז דאָס יידישע פערטל.

און — אַט איז דאָס געסל דאָס שמאָלע, געדרייטע.
און — אַט איז דער מױער דער הױכער, צעשפּרייטער,

דער לאַנג שױן באַקאַנטער, דער טײַערער מױער:
דאָס הױז פון החלוץ דאָס װײַסע-און-בלויע . . .

און ס׳נעמט מיך באַנײַס אױף דאָס הױז פון החלוץ
(נאָך זעקס טעג פאַרבּרענגען אין קבוצות פון גליל,

נאָך זעקס טעג פון שפּאַנען מיט פליגען, שאָסייען, —
אין קרירה׳ס איל גרײַזע, אין װײַסקייט פון שנייען).

און כ׳קוק זיך אַרום דאָ, באַבליק אַלץ מיט ליבע,
און אויספרעגן נעם איך דעם שטאָטישן קיבוץ

פון נײַסן פון אַלע, װאָס זענען געשען דאָ
פאַר װאָך פאַר דער גאַנצער, װאָס בין ניט געװען דאָ:

װער איז אַפּגעפאָרן, װער איז אָנגעקומען,
צי בריוו זיך עס האָבּן פון מרכז באַקומען — —

און חברה דערציילן, און איך הער זיי אויסעט,
און — טונקלען עס נעמט שוין דער װינטער-אינדרויסן,

און — שבת קומט אָנעט אין הױז פון החלוץ,
און — אורחים ער ברענגט אָן פון קבוצות איז גליל.

דער מױער מיט יוגנט נעמט ברויזן, זיך וויגן;
מע שמועסט, מע מיטינגט, מע הוראַט, מע ניגונט . . .

און איך בין אינמיטן פון גאַרן גערודער . . .
און פריידיק עס איז מיר. און ס'איז מיר גאָר גוט דאָ . . .

גאָר קורץ איז דער שבת און — אַט איז שויןִ זונטיק
און — ווידער מיך טראָגן די פיס די געזונטע:

צו אַנדערע קבוצות אין גליל פון ליטע —
אין שנייען אין טיפע, אין קעלטן צעגליטע — — —

און ווידער פאַרגייען אַ זונטיק, אַ מאָנטיק,
אַ דינסטיק, אַ מיטוואָך, — אין בייטן מאַיאָנטעקס;

און — דאָנערשטיק אַט איז און — אַט איז שוין פרייטיק
און — ווידער איך לאָז זיך אַוועקעט אין ווייטן:

קיין מעמל, אויף שבת, אין טייערן מויער —
אין הויז פון החלוץ, דעם ווייסן-און-בלויען — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

און איינמאָל, כ'קום אָנעט אין מויער פון מעמל,
איך טרעף דאָ דריי אורחים אין קיבוץ-געזעמל:

מאַטראָסן זיי זענען, מאַטראָסן און — יידן . . .
פון „ארץ" זיי קומען, די ים-לייט, די יידן . . .

ס'דאַרף „ארץ" חלוצים ניט בלויז פאַר יבשה,
ס'דאַרף „ארץ" פאַר ים אויך חלוצים — מאַטראָסן:

פאַר וואַסערן אירע, פאַר אַנדערע ימען;
כדי יידן וואָס מערער צו ברענגען צוזאַמען

פון גלות פון וויסטן — אין טייערן „ארץ״;
כדי גרעסער אַלץ ווערן, כדי שטאַרקער אַלץ ווערן;

כדי סחורות צו ברענגען, כדי סחורות אָפּשיקן;
כדי מער זיך פאַרבינדן, זיך ענגער פאַרבריקן

מיט לענדער מיט אַלע פון ערדישן קוגל; — —
באַדאַרף מען מאַטראָסן געניטע און קלוגע . . .

איז — זענען די געסט די מאַטראָסן געוואָרן,
געלאָזט זיך אויף שיפן ניט-יידישע פאָרן

(קיין אייגענע שיפן דערווײַלע ניטאָ נאָך,
און זיי, אָט-די אורחים, — עס ווילט זיך זיי קאָנען

די תורה פון וואַסער, די שיפישע אַרבעט, —
די שיינע און שטרענגע, די פלינקע און האַרבע...); —

האָט מען זיך אויף שיפן אויף פרעמדע פאַרדונגען —
דרײַ מוטיקע יידן, דרײַ קרעפטיקע יונגען;

געלאָזט זיך מיט ימען מיט הויכע, מיט טיפע,
געביטן מדינות, געביטן די שיפן,

געשווומען, געוואַנדערט אין זונשייַן, אין רעגן,
דורך וואַכן, חדשים געמאָסטן די וועגן,

די ימישע וועגן — אין שטילקייט, אין זיכער,
אין אויפברויז פון שטורעמס, אין דראָונג פון וויכערס,

די ימישע ברייטן — צעשוימיקט, צעהוידעט,
מיט תהומען מיט בלינדע — מיט אימה׳קע סודות . . .

געשוואומען, געוואַנדערט, די לענדער געביטן,
ביז מ׳האָט זיך דערזעען אויף באָדן פון ליטע,

אין מעמל, דער פּאָרט-שטאָט, ביי ברעגן פון באַלטיק, —
אינמיטן אַ ווינטער אַ ליטווישן, קאַלטן . . .

און אָט זענען דאָ זיי, אין הויז פון החלוץ,
זיי האָבן דערוווּסט זיך: פאַראַן דאָ אַ גליל,

מיט קבוצות, חלוצים, — אָט פּונקט ווי אין היימלאַנד . . .
איז באַלד זיי, די אורחים, געוואָרן גאָר היימלאַך . . .

און ס׳האָבן די פּיס זיי אַהערצו געבראַכט באַלד:
זיי ווילן דאָ גאַסטן, זיי ווילן דאָ נאַכטן,

און שטיין דאָ אַביסל, באַזוכן די קבוצות,
פאַרברענגען מיט היגע חלוצים, חלוצות.

זיי קענען, די אורחים די דריי, דאָס באַוווייזן.
זיי האָבן אין מעמל פאַרענדיקט אַ רייזע.

און ביזקל אַ שיף זיי אַ נייע פון מעמל
אויף רייזע אויף נייער מיט זיך וועט פאַרנעמען,

זיי קענען פאַרווײַלן אין גליל אין היגן —
מיט אייגענע, יונגע, חלוצישע יידן . . .

אַט דאָס האָבן אורחים אין קיבוץ־געזעמל,
אין הויז פון החלוץ, אין מויער פון מעמל,

דערציילט און געמאָלדן מיט בראַווע געזיכטער,
מיט אויגן — גאַר האַרציק, מיט שמייכלען — גאַר ליכטיק...

און קיבוץ געקוועלט האָט, מיט פרייד האָט געפּלאָסן:
אַזעלכענע אורחים: חלוצים — מאַטראָסן! . . .

און האָט, אַ צעשטראַלטער, מיט זיי באַלד באַקענט מיך.
און מיר האָבן תּיכּף געגעבן די הענט זיך.

און איך האָב דערהערט באַלד, די אורחים ווי הייסן.
דערזען פונדערנאָענט אַיעדערנס אויסזען.

דערוווסט זיך, פונוואַנען זיי שטאַמען, די ליבע.
ווי לאַנגשוין זיי זענען אין היימלאַנד אין ליבן.

איז הייסט איינער יצחק. ער איז אַ תּימני.
אַ קורצער, אַ דאַרער, מיט טונקעלן פּנים.

מיט קויל־שוואַרצע אויגן, מיט הענט — לאַנג און האַריק.
אין ארץ ישראל — געבאָרן־געוואָרן.

דער צווייטער הייסט מאיר, אַ הויכער, בּרייטפּלייציק,
אַ בּלאָנדער, מיט אויגן, מיט בלויקייט וואָס פּלייצן,

געבאָרן אין רוסלאַנד, אַ סך אומגעוואָגלט,
און פינף יאָר מיט „ארץ" גאַר הייס אַנגעלאָגלט . . .

און דריטער הייסט שלום, אַ בחור פון וואַרשע,
מיט פּנים געשניצטן, מיט אויגן, ווי קאַרשן,

אַ דינער, אַ שלאַנקער, קאַקעטיש אַביסל,
אין „ארץ״ — ניט לאַנג נאָך, נאָר „זיינע״ זי איז שוין . . .

און כ׳האָב זיי, די אורחים, באַטראַכט מיט אַנציקונג
געטאָן זיך מיט עברית מיט זייערן קוויקן:

אין ספרדית-הברה, מזרחיש, געזאַנגיק . . .
גאָר רייך און גאָר פאַרביק, מיט דופּטיקע קלאַנגען . . .

און ס׳זענען די אורחים — אַט-די-אַ מאַטראַסן,
מיט קרעפּטיקע גופים, מיט דופּטיקן לשון,

אַלץ מער מיר געפעלן און — נענטער געוואָרן;
און כ׳האָב מיט די געסט-די — די ימישע פּאָרער,

גערעדט אַלץ, געשמועסט. ביז עולם האָט קומען
פון קבוצות פון אַלע און מויער גענומען;

און דאָן איז אין מויער גאָר רוישיק געוואָרן:
מאַטראַסן פון „ארץ״ געקומען צופאָרן! . . .

און ס׳איז שוין דער שבת אַריבער גאָר פריילאַך
מיט די-אַ מאַטראַסן — די אורחים די ווילע;

און ס׳איז שוין דער שבת אַריבער גאָר פלאַמיק
מיט די-אַ מאַטראַסן — חלוצים פון ימען . . .

און נאָכדעם, נאָך שבת, איך האָב אויף מיין וואַנדער
גענומען די געסט די, — צוזאַמען געגאַנגען

פון קבוצה צו קבוצה, פון נחלה צו נחלה;
צוזאַמען געשניטן די שנייאיקע רחבות.

און זענען מיר פירן אַוווּ אַנגעקומען,
אַוווּ אין אַ קבוצה, האָט באַלד דאָ גענומען

מיט „ארץ״ און ימען און אירע פאַרשמעקן,
מיט לענדער און ימען אין אַלע וועלטס עקן . . .

און עולם האָט תיכף די אורחים באַרינגלט.
און מאיר פון רוסלאַנד גענומען האָט זינגען:

פראַנצויזיש און רוסיש, אַראַביש און יידיש,
און ענגליש, און עברית, — אַן אוצר מיט לידער . . .

און שלום פון וואַרשע באַגלייט האָט דעם זינגער
אויף אַ באַלאַלאַיקע — מיט פיבער אין פינגער . . .

און יצחק, דער קורצער, דער דאַרער תימני,
מיט קויל־שוואַרצע אויגן, מיט טונקעלן פּנים,

דערציילט האָט פון „ארץ״, ווו ער איז געבאָרן,
געשיכטעס גאָר שיינע — אי חלום, אי וואָרהייט . . .

און עולם אַרום זיי, מיט בליציקע בליקן,
געקוועלט האָט, גענחתט, געטאָן האָט זיך קוויקן:

אַזעלכענע בראַווע חלוצים-מאַטראָסן!
אַזעלכענע ים-לייט — מיט קראַפט אַנגעגאָסן!

אַזעלכענע יאַטן, מיט לידער אַ משא,
מיט רייציקע מעשיות — פון ערד און פון וואַסער! . . .

אַזוי איז פאַרגאַנגען אַ וואָך און אַ צווייטע.
מיר האָבן אינפירן געשניטן די ברייטן

די שנייאיקע, ווייסע אין גליל פון ליטע, —
די נחלות געביטן, די קבוצות געביטן;

און ווו נאָר אַ קבוצה — די אורחים געוועזן,
ביז נאַכט-שעה ביז שפּעטער מיט עולם געזעסן:

געשפּילט און געזונגען און אַנדערציילט מעשיות
פון ארץ ישראל, פון ימישע רייזעס — —

ביז איינמאָל דערגרייכט זיי עס האָט אַ ידיעה:
אַ שיף זיי קען נעמען אויף בייער נסיעה.

און באַלד האָבן אורחים דעם גליל פאַרלאָזן,
צוריק זיך קיין מעמל, צום האַפן, געלאָזן.

און איך בין די אורחים באַגלייטן געפאָרן.
געשיינט האָט אַ מאָרגן אַ קאַלטער, אַ קלאָרער,

געגאָלדיקט די זון האָט, געבלויט האָט דער הימל;
געגלאַנצט האָבן שנייען, געפּערלט, געשימערט.

און אַט איז דער האַפן. און אַטאַ די שיף איז.
שוין גרייט זיך צו לאָזן אויף וואַסערן טיפע.

און — כ׳טו מיט די אורחים אַדאַ זיך צעשיידן,
און — זע זיי אַפשווימען איז ים אינעם ברייטן.

אַט טראָגט שוין די שיף זיי אויף וואַסערן בלאַנקע —
אַלץ ווייטער, אַלץ ווייטער צו הימלשע ראַנדן;

אַלץ ווייטער, אַלץ ווייטער אויף זוניקע וועלן — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
קען זיין נאָך איז „ארץ״ זיך טרעפן מיר וועלן . . .

כיבוש

ווען איך בלעטער אין זכרון
מיינע יאָרן אויף צוריק,
טוט אַ יאָר פון יענע יאָרן
העל אַ שטעל זיך פאַר מיין בליק.

אַתתנ״ו לגלותנו,
ניינצן הונדערט צוואַנציק זעקס.
שטילע, חלומדיקע פליינען,
רונד און רחבותדיק צעשטרעקט.

און אינמיטן — אַ מאַיאַנטעק
ליגט, אין פעטן גרונט פאַרזויגט;
בליקט צו אַלע האָריזאָנטן;
וואַרפט אַיעדן זיך אין אויג.

כיבוש. אַ חלוציש ווינקל
אין דעם קליינעם ליטע־לאַנד,
וווּ געשטאַנען איז מיין וויגל,
וווּ מיין יוגנט האָט געשפּאַנט.

ס׳איז דער ווינקל גוט באַקאַנט מיר
פון אָט יענעם העלן יאָר
און פון היגע ווייטע קאַנטן
כ׳זע אים בולט, זע אים קלאָר.

בײַם אַרײַנגאַנג שטײט דער מויער,
װוּ דער קאַלעקטיװ עס הױזט,
װוּ די לופֿט איז פֿול מיט פֿויער,
װוּ מיט פֿעסטער חבֿרה ברױזט.

הינטער אים — אַ שטאַל אַ ברײטע
פֿאַר די קי און פֿאַר די פֿערד;
און אַ הינער־שטעלכל שטײט דאָ,
װוּ אַ קוואָקטשערײַ זיך הערט.

אַנאַזײט — אַ לאַנגע שאַפּע,
פֿול מיט דופּטנדיקן הײ;
און אַ שײער איר צוקאַפּנס
יוסט און באַלעבאַטיש שטײט.

הינטער זײ זיך שפּרײט אַ גאָרטן:
דינע בײמלאַך, ערשט פֿאַרפֿלאַנצט;
אַלערלײע גרינסן־סאָרטן;
און די ערד — אין שוואַרצן גלאַנץ.

נאָכדעם קומען גראַמע שטחים,
אַנגעזעטיקטע מיט הנאה,
הײס מיט זונשײַן דורכגעשטאָכן,
דורכגעזאַפּט מיט קילן טוי.

קאָרן־פֿעלדער, האָבער־פֿעלדער,
און פֿאַר גערשטן און פֿאַר װײץ;
זאַנגען גרינע, זאַנגען געלבע —
ביז הימל־זוים צעפֿלײצט.

אַט אויף די־אַ שטילע פּליינען
האָט געטראָטן אַפּט מייַן פוס,
און די לופט די פעלדיש ריינע
איינגעאָטעמט האָט מיין ברוסט.

כ׳האָב געצויגן זיך אַהערצו
פון דער שטאָט און פון איר שטיין,
פון די האַרטע מענטשן־הערצער,
פון מייַן אייגענעם געוויין.

דאָ האָט אָפּגעפרישט מייַן גוף זיך,
דאָ האָט אָפּגערוט מיין זעל;
דאָ האָב איך דערהערט אַ רופן
פון אַ שפּאָגל־נייַער וועלט.

ווו מע שאַפט און בויט אינײנעם
און ווו אַרבעט איז אַ פרייד;
כ׳האָב צו דער־אַ וועלט דער שיינער
אויך מיין חלק צוגעלייגט.

גוט געווען איז מיטן קיבוץ
אויפשטיין מיטן טאָג צוגלייך,
ווען דער מזרח זוניק פיבערט
און די ערד איז טויאיק פייכט,

און זיך נעמען הייטער, מונטער
צו אַ לאַנגן פראַצע־טאָג.
וויפל אַרבעטן געזונטע
האָבן הענט מיינע צעטאָן!

כ׳האָב געשעפּט מיט שמואלקען וואַסער,
האָב מיט הירשקען האָלץ געהאַקט,
האָב מיט שרהקען גרעט געוואַשן,
האָב מיט ביילקען ברויט געבאַקט.

און געאַקערט האָב מיט מאַטקען
אויפֿן טראַקטאָר שטיקער פֿעלד;
און געהאָלפֿן האָב איך נאָטען
אַנטרינקען די פֿי און פֿערד.

אין אַ זומער־טאָג אַ הייסן
האָב געלאָדן וואָגנס היי;
זיס געוועזן איז דער שווייס מיר;
יעדער וואָגן האָט געפֿרייט.

אין אַ מילדן טאָג אין אָסיען
האָב אין שייער זיך געמיט:
תבואה גילדערנע געדראָשן
מיט אַ זוניקן געמיט.

יעדער טאָג פֿאַרמאָגט זיין מי האָט:
פֿעלד און גאָרטן, שטאַל און קיך;
פֿון באַגינען ביזקל שקיעה
האָט מיין האַנט געטאָן איר פֿליכט.

און אין אָוונט, נאָך דער פּראַצע,
אין דעם קאָלעקטיוון הויז,
האָט אַ פֿרייד אין יונגן האַרצן
זיך געהוידעט און געבּרויזט:

ס׳איז דער מויער העל באַלויכטן,
ענג באַזעצט עס איז דער טיש,
עולם אַכלט, אַזש אַ רויך גייט,
און אַ ליד פון מיילער פליסט:

„אנו נהיה הראשונים,
כך אמרנו אח אל אח,
אנו נהיה בין הבונים,
נט המיתר, נט אַנך״ — — —

ווען איך בלעטער אין זכרון
מיינע יאָרן אויף צוריק,
טוט אַ יאָר פון יענע יאָרן
העל אַ שטעל זיך פאַר מיין בליק.

אַתתנ״ו לגלותנו,
ניינצן הונדערט צוואַנציק זעקס,
אויף די כיבושדיקע פליינען,
רונד און רחבותדיק צעשטרעקט.

פרילינג אין כיבוש

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ פרילינג-אינדערפרי׃
איך האָב די שטאָט די רוישיקע פאַרלאָזן;
געטאָן עס האָט מיך צויבערלאָך אַ צי
די שטילע וועלט פון ביימער און פון גראָזן.

געטאָן עס האָט מיך שאַרף אַ צי „אַהין״ —
אויף כיבוש-ערד, צעוועקט פון שלאָף פון ווינטער
(וואָס שפּילט זיך שוין מיט לינדן פרילינג־ווינט,
מיט צאַרטן גריזן מיט פרישן אַ באַשפּינטע).

און אָט איך זיץ אין יאַגנדיקער באַן,
איך בליק אַרויס, אַ פריידיקער, אינדרויסן׃
ווי ווייט איז דאָ דער הימלדיקער ראַנד!
די ערד אַרום — ווי רחבותדיק, ווי גרויס איז!

אָט איילט פאַרביי אַ ביימל פאַר מיין בליק —
א יונגער קליאָן, באַקליידט מיט נייע בלעטער;
אָט איז אַ טאָל, מיט קוויטאַלאַך, — צעבליט.
איך קוק, איך קוק און — ווער אַלץ ניט געזעטיקט . . .

און ס׳יאָגט די באַן דורך לאַן און פעלד און וואַלד,
און שטיבאַלאַך עס איילן דורך און שטאַלן,
און אָפּט זיך ווייזט אַ סטאַנציע, אַ וואָקזאַל,
און אָט איז שוין דאָס שטעטעלע ווירבאַלן.

פון דאַנעץ-אַ איך שפּאַן אַוועק צופוס.
אַ מייל און צוויי און דריי און — גאַנצע זיבן.
איך גיי און אַלץ דאָ גיט מיר אָפּ אַ גרוס
פון ליבן „דאָרט״, פון אויפגעוואַכטן כיבוש . . .

דער ברייטער שליאַך, וואָס ליגט מיט זון באַהעלט,
די ביימער-קעפּ, מיט פרישן גרין פאַרכלינעט,
די גרעזאַלאַך אויף יעדן לאַן און פעלד,
פון יעדער בלום דער אַראָמאַט דער דינער;

אַ פליגל־פּאַך אַ פייגלשער אינלופט,
אַ בין-געזשום, אַ העגערישער קרייען; —
דאָס אַלץ דערקוויקט מיין שטאָטיש-מידן גוף,
דאָס אַלץ מיין זעל מיין מידע טוט דערפרייען;

דאָס אַלץ מיר זאָגט: אַזוי אויך „דאָרטן״ איז,
און — שענער נאָך, ווייל כיבושדיק, ווייל אייגן . . .
און — מונטערער זיך הויבן מיינע פיס — —
און — כיבוש־ערד שווימט אַן שוין אין די אויגן.

אַט זע איך שוין דעם מויער — ברייט און הויך
(עס הויזט אין אים דער קאָלעקטיוו דער ליבער);
אַט ווייזט זיך שוין די שטאַל, די שאַפּע אויך,
און אַלץ אַרום — דאָס גאַרע גוט פון כיבוש.

עס טונקט זיך אַלץ אין פרילינגדיקער זון,
אין יונגן גריז, אין שנייאיק־העלע בליטן;
און — פריידיקדיק מיר ווערט אַזוי דערפון,
און האַרץ מיינס טוט פון טיפער פרייד אַ ציטער:

איך האָב נאָך דיר, אַ, כּיבוש, לאַנג געבענקט —
אַ ווינטער־לאַנג אַ שטאָטישן, אַ גרויען;
איך האָב דאָרט אָפּט, אין קלעמענדיקן שטיין,
געטרוימט פון דיר, פון חברה אין דיין מויער.

כ׳האָב זיי געזען, דיין חברה, — איינס און איינס,
געזען די פּי, די פערד אויף דיין מאַיאַנטעק;
געזען דיין „טאַל״, דיין יעדן לאַן און פּליין; —
אַ ווינטער-לאַנג דאָס האָט אין מיר גע׳יום-טוב׳ט . . .

און איצט איך בין באַנייס אין דיין רשות.
און צופּאַלן עס ווילט זיך מיר און גלעטן
פון ערד פון דיינער די צעגרינטע ברוסט,
פון ביימער דיינע די צעשמעקטע בלעטער — — —

נאָר מ׳האָקט מיר אָפּ דעם אויסגוס פון מיין זעל;
מען האָט פונוויים דערקענט מיך שוין, דעם אורח,
און — מ׳לאָזט אַרויס פון מויער זיך אין פעלד,
מע לאָזט זיך מיר אַנקעגן אין אַ הוירא . . .

מע לאָזט זיך מיר אַנקעגן מיט געזאַנג:
אַ גאַסט אַזאַ געהויבענער אין כּיבוש:
אַ מרכזניק . . . טאָ פרייל׳אַכער דערלאַנגט
אַן אויפנאַמע דעם אורח אָט-דעם ליבן!

און אָט שוין טאַנצט דער עולם אַרום מיר
(אַ ברייטע ראָד, מיט פּנימער, וואָס שיינען . . .);
און, טאַנצנדיק, אין מויער מיך מע פירט,
און, זינגענדיק, מע פירט אין קיך אַריינעט.

און מיט פּאַראַד מע זעצט אַוועק צום טיש;
איך בין דאָ גראַד צו וואַרמעס אָנגעקומען,
און — הונגעריק איך בין דאָך אויף געוויס,
איז, ראשית־כּול, צום אַכלען זיך גענומען!

און דבורהלע, די תּורנית אין קיך,
אַ קליינינקע, אַ פּוכלינקע בּחורה,
דערלאַנגט מיר גלייך אַ כּיבּושער געריכט:
אַ טעלער, פול מיט רייציקע כּדורים . . .

און — עס'ן כּ'נעם אויף בּאַקן ביידע בּאַלד.
און עולם קוועלט פון גאַסט אַז פון דעם ליבּן.
און טוט דערבּיי דערציילן מיר פון אַלץ,
וואָס איז געשען דורך ווינטער דאָ, אין כּיבּוש.

אַ ווינטער־לאַנג — דערציילט מיר חבר דן —
איז אומעטיק און לאַנגווייליק געוועזן;
עס איז געווען גאָר ווייניק וואָס צו טאָן —
האָט מען אַ סך געשמועסט און געלעזן . . .

— געחלומט פיל — גיט חבר מאיר צו —
פון זומער־לאַנד, בּיי ים־התּיכון־בּרעגן . . .
— און רונדאַרום, איז ווינטערדיקער רו, —
איז מוסיף צבי, — די נחלה איז געלעגן . . .

— אין טיפן שניי — שטעלט וואָלף אַריין אַ וואָרט. —
און שאַרפע פרעסט געשטאַנען דאָ עס זענען.
ווי בּיסט אַרויס אין „שיינעם" דרויסן נאָר,
האָסטו דערפילט, ווי דיין געזיכט נעמט בּרענען . . .

איז מען ביגוואַלד געזעסן אין דער קיך,
געטוליעט זיך צום פלאַקערדיקן אויוון;
געגאַנגען נאָר באַזאָרגן פערד און פי,
און אַנקאָרמען די עופות און די טויבן.

נאָר אַט איז שוין אַ וואָכן צוויי דעריז —
די מעלקעריז ציפורה זיך צעשמייכלט, —
ווי אַלץ אַרום צעבליט האָט זיך, צעגרינט,
און מיר אַלייך, די כיבושניקעס, — אויכעט . . .

און לעבעדיק ז'געוואָרן אויפן גוט,
אַן אויפוואַכונג אַ פרילינגשע, אַ גרויסע;
אַ ווינטער־לאַנג האָט מען געענוג גערוט —
טוט איצטער אַלץ מיט האַרעוואַניע רוישן . . .

און כ'עס זיך אַן און גיי אין הויף אַרויס
און — שפּאַנען נעם איבער דער נחלה גאַרער:
צו זען, ווי אַלץ מיט האַרעוואַניע רוישט, —
אין פרילינג־טאָג אין וואַרימען, אין קלאָרן.

אַט איז די שטאַל. דניאל דער פאָעט,
ער לאַדעוועט אַ וואָגן דאָ מיט מיסט אַן;
דער מיסט איז שוואַרץ און גלאַנציק איז און פעט;
דניאל שוויצט און אַלע ווייל צעניסט זיך . . .

אַט איז דער „טאַל". דער חבר שלמהקע באַק,
ער פאַשעט דאָ די כיבושער בהמות;
די קי, די פערד, זיי קייען גראָז געשמאַק
און — פּרוּוון אויך די בלעטער פון דיביימער . . .

אַט איז אַ פעלד. אַ טראַקטאָר רודערט דאָ.
אַ פערד פון שטאַל... דער חבר מאַטקע פירט אים.
ער רייסט די ערד אין גראַבע גרודעס דאָ.
מיט נאַפט און קראַפט פון אים און מאַטקען שפירט זיך . . .

אַט ליגט צעשפרייט דער גאָרטן פונעם גוט,
אַ נאַקעטער, איז בייטן אויסגעווירעט;
פאַרטאָן איז אים עס איז חברה רות —
פאַרזעצט, פאַרפלאַנצט אַ שורה נאָך אַ שורה.

אַט פילדערן אַ מחנה הינער, גענז,
און אינדיקעס, און הינדאַלאַד און העגנער;
פאַרטאָן מיט זיי עס איז דער חבר גען —
איז עופות-צוכט ער, גען, איז דאָ אַ קענער.

און אַט, אינלופט, אַ סטאַיע טויבן פליט
און, פלאַטערדיק, אַלץ העכער טוט זיך הויבן;
און נח׳ס בליק אַנציקט נאָך זיי זיך ציט —
ער, נח, איז אַ מבין דאָ אויף טויבן . . .

אַזוי איך שפּאַן איבער דעם גאַנץ גוט
און קוק אַריין אין יעדן אָרט און ווינקל,
און זע, ווי אַלץ עס אַרבעט דאָ, עס טוט,
און זע, ווי אַלץ עס פרילינגגט דאָ, עס גרינט דאָ.

דאָס גאַנצע גוט מיט קרעפטן בייע קוואַלט,
דאָס גאַנצע גוט, עס פלייצט מיט זאַפטן פרישע;
אַיעדער אָרט, אַוו מיין בליק עס פאַלט,
מיך טוט מיט מי און בלי און וווקס באַגריסן . . .

און כ׳זאַפּ עס אַלץ גאָר טיף אַרייַן אין זיך.
און כיבוש-ערד, זי ווערט מיר מער מאָל ליבער.
און פול מיין זעל מיט גליק איז: אויכעט איך
געהער זיך אַן מיט אַט־דער ערד פון כיבוש . . .

שלמהקע „ציגיינער" פּאַשעט די כיבושער טשערעדע

א פרילינג-פרימאָרגן אויף פעלדער
פון כיבוש — דעם קיבוץ אין ליטע.
די הימלען — צעבלויטע, צעהעלטע,
די ערדן — צעגרינטע, צעבליטע.

אויףביימער עס דופטיקן בלעטער,
מיט טויען מיט קלאָרע באַוואַשן;
אין „עמק", איז גראָזן אין פּעטע,
די סטאַדע פון כיבוש זיך פּאַשעט.

א צייגל א געלע באַוואַכט זי —
ס'איז נעטי, אַ חיה אַ ליבע;
דאַנעבן — א יאַט א פאַרטראַכטער, —
ס'איז שלמהקע, דער פּאַסטעך פון כיבוש.

א קורצער, א ברייטער, א שוואַרצער
(מע רופט אים אין כיבוש „ציגיינער");
זיין זינגען איז ליריש און האַרציק,
זיין טאַנצן — צו זען איז אַ תענוג.

ער האָט זיך אַפריער פאַרנומען
מיט שפּילן אין שטעטלאָך טעאַטער:
שולמית, בר-כוכבא, קאַלדוניא, —
אין ראָלן אין הייכע געפּלאַטערט . . .

ער איז אויך א חזן געווען
געדאַוונט שבתיםביים עמוד;
דערפרייט מיט זיין שטים יעדנס וועזן,
דערהויבן א יעדנס נשמה...

ער האָט אויך געלערנט מיט קינדער,
אין דערפער אין ווייטע, אין העקן,
אין קרעטשמעס, ביי קרעטשמער-געזינדן,
וואָס טוען אין ווילדקייט נאָך שטעקן...

נאָר ס׳האָט ניט צופרידן-געשטעלט אים,
עס טויג ניט, ס׳איז „לא זו הדרך״;
אים, שלמה׳קען, דאָס אַלעס געפעלט ניט,
ער, שלמה׳קע, — ער וויל עפּעס מערער...

און שלמה׳קע פאַרלאָזט האָט די בינע,
דעם עמוד, די ווייטע „קאָנדיציעס״;
(דעם ריכטיקן וועג צו געפינען
געוואָרן עס איז זיין אמביציע).

און אָט איז ער איצטער אין כיבוש,
דאָ האָט ער געפונען זיין תיקון,
א חלוץ צו זיין דאָ אים ליב איז,
א פאַסטעך צו זיין דאָ — א קוויקונג.

אָט זיצט ער זיך, שלמהקע, אין טאָל דאָ,
מיט נעטי׳ן, דעם טשערעדע-היטער,
מיט זונליכט מיט בלאַנקן באַגאָלדיקט,
באַרינגלט מיט פעלדער צעבליטע.

און — האט פונעם לעבען הנאה:
א לעבן, וואָס איז אים צום האַרצן,
אַ לעבן, וואָס פינקלט מיט טויען,
א לעבן, וואָס אָטעמט מיט שוואַרצערד.

סע שפּרייטן אַרום זיך די ערדן
איז אַלערליי תבואות צעקעסטלט,
מיט קאָרן מיט גרינעם באַבערדלט,
מיט האָבער, מיט הרעטשקע, מיט גערשטן.

און ווינטלאַך סע וויגן זיך אומעט
אויף שלאַנקע, געוויקסיקע זאַנגען,
און גאָלדענע בינען סע זשומען,
און ס'זילבערן פייגלשע קלאַנגען . . .

און דאָ, אינעם טאָל, אינעם „עמק“, —
א גראַזיקע פרישקייט אַזאַ מין;
און כיבושער אַלע בהמות,
זיי פּאַשען זיך אַלע צוזאַמען.

די פערד, די באַהאָרנטע רינדער,
די וואָלענע שעפּסן די שטילע, —
זיי זענען דאָ אַלע אַצינדער
פּאַרטאָן אין אַ גראַזיקער תפילה . . .

ער ליבט זיי, די צינגער די שטומע:
די פערד מיט די בויגיקע העלזער,
די קי מיט די אויגן די פרומע,
די צאַרטע, די קינדישע קעלבלאַך.

ער קען זיי איעדן באזונדער,
איעדנס באזונדערע טבע;
(איז יעדן פון זיי זעט ער וואונדער,
גאָט׳ס וואונדער, דעם נס פון דער טבע...).

אָט פאשעט א פערד זיך א ווייסער,
זיין נאָמען איז „טוביה החולב״;
א פערד, וואָס מע דארף אים ניט שמייסן,
א פערד א געהאָרכזאמער, וואוילער.

ער שטייט זיך געבויגן צום באָדן
און טרייבט מיטן ווידל די פליגן,
און קוויקט זיך מיט גראָז, ווי מיט פלאָדן,
און — איז מיט זיין מזל צופרידן.

און אָט איז א צווייטער — „בורגני״,
אַ ברוינער, דינפיסיקער אָגער,
א פוילער, ער וויל ניט אין שפאן גיין,
און האלט זיך, ווי ס׳האלט זיך א נגיד.

ער צופּט זיך די גרעזלאך געלאסן
און פאָכט מיטן ווידל פאמעלאך,
און קוקט ניט לגמרי צום פאסטעך,
און זעט ניט דאָס צייגל דאָס געלע.

און אָט איז א קו אויף דער פאשע,
א שיינע, מיט הערנער געטאָקטע,
איר פעל איז אין פלעקן און פאסן,
און אויגן און גוטע פארמאָגט זי.

איר נאָמען איז „ברוכה‟. איר אייטער
א פולער, א שווערער איז תמיד;
פאַר נישטיקן גראָז, וואָס זי קייט דאָ,
גיט אָפּ זי מיט מילך גאַנצע שטראָמען.

און אָט איז א קו — „מוסאָליני‟,
א שווארצע, א דיקע, א שלעכטע;
איר מאָרדע איז תמיד פאַרפינצטערט,
דאָס שעפל ביים מעלקן צעבערעכט זי.

אין סטאַדע אַ „פירערין‟ איז זי,
גייט שטענדיק אויף פּאַשע די ערשטע,
מיט הערנער מיט שאַרפע, ווי שפּיזן,
מיט בליקן, מיט טריט פון אַ הערשער.

און אָט איז אַ בוהאַי — „דער גולם‟, —
א ריזיקע, פליישיקע קופּע;
זיין קאַרק איז באַוואַקסן מיט חלב,
זיין שטערן — א האַרטער, ווי קופּער.

אין נאָזלעכער זיינע סע שטעקט אָפּט
א רינג מיט א שטעקן פון אייזן;
מען האַלט אים אין צום דורכן שטעקן,
זיין ווילדקייט ער זאָל ניט באַווייזן.

און שעפּסן אָט זענען, און לעמער,
פאַרטאָגענע אין דער אכילה, —
ס׳האָט יעדער פון זיי זיין באַנעמונג,
ס׳האָט יעדער פון זיי זיין רגילות.

און שלמהקע באַטראַכט זיי דאָ אַלע
מיט בליקן, צעקוועלטע מיט ליבע;
ווי טייער זיי זענען אים אַלע,
די צינגער די שטומע פון כיבוש!

ער וואָלט זיי קיין „ארץ״ געגומען,
מיט זיך, אין אַ דאָרטיקער קבוצה;
די צינגער די דאָזיקע שטומע,
זיי זענען דאָך אויכעט חלוצים!...

און שלמהקע פון איינפאַל נעמט לאַכן,
אַזש נעטי, דאָס ציגל, שפּרינגט אויפעט,
מיט אויגלאַך, מיט אויערלאַך וואַכע,
אַ גרייטע צו יאָגן, צו לויפן...

און שלמהקע פון שמחה נעמט זינגען:
אַמאָל איז געווען אַ פּאַסטעך,
געפּאַשעט אי סוסים, אי רינדער,
אי לעמער, אי שעפּסן געפּאַשעט...

אַמאָל איז געווען אַ פּאַסטעך,
אַ פּאַסטעך פאַראַן איז אויך איצטער,
דער פּאַסטעך — דער כיבושער פּאַסטעך —
אָט איז ער, אין „עמק״ אָט זיצט ער.

ער זיצט דאָ מיט נעטי׳ן, דעם ציגל,
און פּאַשעט די סטאַדע פון כיבוש;
און פרילינג־פרימאָרגן טוט שטייגן
און — פליסט אַלע ראַנדן אַריבער.

דער שומר

אַ יונישע, לבנהדיקע נאַכט
אויף ברייטקייטן אויף בליענדע פון כיבוש.
געהילט איז טוי, עס רוען פעלד און שליאַך,
געהילט אין טוי, עס רוען ביימער, שטיבער.

דער מויער שטייט אין טיפן שלאָף פאַרוויגט.
פאַרשטילט איז שטאַל עס ליגן קי און לעמער.
דער כיבוש־הונט אין בודע זיינער ליגט —
איז וואַרימען, איז זומערדיקן דרעמל.

און איינער נאָר אַצינדער איז דאָ וואַך:
דער ווקסיקער, געבויגענער דניאל.
ס'איז היינט ביי אים אַ משמורדיקע נאַכט.
ער טאָר ניט היינט צונויפשליסן די וויעס.

אויף שמירה דאָ ער האָט זיך היינט געשטעלט —
אַ וואַכיקער, אַן אַטשערעדנער שומר:
צו אָפּהיטן אי הויף, אי שטאַל, אי פעלד
פון נאַכטישע אריינדרינגער געהיימע...

ס'איז ערשטע נאַכט פון שמירה זיינע היינט,
אַ גאַנצע נאַכט ער וועט דאָ דאַרפן היטן,
אַליין, אין פעלד, אונטער לבנה־שיין,
אַליין, אין נאַכט, אויף ברייטקייטן צעבליטע...

ער שפּאַנט אַרום מיט ווייכע, שטילע טריט,
אין רעכטער האַנט — אַ סוקעוואַטער שטעקן;
צעכוואַליעט איז מיט אומרו זיין געמיט;
ער פילט אַ פרייד, ער טוט זיך אויכעט שרעקן...

נאָך ניט געוויינט ער איז צום נייעם „פּאָד״ —
אַ שומר זיין פון אַ חלוצים־קיבוץ;
אַליין דאָ שטיין אויף וואַך אַ גאַנצע נאַכט
און — אַפּהיטן דאָס האָב און גוטס פון כיבוש.

ער איז געווען נאָך דאָ ניט לאַנג צוריק
אין היימשטעטל אין קליינינקן אַ קלויזניק;
פון פרי ביז שפּעט ביים טיש זיך אומגעוויגט
מיט נאָך, ווי ער, אין פּילפּולדיקן ברויזן.

געמישט פון דער גמרא בלאַט נאָך בלאַט
מיט שמאָלער האַנט, מיט קורצזיכטיקע אויגן;
אַ רב׳ס אַ זון, מיט פּנים — דין און מאַט,
אַ יונגער נאָך און — היפּש שוין איינגעבויגן...

און טאָג נאָך טאָג עס איז אַזוי געגאַן,
און וואָך נאָך וואָך עס איז אַזוי פאַרגאַנגען:
אין שול, ביים טיש, אין תורה־דיאָך געשפּאַנט,
אין בענקענדע גמרא׳שע געזאַנגען...

נאָר אַנגעקלאַפּט עס האָט די נייע צייט
אויך אין דער שויב פון שול אין שטעטל קליינעם,
אַ רוף־געטאָן דניאלן אינוויייט —
אויף כיבושער, אויף רחבותדיקע פּליינען:

פאַרבייטן דאָ דעם טאַטנס פרומען וואָרט
אויף גראַבאַייזן, אויף הייגאָפּל און קאַסע;
באַהעפטן זיך מיט הארטער, האַרבער וואָר
פון פעלד און שטאַל, פון קו און לאַם און לאַשעק.

און ס׳האָט געפאָלגט דניאלס רוף פון צייט —
צעזעגנט זיך מיט שטעטלדיקן גלות;
און טאַטע זעלבסט האָט מיטגעשיקט אינווייט
אַ ברכה אים — דעם זון זיינעם, דעם חלוץ.

ער זאָל נאָר זיין — האָט טאַטע אים פאַרזאָגט —
אַ ייד אויך דאָרט, צעווישן די חלוצים . . .
און אָט האָט ער אין איינעם אַ בייטאָג
דערזען זיך דאָ, אויף כיבוש־ערד, אין קבוצה.

ס׳איז פרילינג דאָן געווען אויף דער ערד.
אין יונגן גריז געשטאַנען זענען בוימער.
אַ צוויטשעריי אינלופטן האָט זיך געהערט.
אַ לינדע זון געשיינט האָט אין די רוימען.

ס׳האָט צום פאַרזיי דער קיבוץ זיך געגרייט.
אויף פעלדער־שפּרייט אַ טראַקטאָר האָט געדודערט.
דניאלן געקלאַמערט האָט אַ פרייד
ביים אָנבליק פון אַיעדער פייכטער גרודע . . .

אַזוי דאָ ניי איז אַלעס פאַר זיין בליק.
אַזוי דאָ פריש עס איז דער ברייטער דרויסן — —
און — ס׳האָט זיין גוף מיט פראַצע זיך צעוויגט.
און — ס׳האָט זיין האַנט מיט מי געגומען רוישן.

נאָר שווער געווען אײַנאָנהייב איז אים דאָ.
עס האָט די מי ניט גרינג זיך אים געגעבן.
ניט לײַכט געווען צו אָפּשטײַן פּופּצן שעה
אַיעדן טאָג און — גראָבן, פלאַנצן, זעגן.

עס האָט די האַנט די לערנערשע געשמאַרצט.
פון דין געזיכט געגאָסן האָט אַ שווייס זיך.
און שנעל אַזוי געקלאַפּט עס האָט דאָס האַרץ.
און זון אינהויך געוואָרן איז אַלץ הייסער.

אַרויסגעזויגט אַווו אַ טראָפּן זאַפּט
פון שמאָלן לײַב, פון קלויזניקישע גלידער. —
און ס׳האָט זיך אָפּט דניאל דאָ פאַרטראַכט:
צי קען ער לאַנג נאָך אָנגיין — אַזאַ מידער.

צי קען ער לאַנג נאָך שלעפּן אַזאַ עול.
צי פּאַסט ער זיך בכלל פאַר ערד און קבוצה.
ער האָט, אפשר, ניט־מעגלאַכעס געוואָלט.
זײַן אָרט, אפשר, איז ניט צווישן חלוצים.

צוריק אין שול זיך אומקערן ער דאַרף.
צוריק צו דער פאַרלאָזענער גמרא...
און ס׳האָט אַ פּײַן געבויערט אין זײַן מאַרך.
און ס׳האָט זײַן האַרץ גענאָגט אַ יאוש־וואָרעם — —

נאָר ס׳איז פאַרביי. ער האָט זיך דאָ אַלץ מער
מיט מוט באַשטאַלט, מיט אויסדויער באַלאָדן;
און האָט לסוף געהעריק אַלץ באַהערשט. —
אם תרצו — ווייס ער דאָך — איז זו אגדה...

און פון דאַן אַז ער האָט געטאָן דאָ אַלץ.
און פון דאַן אַז ער אַרבעט דאָ ביי אַלעס;
אין פעלד, אין קיך, אין גאָרטן און אין שטאַל;
אַיעדן טאָג, פון פרי ביז שפּעט, — ווי אַלע.

און איצט איז ער אַ שומר אויפן גוט.
עס איז זיין ריי צו היטן דעם מאַיאָנטעק;
צו זען אַדאָ, אַז אַלעס זאָל זיין גוט,
אַז קיינער דאָ קיין שאָדן זאָל ניט אָנטאָן.

אַט שפּאַנט ער אום מיט ווייכע, שטילע טריט,
מיט אָפן אויג, מיט אויער — וואַך און האָרכיק.
און — בליקט אַרייַן אין יעדן אָרט און היט.
און — אַלץ באַמערקט און כאַפּט אַיעדן שאָרך אויף.

דאָס גאָרע גוט, דאָס גאַנצע האָב און גוטס,
אין הויף, אין שטאַל, אין פעלד אין דעם צעבליטן, —
דאָס אַלץ איז דאָך געשטעלט אונטער זיין שוץ,
ער דאַרף עס אַלץ באַוואַכן און באַהיטן

פון נאַכטישע אַריינדרינגער — געהיים,
וואָס פרעמדע מי זיי גאָרן צוצונעמען;
פון שעדיקער פאַרשידענע — געמיין,
וואָס אַ פאַרברעך באַגיין אַדאָ זיי קענען. —

איז דאַרף ער זיין, דניאל, איצטער גרייט.
איז דאַרף ער שטיין, דניאל, אויף דער וואַך דאָ.
איז — טוט ער עס און פילט דערביי אַ פרייד,
וואָס אויכעט ער באַוואַכט די כיבוש־נחלה;

וואָס אויכעט ער, ווי יעדערער אַדאָ,
איז וואַכיקער, איז אַטשערעדנער שומר
און היטן טוט אין נאַכטיש־שטילער שעה
אי הויף, אי פעלד, אי עופות, אי בהמות.

נאָר אויכעט שרעק אַביסל איצט ער פילט:
אַ שטעקן בלויז — דאָס איז זיין גאַרער וואָפן;
און גופא ער — זיין כוח איז ניט פיל;
אויב עפּעס טרעפט און ער וועט דאָ באַדאַרפן

באַגעגענען ווי ס׳פאָדערט זיך אַ פיינט,
אַ ווידערשטאַנד אַ פעסטן געבן ווען; —
צי וועט ער דאַן געפינען וואַיאַקע זיין?
צי וועט ער דאַן זיין שמירה ניט פאַרשעמען?...

איז שפּאַנט ער אום, דניאל, אויפגעברויזט
פון פרייד אַ סך און פון אַביסל מורא...
און אַלע ווייל דעם זייגער נעמט אַרויס
פון קעשענע — ווי שפעט איז ווערט געווירע:

איז נאָך ניט שפעט. איז האַלבע נאַכט אַצינד.
און ווייט איז נאָך ביז אויפבלי פון באַגינען.
און אין דער נאַכט די צייט אַזוי זיך ציט,
פּאַמעלאַכקע זי טוט זיך איצטער שפּינען,

ווען אַלעס רוט, עס שלאָפט די גאַנצע וועלט,
פאַרוויגט אויף הענט פון טרוימען פון צעבליטע;
און ער, אַדאָ, איז רחבותדיקן פעלד,
בלויז ער איז וואַך, — אַן אַטשערעדנער היטער...

איז האָט ער צייט, דניאל, און באַזאַכט
ער שפּאַנט אַרום איבער דער כיבוש-נחלה;
און אַלע ווייל ער שטעלט זיך אָפּ פאַרטראַכט
און — קוקט זיך אום, און הערט זיך איין אין נאַכט דאָ:

אַרום איז שטיל און פעלדערדיק געררוים,
און גרין צעבליט און טויעדיק צעפינקלט;
לבנה־ליכט — אויף גראָז, אויף דאַך, אויף בוים,
און הימלבלוי מיט שטערנדלאַך טוט ווינקען.

אין טיפער רו איז אַלעס איינגעהילט,
אין פרידלאַכן, אין שלווהדיקן שווייגן.
ער שטייט אַזוי און פּלוצים ער דערפילט,
ווי אויך אין אים אַ טיפע רו נעמט שטייגן . .

ער שטייט אַזוי און טוט זיך אַ דערמאָן
אַן יענער צייט אין שטעטלדיקן גלות,
ווען ענג געווען עס איז זיין האָריזאָנט —
פון שטוב ביז שול, דורך געסלאַך צוויי דורך שמאָלע.

איז פלעג ער אָפט אויך דאַן ביינאַכט זיין וואַך,
אַ גאַנצע נאַכט — אין שול, ביי דער גמרא . . .
און ליב געהאַט ער האָט אָט יענע נאַכט,
די „משמור־נאַכט" פון לערנערישע יאָרן.

ס'איז גוט געווען צו זיצן אין דער שול
מיט נאַך, ווי ער, ביי גראַבע ליכט פון חלב:
עס איז די שול מיט שאָנטס לאַנגע פול
און פון דעם טיש זיך טראָגן יונגע קולות.

די קלויזניקעס, זיי לערנען איצט מיט ברען,
עס רויטלען זיך די פנימער די בלייכע,
און פארכטיק־פרום זיך הערן צו די ווענט,
די רייען „שטעט״, די בימה, דער פרוכת . . .

אט טאקע דאן, אין איינער אזא נאכט,
האט אים באקענט א חבר זיינער איינער
מיט יענער „זאך״, וואס האט דערנאך געבראכט
אהערצו איהם — אויף די צעבליטע פליינען . . .

און איצט ער וואכט א גאנצע נאכט באניים.
עס איז ביי אים א „משמור־נאכט״ א נייע.
באר ניט אין שול, אין לערנערישן קרייז. —
ער וואכט אליין, אונטער דעם הימל פרייען . . .

און ניט ביים טיש ער זיצט אדא צעוויגט
אין בענקנדע גמרא׳שע געזאנגען. —
ער שפאנט ארום מיט שומרישן בליק
און הערט זיך צו צו יעדן מינדסטן קלאנג דא . . .

אט טוט א האן א כיבושער א קריי
און ס׳ענטפערט אים א כיבוש־האן א צווייטער.
דער זייגער — זעט דניאל — איז שוין צוויי.
די קורצע נאכט, די יונישע, פארגייט באלד.

אט באלד און ס׳וועט א בלוילאכער באגין
זיך אויסשיילן פון מזרח־זוים פון וייטן,
און נאכדעם וועט זיך געבן א צעצינד
א ראזע זון — א וואונדערלאכער שייטער . . .

אַ נייער טאָג צעוואַקסן וועט זיך הי,
אויף כיבוש־ערד אויף בליענדער, אויף ליבער;
אַ נייער טאָג — פון נייער הייסער מי,
אַ נייער טאָג — פון הכשרה און כיבוש...

און ס׳ווערט אים איצט, דניאלן, גאָר גוט,
זיין ביסל שרעק, זי נעמט אַצינד פאַרשווינדן.
אַט הערט ער שויז, ווי ס׳טשוכעט זיך דאָס גוט —
מיט מענטש און פערד, מיט עופות און מיט רינדער.

זיין ערשטע נאַכט פון שמירה איז אַוועק.
דערגאַנגען דאָ בשלום צו איר סוף איז...
און איצט, פאַרטאָג, ווען אַלץ אַרום זיך וועקט,
אַ גליקלאַכער, ער גייט זיך לייגן שלאָפן.

טויבן

אלה תולדות נוח:
אכצן איז ער אלט;
הויך און פול מיט כוח,
ווי א דעמב אין וואלד.

איז אַ חלוץ נוח,
איז א כיבוש-יונג,
שמעקט מיט פעלדער-ריח,
שמעקט מיט זומער-זון.

אקערט ער און זייט ער,
שניידט ער און ער בינדט,
און א הוירא גייט ער,
און א זמר זינגט.

זענען דאָ אין כיבוש
רינדער, לעמער, פערד,
האָט ער, נוח, ליב זיי,
ווי די כיבוש־ערד.

זענען דאָ אין כיבוש
הענער, הינער, גענז,
האָט ער, נוח, ליב זיי
מיט א חלוץ-ברען.

זענען דאָ אין כיבוש
טויבן — ווייס און גרוי,
האָט ער, נוח, ליב זיי
מערער נאָך — א גרויל.

ווו א פרייע רגע
שענקט ער זיי אַוועק,
זעט זיי צו מיט פלעגע,
פעסטעט אָן אַ ברעג.

האָט א פאסיק נאָמען
פאר איעדער טויב;
איינע רופט חכמה —
קלוג איז זי, די טויב . . .

צווייטע רופט זהובה —
שיין איז זי, ווי גאָלד . . .
דריטע רופט אהובה —
ווייל ער האָט זי האָלד . . .

פערטע רופט חנינה —
פול איז זי מיט חן;
פינפטע רופט עדינה —
צאַרט איז זי און קליין — —

עוסקט ער מיט זיי זיך
ווו א פרייע שעה,
קוועלט פון זיי און פרייט זיך
אויפן גוט אדאָ.

קלעטערט אויפֿן לייטער
צו דעם טויבנשלאַק
און נאָך מערער פֿרייט זיך,
ווען אַ טויב ער פּאַקט.

צו זיין הארצן דריקט זי,
מורמלט וואָס צו איר,
צערטלט מיטן בליק זי,
מיטן מויל בארירט . . .

נאָכדעם ער באפֿרייט זי:
פֿלי, אהובה, מיין!
טוט זי א פֿארשייטע
אינדערלופֿט א שיין.

פֿלאטערט זי און פֿליגלט
אינעם בלויען רוים
אין א ברייטן עיגול —
ווי א ווייסער טרוים . . .

פֿליגלט זי און צאַפּלט,
פֿלאטערט זי און פּאַכט;
און פֿון הויכן שטאַפּל
בליקט זי נוך נאָך,

ווי זי שוועבט, די שיינע,
טראָגט זיך אויף און אָפּ, —
ביז פֿון רוימען ריינע
נידערט זי אראָפּ;

אויף זיין אקסל שטעלט זיך;
איך בין דאָ צוריק . . .
און נאָך מערער קוועלט ער,
נוח דאָז פון גליק.

איז פאראַן א קבוצה
זיבן ווערסט פונדאַן;
פריילאכע חלוצים,
פול מיט ליד און טאנץ;

פול מיט ארבעט-חשק
אינעם שטאָל, אין פעלד;
מיט „שיחות" מיט הייסע
וועגן ייד און וועלט . . .

גייט מען צו די שכנים
אָפט צוגאסט פונדאַן—
שמועסן איינעם
וועגן אייגן לאנד . . .

קומען זיי, די שכנים,
אָפט צוגאסט אהער —
שמועסן איינעם
וועגן אייגן ערד . . .

גרייט מען צו אין כיבוש
איינמאָל א „שיחה"
וועגן ראָל פון קיבוץ
אין דער הכשרה.

ווייס מען, אז די שכנים
דארפֿן אויכעט זיין —
וועלן זיך איניינעם
מיתוּוכח־זיין.

וואַרט מען שוין אין כּיבוש
אויף דער גוטער שעה,
ווען די שכנים ליבע
וועלן זיין שוין דאָ.

ווערט אָבער דער דרויסן
כמאַריק מיטאַמאָל;
דונערס זיך צערוישן
אויף אַ שטרענגן קול;

בליצן זיך צעשלענגלען
פאַספאָרדיק און רויט;
און פון כמארעס־מענגעס
פאלט שוין רעגן־שרויט.

פליוכעט עס פונויבן
איבער פעלד און שליאַך;
פייקלט אין די שויבן,
טראַסקעט אויפן דאַך.

ווערט די ערד ביז ברעגן
וואַסערדיק ארום,
ווערן אַלע וועגן
פול מיט טיפן זומפ.

ווייל מען ניט, די שכנים
זאָלן קומען היינט —
אין דעם וועטער „שיינעם" —
פון אזא מין ווייט;

שלעפּן זיך קיין כּיבוש
זיבן לאַנגע וויאָרסט. —
זאָלן זיי, די ליבע,
זיצן אויפן אָרט.

אי, דער היגער שמועס?
לייגט מען אָפּ אים היינט —
אויף א טאָג, ווען רואיק
וועט אינדרויסן זיין.

דאַרף מען זיי דאָרט מעלדן
פון אָט-דעם באשלוס.
ליגן אָבער פעלדער
אונטער רעגנגוס.

און מע קען ניט גיין איצט,
און ניט פאָרן מ'קען
צו די ליבע שכנים, —
מעלדן זיי פון דעם. —

זיצט מען דאָ פארמוחט:
וויזשע מעלדעט מען?
רופט זיך אָנעט נוח:
דורך א טויב מע קען:

צובינדן צום פיסל
איר א בריוול — קליין:
שכנימלאַך איר זיסע,
קומט ניט היינט צוגיין.

ווייל אינדרויסן מבולט
און געפּאר עס הערשט —
פון א בליץ-מחבל,
פון א דונער — שווער, —

לייגט מען אָפּ אויף שפּעטער
די „שיחה" פון היינט,
ווען א גוטער וועטער
וועט אינדרויסן זיין.

און די טויב די שיינע —
נוח זיכער איז —
ברענגען וועט די שכנים
ס'בריוול אויף געוויס . . .

און די טויב, זי וועט נאָך
ברענגען ענטפער היינט.
נוח קען זיך וועטן,
אז אזוי וועט זיין . . .

לאכט פון אים דער עולם :
אַט א „טשודנער" יונג:
קלוג און — דאָך א גולם:
סט'גאַרניט זיין דערפון.

אז עברה בלויז איז
פטרן א טויב —
אין אזא מין דרויסן,
ווען עס רייסט און הויבט.

שוויגט ער אפעט, נוך
און מיט מויל — פארהאקט —
שפאַנט אַוועק מיט כוח
צו דעם טויבנשלאק;

נעמט ארויס חכמהן,
טוט מיט איר א שטיף;
רופט איר אַז א נאַמען,
קניפּלט צו א בריוו

אין א גראַבער שמאטע
צו איר פּיסל — דין;
און — זי טוט א פלאטער,
פליט אוועק — אהין . . .

וואונדערן זיך יאטן:
וואָס דער נוך קען:
טייבל טאקע פלאטערט —
מ׳קען זי שוין ניט זען — —

שטייט מען און מען ווארט דאָ:
וואָס וועט ווייטער זיין:
וועט מען זיך דערווארטן
אויף אַן ענטפער היינט ? . . .

שטייט ער אויכעט, נוח,
שטייט און שווייגט — א פיש;
שטייט ער פול מיט כוח,
ווארט געלאסן, — ביז

פונדערווייטן פליט אן
טייבעלע צוריק,
פלאטערט אן א מידע,
קוים די פליגל וויגט . . .

און צום דינעם פיסל
ענטפער ז׳צוגעקניפט;
שרייבן שכנים זיסע:
גוט, מיר קומען ניט . . .

חידושט זיך דער עולם
מערער, מערער נאָך:
נוח ז׳ניט קיין גולם;
אַטאָ זעט איר דאָך! . . .

און מע טוט אים הויבן,
ווארפן אינדערהויך,
ביז צו זיינע טויבן, —
אזש עס גייט א רויך.

און מע פילדערט נאָך אים,
אַט דעם כיבוש-יאָט:
נוח איז א חכם!
נוח איז אַ כוואַט!

מיר לאַדעווען היי

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ זומער־אינדערפרי —
אַ טויאיקער, אַ לופטיקער, אַ קלאָרער;
אויף כיבוש־ערד (ווי ווייט איז איצטער זי!)
אין ליטע-לאַנד, — איז לאַנד פון מייַן געבאָרן.

די זון איז ערשט אין הימל אויפגעגאַן —
אַ גרויסע זון, אַ יולישע, אַ העלע;
צעלייגט איר גאָלד אויף טאָל און פעלד און לאָן,
אויף בוים און בלום, אויף גראָז און זאַנגען געלע.

געווען איז פול די לופט מיט זינגערייַ
מעלאַדישער פון פייגל אַלערלייַע,
און פליג און בין געזשומט האָבן דערבייַ,
און ווינטאַלאַך דערבייַ האָבן געווייעט.

און לייבקע, איך און דו, און חבר צבי,
און דבורהלע, און רבקה און צפורה, —
אַרויס אין פעלד מיר זענען צו דער מי,
אַרויסגעטאַנצט פון מויער אין אַ הוירא...

אָוועקגעטאַנצט מיט אַ געזאַנג צום היי,
וואָס איז אין פעלד פאַרשניטן שוין געלעגן, —
אים לאַדעווען מיט פיאָנערן-פרייד,
אַ דופטיקן, אויף קאָלעקטיווע וועגן.

און אַט איז ער, דער כיבוש־היי. ער ליגט,
אַ טרוקענער, אויף רחבות פון דער לאַנקע.
ער וואַרט אויף אונז, און פון אונטער די טריט
מיט דינעם קלאַנג באַגריסט ער אונזער אַנקום...

און איינס און צוויי, מיט גראַבליעס אין די הענט,
מיר נעמען אים צונויפשאַרן אין קופּעס.
די אַרבעט ברענט און אויך די זון צעברענט
אַלץ מערער זיך אונטער דער בלויער חופּה.

אַ גראַבער שווייס אויף יעדערנס געזיכט
עס טרעט ארויס און — נעמט אַראָפּ זיך גיסן.
נאָר ס'טריקנט אים דאָס הייסע זונען־ליכט
און ווינטאַלאַך, די לייבער זיי באַפרישן.

און ס'פיבערן די גראַבליעס מער און מער
און — שטעלן אויס די קופּעס היי אין רייען.
ביז פונדערווייט עס קומען אַן צוויי פערד
און הינטער זיי עס שטייט אין וואָגן — מאיר.

און ערשט אַצינד צעפלאַקערט זיך די מי:
מיר נעמען אים, דעם היי, אויף וואָגן לייגן.
זיין הייגאָפּל אַ הויב־טוט חבר צבי
און אויף די ציין די פיר אַ גאַנצער סטויג איז...

און לייבקע, איך און אויך דער חבר דן,
און דבורהלע, און רבקה און צפורה, —
אויך מיר דעם היי אויף גאָפּלען טוען אַן
און — הויבן אים צום וואָגן אויף מיט גבורה...

און אַט איז שוין דער ערשטער וואַגן פול,
און ס׳פּרעסט דעם היי שוין אײַן דער חבר מאיר.
און פערדאַלאַך, זיי וואַרטן מיט געדולה,
און סוסימלאַך, זיי רירן שוין, זיי גייען.

מע פירט אים אָפּ, דעם ערשטן וואָגן היי,
אין שאָפּע איצט אין גרויסער, אָפּן־גרייטער.
און מיר אין פעלד — מיר גרייטן זיך מיט פרייד
צו אָנלאָדן אַ וואָגן דאָ אַ צווייטן.

די זון דערווייל, זי גייט איר הימל־גאַנג.
אַט שטייט זי שוין אין הימלדיקן מיטן.
און שטיל איז איצט. קיין פייגלשער געקלאַנג.
קיין ווינטל־ווײַ. קיין בלעטערישער ציטער...

נאָר הייס עס איז — אַ בראָטנדיקע היץ,
אַזש שווער איז שוין די חמימה צו פאַרטראָגן;
און יעדערער פון אונז, באַנייס ער שוויצט
און — לאַדעוועט אַ צווייטן דריטן וואָגן.

ביז וואַרעמעס עדינה ברענגט אַהער
פון כיבוש־קיך — אַ שמייכלענדיקע, צאַרטע.
און אַלע מיר שוין זיצן אויף דער ערד
און, הונגעריק, אויף עסן דעם זיך וואַרפן.

מיר שלינגען אים, דעם ברויט מיט מאַרגאַרין...
מיר זשליאָקען זי, מיט סאַכאַרין די קאַפּע...
און זייער גיך דער „וואַרעמעס" פאַרשווינדט.
און זייער שנעל צום „וואַרעמעס" אַ סוף איז.

און אויפדאַסניי צום היי מיר נעמען זיך —
מיט פרישער קראַפט אין מוסקלען אַנגעשטאַלטע.
און שטיקער פעלד, עס ווערט אויף זיי אַ פּליד,
און ליידיק ווערט אויף שטחים לאַן און טאַל דאָ.

און אַלע ווייל פאַרט אַן אַ וואָגן — פּוסט.
און — אַנגעפּאַקט אַ וואָגן ווערט אַ בייער.
און היי, ער זינגט, ער קלינגט אַלץ אונטער פוס.
און איבער קאָפּ די זון אַלץ גיסט איר פייער.

און אַלע מיר — מיר מיען זיך געטריי
(הגם אין האַלז איז טרוקן שוין און ענג איז...)
און מאַכן ס׳פעלד פון קופּעס־רייען פריי,
און נעמען זיך צו בייע דאָ שערענגעס.

און צו פאַרנאַכט איז עפּעס וואָס געשען:
דער הימל האָט אין וואָלקנס זיך פאַרשלייערט.
די זון פאַרשווינדט. מע קען זי שוין ניט זען.
און כמאַרעס — טינט — און כמאַרעס — נאַכט — אַלץ גייען

מיט שוועבל פול געוואָרן איז די לופט.
— אַ שטורעם רוקט אַהער זיך אָן, חלוצים! —
האָט חבר צבי געטאָן צו אונז אַ רוף
און — ס׳האָט אַ בליץ אַ בלענד־געטאָן אונז פּלוצים.

און באַלד האָט זיך צערעדערט גראָב און שווער
און דראָענדיק אַ גבורהדיקער דונער.
און אַנגעיאָגט האָט מאיר מיט די פערד
און ביי דעם היי דעם לעצטן אונז געפונען.

אַ וואָגן נאָך, צי, אפשר, צוויי, ניט מער,
געבליבן איז פון היי דאָ אָנצולאָדן.
און מאיר, גיך ער שטעלט דאָ אָפּ די פערד
און — הייסט אונז שנעל אים לייגן אויפן וואָגן.

עס טאָר דער היי ניט ווערן דאָ פאַרנעצט.
עס טאָר פון אים ניט בלייבן דאָ קיין קופּע.
ביז רעגן קומט מיר מוזן אים ביז לעצט
אַריינפּאַקן אין קאָלעקטיווער שאָפּע.

און מיט דער קראַפט דער לעצטער וואָס איז אונז
מיר נעמען זיך צו לעצטע קופּעס־רייען.
און אַרום אונז איז שוואַרץ שויך, ווי טשוגון,
און איבער אונז געדיכטער כמאַרעס גייען.

און אַלע ווייל אַ בליץ עס טוט אַ העל.
און אַלע ווייל אַ דונער עס צעקנאַלט זיך.
נאָר טרוקן נאָך לעת-עתה איז אין פעלד.
דער שלאַקסרעגן דער מבולשער ניט פאַלט נאָך.

און אָט איז שוין די לעצטע קופּע היי
אויף וואָגן — הויך — צעלייגט און איינגעקלאַמערט.
און מיר — אויף דעם... מיר זיצן אין אַ ריי
און זינגען דאָ אַ ליד פון זיג צוזאַמען...

און מאיר טרייבט די פערדאַלאַך געשווינד:
פון אינדערהויך שוין טריפן ערשטע טראָפּנס.
און סוסימלאַך, זיי טראָגן זיך גאָר פלינק.
און — אָט איז שוין די אָפּן־גרייטע שאָפּע.

און ס׳פאַרט אריין אין שאָפע — טונקל־קיל —
דער וואָגן היי דער סאַמע־סאמע לעצטער.
און אַלע מיר — אַ פרייד אין אונז עס שפּילט:
דער כיבוש־היי לחלוטין ניט פאַרנעצט איז . . .

מאָטקע „טראַקטאָר״ אַקערט די כיבושער ערד

אַסיען אויף כיבושער ערד.
טויאַיק און לופּטיק און לויטער.
קליאַנען — מיט גאָלדענע בערד.
דעמבעס — מיט קודלעס מיט רויטע.

ליידיק — די פעלדער אַרום
(שייער און שאָפע — געפּאַקטע). —
מיט אַ מעטאַלענעם ברום
טראָגט זיך דער כיבושער טראַקטאָר.

מאָטקע דער חלוץ אים פירט.
אַקערט די ערדן פון כיבוש.
רייסט זיי מיט יעטווידן ריר.
שניידט זיי אין פּאַסן, אין גליבעס.

מאָטקע דעם טראַקטאָר האָט האָלט.
תמיד פון טראַקטאָר ער „האַקט״ נאָר.
רימט אים פּאָר יעדן מיט שטאָלץ. —
רופט מען אין כיבוש אים — „טראַקטאָר״.

פריער, צוריק מיט אַ יאָר,
מאָטקע געווען איז אַ שמייסער;
„אַדלערס״ געטריבן אַ פּאָר,
גרויע, אין פלעקן אין ווייסע.

סוסים, געשפּאַנט צו אַ פור,
פערדלאַך, וואָס פירן פאַרשווינען
איבער אַ טראַקט, ווי אַ שנור,
צווישן פאַרחלומטע פליינען.

(פליינען פון ליטווישן לאַנד,
שטילע, מיט אומעט צעבליטע;
פלאַכע ביז הימלשן ראַנד, —
פליינען פון טונקעלער ליטע). —

ציט זיך אינווייטן דער טראַקט,
ביימער — פון זייטן פוןביידע;
שלעפּט זיך דאָס פורל — געפּאַקט,
מאַטקע — אויף קאַזלעס זיך הוידעט.

פאָרט מען אַ דערפל אַדורך,
שמעקן מיט בלינעס די כאַטעס;
און אויף דער פולינקער פור
בילן דאָ כלבים קודלאַטע.

קומט צו אַ קרעטשמע פאַרקלערט,
עלנט אין פעלדישן דרויסן, —
וואַרט דאָ אַ טרונק אויף די פערד,
וואַרט דאָ אויף מאַטקען אַ כוסה . . .

גייען די וואָכן אַזוי,
שווימען חדשים און יאָרן;
זומער — אין גראָזן, אין טוי,
ווינטער — אין שנייען אין קלאָרע.

מאַטקע, די פערד אַלץ ער טרייבט
(קיינמאָל צום באַן ניט פאַרשפעטיקט)
צו דעם וואָקזאַלכל אינוויי‌ט
פון דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל.

צוויי מאָל אַיעטווידן טאָג,
פון דעם צעהויקערטן ישוב
צו דעם וואָקזאַלכל אין טאָל —
רק זיך געוויגט און געשמיסן. —

וואָלט ער אַזוי זיך געוויגט
וויפל אים לעבן באַשערט איז
(פרילינג — דורך ליכטיקן צוויט,
האַרבסט — איבער נאַקעטע ערדן). —

איז אָבער מאַטקען באַשערט
ווערן אַ יידישער פויער,
פאַרן אין כיבוש, אויף ערד,
נאָכדעם — אַ היימלאַנד זיך בויען . . .

האָט מען אים, מאַטקען, פאַרשלעפּט
(היימישע, שטעטלשע יאַטן)
אין אַ לאָקאַל, וווּ ביז שפּעט
פירן זיך הייסע דעבאַטן:

„ארץ" און קבוצה און מי,
חיות פון אייגענע גרונטן;
תבואה און גרינסן און פי,
גאַנצענע יידן, געזונטע . . .

איז אין לאָקאַל אים צוערשט
נודנע אַביסל געוועזן:
זיך און דעבאַטן דאָ הער,
לערן זיך שרייבן און לעזן . . .

ס'ציט אים צוריק צום וואָקזאַל,
ס'ציט צו די קאַזלעס צוריק אים:
וויגסט זיך . . . דאָס בייטשל — עס קנאַלט . . .
ווערסטן פאַרטרוימטע זיך וויקלען . . .

אַט איז דאָס דערפל דאָס קליינס,
אַט איז די קרעטשמע פאַרטראַכטע;
ס'איז אים דאָ נאָנט יעדער פליין,
יעדע בעריאָזע ביים טראַקט דאָ — —

האָט זיך געבענקט אים צוערשט,
האָט ער צוערשט זיך גענודיעט.
נאָכדעם האָט ער זיך באַהערשט.
נאָכדעם ז'געוואָרן אים גוט דאָ:

פריילאַך איז אַפּט אין לאָקאַל:
עולם, מיט אויפּברויז ער ווייעט;
מיילער — מיט לידער צעשאַלט,
לייבער אין הויראָס זיך דרייען.

מאַטקע — אויך ער איז אין קראַנץ,
טופּעט מיט שטיוול מיט שווערע;
אויגן — עקסטאַטיש צעגלאַנצט,
שטערן מיט שווייס איז באַפּערלט — —

ביזקל געבּראַכט אים די באַן

האָט אויף חלוצישן באַדן. —

פרילינג געווען איז דאַן.

אַלץ האָט איז גרינס זיך געבּאַדן.

ביימער עס האָבן געבליט.

פייגל עס האָבן געזונגען. —

מאַטקע האָט אַלעס באַבליקט

און, ווי אַ קינד, זיך געוווּנדערט:

דאַכט זיך, די זעלביקע ערד,

דאַכט זיך, דער הימל דער זעלבער,

דאָך איז דאָ, ווו נאָר אַ קער,

אַנדערש — צעגרינטער, צעהעלטער . . .

אַט איז אַ שייער, אַ שטאַל,

אַט איז דער כיבּושער מויער, —

ס׳קוואַליקט מיט חלוץ פון אַלץ,

ס׳אָטעמט מיט זאַפטיקער רויערד . . .

אַט איז אַ גאָרטן, אַ סאַד,

אַט זענען פעלדער פון כיבּוש, —

ווו נאָר דו שטעלסט דאָ אַ טראָט,

זוניק און פריידיק און ליב איז . . .

בּלעז אַזוי אָבער לאַנג

איצטער אין כיבּוש — פאַרוועדט איז:

אַרבעט אַ וועלט איז פאַראַן:

אַקערן, זייען די ערדן — — — —

האָט מען געטאָן אים אַ נעם
און צו אַ טראַקטאָר געבראַכט אים:
זעץ זיך צום רעדל און — קעם,
קעם זי, די פעלדישע רחבות!

שמייס, ווי אַפריער, די פערד,
רייס אויף די ערדן פון כּיבוש,
שנייד זיי, ווי „סחורה״ — אַ שער,
וואַרף זיי אין פּאַסן, אין גליבעס!

האָט ער זיך תּחילת געוועדט:
קען ער אַ טראַקטאָר דען שמייסן?
ס׳איז דאָך קיין לעבעדיק פערד!
ס׳איז דאָך אַ חיה פון אייזן! . . .

ס׳איז דאָך אַ בריה פון שטאָל!
ווער ער דען קענען אים פירן?
מ׳דאַרף דאָ פאַרשטיין מיט אַ טאָלק!
מ׳דאַרף דאָ „סמעקאַלקע״ געהירן! . . .

האָט מען אים אַלעס דערקלערט:
ס׳איז ניט די תּורה קיין שווערע.
אייז מאָל, אַ צווייטן, — ביז ער
ווערט ווי געהעריק שוין שערן.

האָט ער זיך, מאַטקע, געמיט,
גרינטלאַך דעם טראַקטאָר שטודירט האָט,
יעדן זיין שרייפל, זיין גליד;
אייז מאָל, אַ צווייטן געפירט אים.

זענען אַזוי זיך אַוועק
וואכן פון פרילינג פון גרינעם;
מאַטקע, ער גייט אויף אַ וועג,
כאַפּט שוין פון טראַקטאָר דעם זינען.

זענען פאַרשווומען אַווו
זומער־חדשים צעהעלטע;
מאַטקע האָט מער שוין געוווסט
און פון זיין טראַקטאָר געקוועלט האָט.

האָט ער אַזוי אַלץ געשוויצט.
האָט אַלץ זיין וויסן פאַרבעסערט.
ביז ער געוואָרן איז איצט,
מאַטקע, — אַ גאַנצער פּראָפעסאָר.

איצטער איז אַלעס אים קלאָר,
קלאָר ביז דעם קלייניקסטן שרייפל;
איצטער ביז מינדעסטן האָר
טוט ער דעם טראַקטאָר באַגרייפן

און ער איז שטאָלץ אַזוי איצט,
רימט אים, דעם טראַקטאָר, כסדר;
און פאַר איעדן מיט היץ —
דעקט אויף פון טראַקטאָר די סודות.

ס'איז דאָך אַ פּשוטע זאַך,
ס'איז דאָך דער ענין גאָר פּשוט,
מ'דאַרף ניט פאַרשטיין דאָ קיין סך,
ס'איז דאָ לחלוטין ניט קשה;

גיב ווי געהעריק אים נאָפּט,
וואַסער אַ טרונק-טאָן דו גיב אים, —
רייסט ער די גרונטן מיט קראַפט,
שניידט זיי אין פּאַסן, אין גליבעס! . . .

זיצט ער זיך, מאַטקע, אַצינד
ברייטלאַך צעלייגט אויפן טראַקטאָר,
רעדלט און קירעווועט פלינק,
שמייסט, ווי אַמאָל, אויפן טראַקט דאָרט:

טראָג זיך, מיין שטאָלענער פערד!
קעם זיי, די פעלדער, צעאַקער!
שנייד זי, ווי לעקאַך, די ערד!
בייס זי, ווי טאָרט ווי געשמאַקן!

גוט איז צו זיצן אַזוי,
האַלטן דאָס רעדל און — טרייבן:
דופטיק, אין לויטערן טוי,
עפנט די ערד דיר איר לייב אויף.

ווייזט דיר איר זאַפטיקע טראַכט,
צייגט דיר איר פרוכטיקן אינהאַלט;
און אויף איר ערדישער שפּראַך
רעדט צו דייך זעל און דיין זינען:

איך בין דער בעסטער פאַרמאַג,
איך בין פון לעבן די ברכה;
צונזער עס האָט שוין געזאָגט:
ס׳מזל — עס ליגט אין דער סאָכע . . .

גראָב זיך דעריבער אײַן מיר,
מאַטקע, פֿאַרגלויבט, ווי אַ חלוץ,
וועסטו — כ׳פֿאַרזיכער דאָס דיר —
פּטור דאַן ווערן פֿון גלות! . . .

חג האָסיף

שטילע טעג פון תשרי, לויטערע, צעהעלטע.
אָפּגעדעקטע ליגן כיבושדיקע פעלדער.

און די כיבוש-ביימער שטייען אָנגעצונדן . . .
איינגעהילט אין טויען פּערלדיקע, רונדע . . .

פאַלט אַ בלאַט אַ רויטער, פאַלט אַ בלאַט אַ ראָזער, —
לייגן זיך פאַרגליווערט אויפן געל פון גראָזן.

טראָגט זיך פון די גראָזן אַ געזעג פון גרילן —
צו דעם גאָט פון אָסיען אַ צעזונגטע תפילה . . .

האָרכן צו זיך פעלדער, הערט זיך צו די רחבות,
הערט מיט פרייד אַיעדער אויף דער כיבוש-נחלה.

פריילאַך איז דאָ איצטער: ס׳איז די נחלה רייך איצט;
פול מיט ווייץ מיט קופּעס איז דער היגער שפּייכלער;

אָנגעפּאַקט דער שייער איז מיט קאָרן-סנאָפּעס;
אָנגעשטאָפּט מיט היי איז ביזן דאַך די שאָפּע;

און דער גאָרטן דופטעט מיט ירקות פרישע;
און דער סאָד — מיט פּרות האַניקדיקע, זיסע; —

ברכה פון דער ערד דאָ, רייכקייט פונעם זומער. —
מעג דער חג האָסיף שוין אַהערצו קומען . . .

חג האָסיף — יום טוב פון נאַטור און פויער. —
פייערט מען יאָר־יערלאַך אים איז כיבוש־מויער.

גרייט מען זיך צו אים שוין, צו דעם גאַסט דעם ליבן:
מ׳דאַרף אים ווי געהעריק אויפנעמען אין כיבוש.

ציילט מען שוין די טעג דאָ: דריי און צוויי און איינער —
און דער גאַסט, ער איז שוין אויף די היגע פליינען.

קומט אַן ערב סוכות מיט אַ הויך אַ בלויער —
איז שוין צוגעקליבן אַלעס אינעם מויער.

רייך — איעדער ווינקל, אָפגעווישט פון שטויבן,
זויבערע גאַרדינען הענגען אויף די שויבן.

און די ווענט פון עס־זאַל — דעקארירט, באַהאַנגען
מיט יאַדלאָווע צווייגלאַך און מיט קרענץ פון זאַנגען.

צירן זיך אין קרענץ דאָ טרומפלדאַר און ברענער,
טרוימט אַרויסעט הערצל פון זיין קראַנץ נאָך שענער . . .

לויטערט א. ד. גאָרדאָן פון זיין קראַנץ אַרויסעט
צו דעם ריינעם מויער, צו דעם קלאָרן דרויסן.

און אין דרויסן טוט זיך: עולם אויפגעלעבט איז:
הירשקע האָקט דאָ האָלץ אָן, שמואלקע וואַסער שעפּט דאָ.

שרהקע גראַבט קאַרטאָפל נייעם אינעם גאָרטן,
רייסט דאָ אָנעט גרינסן אַלערלייע סאָרטן;

און מע טראָגט עס אַלעס, און מע פירט אַריינעט
אין דער קיך פון כיבוש, ווו סע שמעקט — אַ תענוג;

פון די חלות, ברויטן, פון די פישן, פליישן,
וואָס זיך באַקן, קאָכן אינעם אויוון הייסן,

אויפן פלאַם פון פליטע, אין די טעפ און פאַנען, —
פאַרן גאַנץ קיבוץ עסנס — „מעדנים".

קרויזט זיך גוטער ריח פון דער קיך אַרויסעט
דורכן מויער-קוימען מיטן רויך אינדרויסן.

אָטעמען אים איינעט כיבושדיקע פעלדער,
דופטיקט ער אַרויפעט צו דעם בלוי צעהעלטן.

זאַפט די זון זיך אָנעט מיטן דופט דעם ליבן —
נעמט זי שנעלער איילן צו דער שוועל פון כיבוש . . .

נידערט זי אַראָפעט צו די מערב-זוימען,
הילט די גאַנצע וועלט איין אין צעראָזטע טרוימען . . .

גייען איצטער יאַטן צו דעם כיבוש-וואַסער —
אויסצוואַגן די קעפ זיך, הענט און פיס זיך וואַשן,

אָפּשווייגקען די לייבער פון דעם שוויס דעם גאַנצן, —
אַז איעדער יאַט דאָ זאָל זיך נײַ צעקלאָרן.

נאַכדעם, אויסגעטובלט, טוט זיך אָן איעדער
אין דעם וועש דעם בעסטן, אין די שענסטע קליידער.

און אַצינדער איז שוין ווייטלאַך נאָך דער שקיעה,
ס'ליגט די זון און שלאָפט שוין מיט פאַרמאַכטע וויעס . . .

און אויף גאָרער רחבות אַזאַ שטילקייט הויערט,
און אַ שטערן גרינט שוין אין די טיפע בלויען.

און מיט יעדער רגע ווערן בלויע גרונטן
טויאיקער צעשטערנט, גילדענער צעצונדן.

יום טוב אין די הימלען! ... סוכות... חג האָסיף...
און — — ער טריפט אַראָפּ שוין אויף דער ערד — באַאַסיענט;

אויף די הוילע פעלדער, אויף דער שטילער רחבות,
אין איעדן ווינקל פון דער כיבוש-נחלה.

לויכטן שוין אין מויער אַלע פענצטער-שויבן:
מ'גרייט שוין צו די טישן אינעם עס-זאַל, אויבן.

נעמט זיך עולם קלייבן יום טובדיק אַהערצו,
מיט צעשיינטע אויגן, מיט צעפרויזטע הערצער.

זעצן זיך דאָ אויסעט רייען, רייען לאַנגע.
הויבט זיך חג האָסיף אָנעט מיט געזאַנגען.

זרמו גלים, — זינגט מען ביי איין טיש געדעקטן.
שאו ידים — כוואַליעט פון אַ צווייטן עק דאָ — —

זינגעז יונגעז, מוידן איינס פון צווייטן — שענער,
הארכן אויף די וועגט דאָ א. ד. גאָרדאָן, ברענער,

טרומפּלדאָר און הערצל, — יום טובדיק באַקראַנצטע,
מיט צעהעלטע בליקן, פּנימער צעגלאַנצטע . . .

נאָכדעם הויבן אָן זיך רעדעס דאָ — „נאומים". —
ס'גיט אַ חבר אָפּעט אַ באַריכט פון זומער:

וויפל וואָגנס תבואה האָט מען אויפגעקליבן
היי־יאָר אויף די פעלדער זאַפטיקע פון כיבוש;

וויפל צענטנער גערשטן זענען דאָ איצט בייע;
ווי געוועזן דער שניט איז פון דעם היי דאָ היי־יאָר;

אויף די היגע פּרות ווי איז די גערעטניש;
פון די היגע בינען וויפל האָניק וועט זיין;

וויפל אויפן גוט דאָ רינדער צוגעקומען;
וויפל אויסגעבריט זיך עופות פאַרן זומער — —

אַ באַריכט געגויער פון דער מי אין כיבוש,
פון דער זומער־פּראַצע פונעם גאַנץ קיבוץ. —

נאָכדעם רעדט אַ צווייטער — וועגן דער באַדייטונג
פונעם חג האסיף אין די אַלטע צייטן,

אינעם לאַנד אין אייגן, אויף דער ערד דער פרייער;
ווי מען האָט דעם יום טוב דאָרטן דאַן געפייערט.

און אַצינד אין „ארץ״, וווּ עס בויט זיך ווידער,
וווּ עס וואַרצלען איין זיך האַרעפּאַשנע יידן,

קריגט דער חג האָסיף זיין אַמאָליק תוכן,
ווערט באַנייס פאַרבונדן מיט די טאָפּל-כוחות:

מי פון יידיש פויער און פון ערד די ברכה — —
— — זיצן לאַנגע רייען און מיט שפּאַנונג האָרכן.

און ווען צוויי־יטער רעדנער ענדיקט זיין „נאום״ דאָ,
ווערט אין עס-זאַל רוישיק; עולם זיך צעזשומט דאָ,

ווי אין כּיבּוש-בינשטאָק, מיט אַ ניגון זיסן . . .
און — מע טראָגט שוין פּישן, פליישן צו די טישן.

נעמט זיך עולם לוסטיק צו די „מעדנים״.
אַפּעטיט ביי יעדן איז פאַר צוויי פאַראַנען. —

רייבט מען מיט התמדה אויף די באַקן ביידע.
ווערן פולע טעלער שנעל דאָ אויסגעליידיקט.

האָט מען אָפּגעגעסן, הויבט מען זיך פון טישן, —
אין אַ הייסן הוירא פיבערן די פיס שוין.

טאַנצט דער גאַרער קיבוץ אינעם עס-זאַל גרויסן,
טאַנצט אַרויס פון מויער אינעם אָסיען-דרויסן,

אין דער נאַכט דער בלויער, אין דער רחבות שטילער,
אונטער אַ לבנה אַ צעוואַקסן-פולער,

אונטער קלאָרע שטערן, בלישטשנדע, ווי טויען,
טריפנדע מיט יום טוב איבער הויף און מויער. —

טאַנצט דער גאַרער קיבוץ מיט אַ ברען אַ פרישן.
טוט אַ ליד אַ פלאַמיקס רונד אַרום זיך גיסן,

הערן לאָזט דער גאַרער שווייַנגדיקער רחבות:
ס׳פייערט חג האָסיף היינט די כיבוש-נחלה . . .

עדינה

אַ פּולבלאַכע, אַ מיטלוווּקסיקע,
מיט גריבאַלאַך פון חן אין באַקן ביידע.
איעדערער אין דער „תנועה״ זי קען.
און יעדערער זי רימט: אַ טייער מיידל.

אַ גאַנצן טאָג זי זיצט אין מרכז אָפּ,
אין צימערל אין קליינינקן, פונפאַרנט;
איבער אַ טישל בויגט זיך אַלץ איר קאָפּ,
איבער פּאַפּירן טוט איר פּען אַלץ „פּאַרן״.

זי רעגיסטרירט חלוצים נייע דאָ,
זי פילט דאָ אויס חלוצישע אַנקעטעס;
אַזוי אַ שעה זיך קייטלט נאָך אַ שעה,
ביז מרכז-זייגער זאָגט איר אָן: שוין שפּעט איז.

דאַן רייסט זי אָפּ פון טישל איר געזיכט,
דאַן הערט זי אָפּ איר בליק פון די פּאַפּירן
און וואַרפט אַרויף אַ מאַנטעלע אויף זיך,
און ס׳נעמט די שטאָט, אַ נאַכטישע, זי פירן

דורך געסאַלאַך, דורך גאַסן, — ליידיק שוין,
געשלייערטע אין טונקלעניש אין קילער, —
צום ווייטלאַכן זאַווּליק, וווּ זי וווינט,
צו איר קוואַרטיר דעם מיידלשן, דעם שטילן.

דאָרט עסט זי אָפּ אַ וועטשערע — געמיין,
און לייענט נאָך ביים שיין פון לאָמפּ אַביסל;
און ס׳נעמט זי אויף אַ בעטל — פּראָסט און ריין,
און ס׳טוט איר קאָפּ אַ טוליע זיך צום קישן.

זי ליגט אַ ווייל אַ וואַכע נאָך און טראַכט:
פון מי אירער, פון דער „תנועה״ אין לאַנד דאָ — —
און אָפט, אין שעה אין טיפער פון דער נאַכט,
טוט איר געדאַנק צו היים אירער אַ וואַנדער.

. . . זי שטאַמט, עדינה, פון אַ רייכער היים.
איר טאַטע איז אַ גוטבאַזיצער גרויסער.
פאַרמאָגט אַ נחלה — מיילן וואַלד און פליין,
און גערטענער, און פי, און פערד, — אַן עושר.

און זי, עדינה, איז איין טאָכטער בלויז —
אַ בת־יחידה צו אַ פּריץ רייכן;
און אין איר טאַטנס פּריציש גרויסן הויז —
ווער האָט צו איר געקענט אַדאָ זיך גלייכן?

עס איז איר דאָ געווען זייער גוט,
זי האָט געהאַט — פון זעען און פון הערן;
געהאַלטן האָט דער טאַטע אויפן גוט
פאַר איר, זיין טאָכטער, אַלערלייע לערער.

געלאָזט זי לערנען שפּראַכן און מוזיק,
געלאָזט מאַניערן לערנען זי — גרויסשטאָטיש:
זי ווערן זאָל וואָס מער פאַניענקעדיק,
זי ווערן זאָל אין טאַטן אירן גראָטן.

און מאַמע אירע האָט זי צוגעזען
מיט בעסטע עסנס — ווי אַ קייסערינע;
געטראָגן זי, עדינהן, אויף די הענט,
געקוקט איר מויל כסדר איר, עדינהן;

איר נאָכגעגעבן יעדן איר קאַפּריז,
און אומעטום איז זי פֿאַר איר געלאָפֿן;
און לויט די לעצטע מאָדעס פֿון פּאַריז
גענייט איר קליידער פֿון די בעסטע שטאָפֿן.

און זי, עדינה, האָט זיך דאָ געפֿירט,
ווי ס'איז דער שטייגער פֿון אַ פּריציש מיידל;
אַיעדן טאָג געשפּילט האָט זי קלאַוויר,
אַיעדן טאָג געביטן זיך די קליידער.

און אָפֿט געריטן האָט זי אויף אַ פֿערד —
פֿון בחורים באַקאַנטע אַ באַגלייטע;
איבער דעם טאַטנס מיילן לאַז און פֿעלד,
איבער דער נחלה זיינער גרויסער, ברייטער.

אין שטיוואַלאַך לאַקירטע אויף די פֿיס,
אין רייט-הויזן און אין דער האַנט — אַ בייטשל.
(דאָס פֿערדל טוט זיך גרינג פֿון אָרט אַ ריס
און אָט איז עס — מיט רייטער זיינעם — ווייט שוין.

זי זיצט, עדינה, מאַיעסטעטיש, גלייך,
זי וויגט פּאַמעלאַך מיט די שוואַרצע קרויזן;
און פֿירט מיט די באַגלייטער אירע לייכט
אַ פֿלירטעוודיקן שמועס אין פֿראַנצויזיש . . .

מע רייט אַזוי דורך קאַרן און דורך ווייץ,
דורך זומערדיקע דופטנדיקע הייען;
אַ יולי-זון מיט גאָלד מיט העלן פלייצט,
און וואָלקנדלאַך אַ פּאָר אין הימל שטייען . . .

די פערדאַלאַך, זיי שטעלן גרינגע טריט.
צו פּאַראַבקעס פּאַרטאָגנענע געגענט מען
(וואָס ציען באַלד הכנעהדיק די היט —
פאַר איר, דער שיינער יידישער פּאַניענקע...).

זי פרעגט זיי אויס, עדינה, אויפן פערד,
וואָס טוען זיי און ווי די אַרבעט גייט זיי ?
און צי געפעלט זיי אויף דעם טאַטנס ערד,
אויף פעלדער זיינע רחבותדיק צעשפרייטע ?

און ווייטער רייט מען — צו דעם אַלטן וואַלד,
וואָס בלויט אַ גרינער ביי דעם ראַנד פון נחלה;
זי זיצט, עדינה, און דאָס צוימל האַלט
און — העל זיך וויקלט אונטער איר די רחבות . . .

און זוניק שפּרייט אַ פרייד זיך אין איר זעל:
עס איז איר גוט, דער בת-יחידה רייכער.
ווער האָט נאָך דאָ אַזאַ מין ווילע וועלט ?
ווער קען זיך דאָ צו איר, עדינהן, גלייכן ?) — —

אַזוי די יאָרן זענען דאַן געגאַן,
די פריע אירע, פרילינגדיקע יאָרן;
זי האָט געבליט, ווי אַ געראָטן פלאַנץ
און — רייפער אַלץ און — שענער אַלץ געוואָרן.

און בחורים באַקאַנטע אירע — זין
צו עלטערן-נגידים איז דער געגנט, —
זיי האָבן זי אַלץ מער געהאַט אין זין
און „צופּעליק" אַלץ עפטער זי באַגעגנט.

און חתונה זי וואָלט לסוף געהאַט
(צו פרייד און גליק פון אירע טאַטע-מאַמע);
גענומען זיך אַ בחור פון איר גראַד
און — וואָלט געפירט אַ לעבן אַ מאַדאַמיש;

אַ פּריציש לעבן, אויף דער ברייטער פוס,
אַ זאַרגלאָז לעבן, ווי ביים טאַטן אירן;
אַ לעבן — בלויז פון שפע און גענוס,
אַ לעבן — בלויז פון ווילטאַק און עשירות.

האָט אָבער זיך אַריינגעמישט די צייט,
די נייע צייט, — פון „ארץ"-בויער יונגע;
און האָט געמאַכט אַ גאַנצן איבערבייט
אין איר, עדינהס, לעבן פּריציש-יונגן.

געשען איז ער, דער איבערבייט, אַזוי:
ניט-ווייט פון נחלה, אין אַ קליינעם ישוב, —
אַ באַבע איר, עדינהס, דאָרטן וווינט;
אַ סיווינקע, אַ ניינציקער געוויס שוין.

און זי, עדינה, פירט אַפּטמאָל אַרויס
פון שטאָל דעם טאַטנס אַגערל דעם בעסטן
און כאַפּט אויף אים, אַ פלינקע, זיך אַרויף,
און — נעמט אויף אים דעם וועג איז שטעטל מעסטן.

זי רייט, עדינה, איינאַליין, אַהין —
צו באָבע אירער, אין דעם ישוב קליינעם;
זי טראָגט זיך איבער פעלדער, ווי אַ ווינט;
דאָס אָגערל — ער שלינגט ממש די פּליינעס,

און יאָגט אַרייַן אין שטעטל אין גאַלאָפּ...
און זי, עדינה, האַלט אים ביי דער גריווע,
מיט אַ צעשויבערט, שוואַרץ געקרויזטן קאָפּ
און איז די באַקן קוועלן אַז די גריבלאַך...

אין שטעטעלע אַן אויפגערודער ווערט:
מע לויפט אַרויס פון שטיבלאַך, הויפן קוקן,
ווי זי, עדינה, שלינגט די שטעטל-ערד,
אַ רייטנדיקע אויפן אָגערס רוקן...

איז אַט: איינמאָל איז אָנגעריטן זי
אויף טאַטנס בעסטן אָגערל אין ישוב;
געוועזן איז עס איז אַיין אַן אינדערפרי —
אַ פרילינגשן, אַ לופטיקן, אַ פרישן.

זי איז דאַסמאָל געריטן ניט געשווינד,
דאָס אָגערל געהאַלטן פאַרן צוימל;
געזעסן זיך מיט רואיקייט באַשפּינט,
און פון איר בליק אַרויסגעבליט אַ טרוים האָט...

און פּלוצים אַ געזאַנג דערהערט האָט זי —
אַ פריילאַכן, אַ זאַפטיקן, אַ יונגן;
אַ דופטנדיקן, ווי דער פרילינג-פרי...
און זי, עדינה, האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט:

ווער זינגט עס דאָ, אין שטעטל, אַזוי גוט?
אַ כאָר אַ גאַנצער אַזאַ לאַדנער, ווילער? . . .
און פאַרן צוימל באַלד אַ צי זי טוט
דאָס אַגערל און — לאָזט זיך נאָך די קולות.

און אַט דערזעט זי אין אַ געסל — קליין
אַ שטיבל — קרום, מיט פענצטערלאַך צעפּראַלטע,
און אינעם שטיבל — יונגען, איינס און איינס,
און מוידן אויך, — מיט מיילער מיט צעשאַלטע.

זי זיצט, עדינה, אויפן פערד און הערט,
און קוקט זיך צו צו די נגינה־קענער;
און שפּירט אַ פרייד . . . און נייגעריק זי ווערט
זיך צו דערוויסן, ווער און וואָס זיי זענען.

און ווי זי טראַכט צו פרעגן וועגן דעם,
קומט אָן אַ יונג, דערנענטערט זיך צום שטיבל;
אַ שיינער בחור, אין אַ פּראָסטן העמד,
איז הויזן — קאַרט און אין יוכטאָווע שטיוול.

פאַרהאַלט זי אים, עדינה, אויפן פערד:
ער גייט אין שטיבל — מוז ער זיכער וויסן,
ווער זענען זיי, די זינגער, וואָס זי הערט?
וואָס טוען זיי אין אַט דעם קליינעם ישוב?

צעשמייכלט ער זיך, אַט דער שיינער יאַט:
די זינגער דאָ חלוצים אַלע זענען;
און — האַלט פאַר איר אַ גאַנצן רעפעראַט;
מיט דער „באַוועגונג" טוט ער זי באַקענען.

און פֿאַר איין גאַנג דערציילט ער איר, אַז ער —
אויך ער אַ מיטגליד איז פֿון דעם „החלוץ״,
און פֿאַרט אינגיכן אַרבעטן אויף ערד —
אין איינער פֿון די קבוצות וואָס אין גליל.

עדינה זיצט און הערט מיט אינטערעס:
אַ „החלוץ״, אַ „גליל״ אין דער ליטע,
אַ נייע וועלט פֿאַר איר . . . און זי פֿאַרגעסט,
נאָכוואָס איז זי אַהער היינט אַנגעריטן . . .

און טוט לסוף אַוועקרייטן פֿאַרקלערט.
און אַ פֿאַרקלערטע זיצט זי ביי דער באַבען.
איר טראַכט זיך אַלץ פֿון גלילדיקער ערד,
פֿון די חלוצים, וועלכע פֿלאַנצן, גראָבן

און שניידן דאָרט, און לאַדעווען מיט קראַפֿט,
און ניגונען, — ווי דאָ, אין שטעטל, — מונטער . . .
אַ נייע וועלט אַ יידישע, וואָס שאַפֿט
אַ נייעם לעבן יידישן געזונטן . . .

און נאָכדעם, ווען זי קומט צוריק אַהיים,
אויף טאַטנס גרויסער שפּעדיקער נחלה,
נעמט אויסזען דאָ איר פֿרעמד אַיעדער פֿליין,
נעמט אויסזען דאָ איר פֿרעמד די גאַרע רחבות . . .

און ס׳נעמט זי תיכף ציען אויף צוריק —
צוריק אין שטעטל, צו די זינגער יונגע;
צוריק צום בחור מיטן ליבן בליק,
וואָס האָט פֿאַר איר אַנטפּלעקט אַ וועלט מיט וווּנדער . . .

איז אַט: פון יענעם פרילינג-אינדערפרי
איז זי איז שטעטל עפּטער נאָך געקומען,
און יעדן מאָל באַזוכט האָט דאָרטן זי
די יונגע זינגער אין דעם שטיבל קרומען.

און נאָך איעדן שטעטלשן וויזיט
איז אויף דער נחלה איר געוואָרן ענגער.
זי האָט געפילט: אַלץ מער „אהין" זי ציט,
אַלץ מער נאָך „זיי" זי טוט, עדינה, בענקען.

זי האָט געפילט: אַדאָ, אין טאַטנס הויז,
זי קען ניט מער ווי אַ פּאַניענקע לעבן;
זי קען ניט מער פון לעבן נעמען בלויז,
זי וויל, עדינה, אויכעט געבן, געבן.

זי וויל, עדינה, ווערן פּראָדוקטיוו,
זי וויל, עדינה, ווערן אַ חלוצה;
איר ציט, עדינהן, אין אַ קאָלעקטיוו, —
אין איינער פון די גלילדיקע קבוצות.

און ביז וואָס-ווען — ביז זי, עדינה, פאָרט
אין גליל אַפּ, אויף פּויערישער אַרבעט, —
איז כדאַי די ערד אַ פּרווו-טאָן „אויפן אָרט" —
אַדאָ טאַקע פאַרקאַשערן די אַרבל . . .

און שטאַרק פאַרחידושט האָט מען זיך אַדאָ,
ווען זי, עדינה, אין אַ מאָרגן איינעם
אַ זומערדיקן, אין אַ פריער שעה, —
אַרויס אויף מי איז אויף דעם טאַטנס פליינען.

אַרויס באַגלייך מיט אַלע פּאַראַבקעס,
אַ וואָגן היי גענומען דאָ אַנלאָדן;
און טאַקע באַלד באַוויזן, אַז זי קען
און שטייט ניט אָפּ פון פּאַרעבאַק פון יעדן.

דעם טאַטן אירן האָט עס ניט געשמעקט:
וואָס איז זי אויסן דאָ מיט דעם, עדינה?
זי ווערט אַדאָ דאָך אָנעט איר רעספּעקט . . .
איר כבוד דאָ עדינה, זי פאַרמינערט! . . .

נאָר איר, עדינהן, האָט עס ניט געאַרט:
זי וויל ניט מערער זיין אַדאָ פּאַניענקע.
פון פּאַלעסטינע חלומט זי גאָר שטאַרק.
נאָך די חלוצים טוט זי פּלאַמיק בענקען . . .

און יעדן טאָג אַרויס איז זי אין פעלד.
אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט און געשוויצט דאָ.
געשניטן ווייץ- און קארן-זאַנגען — העל,
געבונדן זיי אין סנאָפּעס, אַ צעהיצטע.

און קי געמאָלקן, אָנגעטרונקען פערד,
און קעלבאַלאַך אויף לאָנקע האָט געפּאַשעט;
און וואָס אַ טאָג אַלץ מער דערקענט די ערד . . .
אַלץ מער מיט שווייס פון פּראַצע זיך באַוואַשן . . .

און וואָס אַ טאָג געוואָרן דאָ איז זי
אַלץ וויניקער פּאַניענקע, פּריציש מיידל;
פאַרגעסן אירע שפּראַכן, איר מוזיק,
פאַרוואָרפן אירע מאָדעס, אירע קליידער.

די עלטערן געווען זענען אין שרעק:
וואָס איז געשען מיט זייער בת-יחידה?
זי גייט דאָך דאָ אַראָפּ פון גלייכן וועג! . . .
זי ווערט דאָך דאָ אַ רעטעניש, אַ חידה! . . .

און — „רעטן" זי געפּרוווט זיי האָבן אַלץ.
נאָר זייער פּרווו זיך האָט ניט איינגעגעבן.
זי אַרבעט אַלץ אין פעלד דאָ, אין דעם שטאַל
און — לייגט אַוועקעט ביי דער מי איר לעבן . . .

אַזוי — אַ וואָך און צוויי, און דריי, און פיר:
זי אַרבעט אַלץ, באַווייזט דאָ ממש וווּנדער . . .
ביז אין אַ בלויען אויגוסט-אינדערפרי
איז זי אַוועק, פון טאַטנס גוט פאַרשווונדן.

אַוועק אין גליל. אין אַ קאָלעקטיוו.
מיט נייעם ברען גענומען צו דער מי זיך.
אין „תורת-ערד" נאָך מערער זיך פאַרטיפט . . .
און — האָט געיובלט: אַ חלוצה איז זי . . .

נאָר ס'האָט פון איר דער מרכז באַלד דערהערט:
חוץ „תורת-ערד", אַ פען אויך האַלטן קען זי . . .
און זי פאַרבעטן פון דער גליל-ערד
צו זיך אין שטאָט — אויף אַרבעט מיט דער פען דאָ.

איז זי, עדינה, אין דער שטאָט אַוועק.
אַוועק אין מרכז — טאָן אַ פליכט אַ נייע. —
אויך דורך דער פען צו „ארץ" פירט אַ וועג . . .
אויך דורך דער פען אַ וועג פירט צו דער פרייהייט . . .

איז אַרבעט זי אַצינדער מיט דער פּען.
און זי און מרכז — קאַנטעט זענען ביידע . . .
— — — — — — — — — — — — — — — —
און יעדערער אין דער „תנועה" זי קען.
און יעדערער זי רימט: אַ טייער מיידל.

„עבודה"

יצחק בלומבערגין

קאָוונע, היים מיין טאַליק־שטילע,
ביי דעם גרינעם ניעמאַן-ברעג,
פיר צוריק מיך צו מיין פרילינג,
צו די בלויע יונגט־טעג.

. . . אַלטשטאָט ענגע, געסלאַך קרומע,
גרויער מאַרקישער געדראַנג, —
אין דעם וואָכעדיקן טומל
אַ צעיום־טובטער איך שפּאַן.

שפּאַן אַריין אַ העל־דערפרייטער
אין אַ טונקל-שמאָלן הויף;
הויב מיט טרעפּ זיך מיט געדרייטע
צו אַ צווייטן שטאָק אַרויף.

עפן אויף אַ טיר אַן אַלטע,
אין אַ שטיבל קום אַריין,
ווו די ווענט — איז טיפע שפּאַלטן
און אין פענצטער — ווייניק שיין.

„עבודה" עס טוט דאָ הויזן —
אַ חלוצים־קאָלעקטיוו;
פעסטע יונגען, היציק-ברויזיק,
אָפט — גאָר ערנסט, אָפט — צעשטיפט.

אַ סטאַליאַרישע חבריא,
האַרעפּאַשניקעס — געשמאַק;
מאַכן טישן, בענקלאַך גייע
מיט אַ הובל, מיט אַ האַק.

מאַכן בעטן, מאַכן שאַפעס
מיט אַ דלאַט און מיט אַ זעג;
אַ חבריא, וואָס טוט שאַפן
פאַרן ייִד אַ נייעם וועג.

כ'קום אַהערצו אַפט אַרויפעט
מיט אַן אויפגעהעלטער זעל
פון די גרויע געסלאַך, הויפן,
פון דער גלותדיקער וועלט . . .

ס'איז מיר טייער אַט־די דירה,
מיט דער אָרימקייט דערין;
כ'טו אין אַט־דער שטוב זיך שפּירן
אין חלוצים־קייט — אַ רינג.

כ'בליק אַריין אין יעדן צימער,
אין אַ יעדן ווינקל דאַ;
נויג מיין אויער צו די שטימען;
זיץ אַ שעה אָפּ נאָך אַ שעה.

ס'איז דאָס שטיבל תמיד אָפן
פאַר אַ יעדן חלוץ־יונג:
ווער עס וויל דאַ, לייגט זיך שלאָפן,
זעצט זיך עסן, נעמט אַ טרונק . . .

און אַ טומל שטענדיק שטייט דאָ
פון עבודהניקעס, געסט;
דאָ — אַ קרענצל, דאָרט — אַן עדה, —
האַנט צו האַנט צונויפגעפּרעסט.

פּאַפּיראָסן צווישן ליפּן,
רויך געדיכטער איבער קעפּ;
ווער די ווערטער עס טוט זיפּן,
ווער די ווערטער אייליק שטעפּט . . .

אין אַ ווינקל דאָ אין איינעם
זיצט אַ יאַט פון „עבודה״,
ווייזט אַ מויל מיט בלאַנקע ציינער, —
פירט מיט חברה אַ שיחה.

אין אַ ווינקל אין אַ צווייטן
זיצט אַ חבר פון פּראָווינץ,
פון זיין מויל אַ רויכל דרייט זיך
און אַ שמועס הייס ער שפּינט.

און ביים פענצטער זיצט אַ יונג דאָ,
אַ גיטאַרע אין די הענט,
און געגרימפּלט, און געזונגען, —
אַזש עס טרייסלען זיך די ווענט.

פון צוזאַמענוווינונג דער־אָ
אין אַ געסעלע ניט-ווייט
שטייט אַ ציגל־הויז אַ שווערע —
אַלט, געבויגן אויף אַ זייט.

אַט אין דעם־אַ אַלטן מויער
איז דער קאָאָפּעראַטיוו;
דאָ טוט שאַפֿן, דאָ טוט בּױען
דער חלוצים-קאָלעקטיוו.

ס׳ציט אַהערצו מיך — מסוכן,
כישופדיק אַהער מיך ציט...
כ׳קום צוגייען און שטעל זיך קוקן,
ווי דער קאָלעקטיוו זיך מיט.

ביי מאַשינעס אין אַ ריי דאָ,
איבער לייסט און איבער ברעט,
מיט געצייגן אַלערליי דאָ,
אין אַ פֿריילאַכן געוועט.

מיט די העמד-אַרבל — פֿאַרקאַשערט,
מיט די הענט־מוסקלען — געשפּאַנט,
מיט געזיכטער שווייסיק־נאַסע
און מיט מיילער — פֿול געזאַנג.

יאָטן הובלען, יאָטן זעגן
מיט אַ ניגון, מיט אַ ליד;
און פֿון סטרוזשקעס פֿאַלט אַ רעגן,
פֿון געזעגעכץ שניי זיך שיט...

ווער עס אַרבעט אויף אַ בעט דאָ,
ווער עס אַרבעט אויף אַ טיש;
און פֿון קלעצער און פֿון ברעטער
טראָגט מיט סמאָלע־ריח — פֿריש...

ווער אַ שאָפע מאַכן טוט דאָ,
ווער סע סטראַיעוועט אַ באַנק;
און עס גרילצט דאָ און עס רודערט —
ווו אַ טראָט און ווו אַ שפּאַן.

ווער אַ שופלאָד צאַצקעט אויס דאָ,
ווער — אַ פּיסל צו אַ שטול;
און פון ליאַרעם און געוויש דאָ
קען מען, דאַכט זיך, ווערן דול . . .

נאָר מיך אַרט ניט דער גערודער,
ניט דער שטויב, וואָס רייסט אין האַלז;
ס'איז מיר פריידיק, ס'איז מיר גוט דאָ,
ווי אין אַ צעגרינטן וואַלד . . .

כ'אָטעם איין דעם האַרבן ריח,
וואָס פון יעדן ברעט זיך טראָגט;
כ'פיל דעם וואָרצלדיקן כוח,
וואָס אַיעדער קלאָץ פאַרמאָגט . . .

כ'זע, ווי ס'וואַקסן אויס פון ביימער
שטיקער מעבל אַלערליי
פאַר די מענטשן אין די היימען
אויף אין פריידן נוצן זיי . . .

און איך בליק אַלץ צו די יונגעץ
מיט אַנטציקונג אינעם בליק,
ווי זיי טוען אויפעט וווּנדער, —
שאַפן דאָ בראשיתדיק . . .

און איך קוק אַלץ צו די יאַטן
מיט באַגייסטערונג אין אויג;
און מיין האַרץ צו זיי עס פלאַטערט,
און מיין זעל פאַר זיי זיך בויגט:

אַ סטאַליאַרישע חבריא,
האָרעפּאַשניקעס — געשמאַק;
מאַכן טישן, בענקלאַך נייע
מיט אַ הובל, מיט אַ האַק.

מאַכן בעטן, מאַכן שאַפעס,
מיט אַ דלאָט און מיט אַ זעג;
אַ חבריא, וואָס טוט שאַפן
פאַרן ייד אַ נייעם וועג.

עולים

ווינטער-אָוונט. קלאָר און קאַלט.
גרינע שטערן. ווייסע שנייען.
גייען עולים צום וואָקזאַל,
דורך די קאַוונער גאַסן גייען.

פלאַקערט קרירה, ברענט און בראַט,
הענט און פּנים בראַט זי, בריט זי.
סקריפּען שנייען אונטער טראַט.
איילן מענטשן מיט אַ ציטער.

נאָר די עולים וואַרים איז
(ס׳וואַרימען זיי טרוימען העלע). —
הויבן מונטער זיך די פיס,
אויף די שנייען שטייף זיך שטעלן.

שפּאַנען עולים. יונג־צעבליט.
גלילניקעס. כיבושניקעס.
ניגונט ווינטער אונטער טריט.
זמרט זומער אין די בליקן.

שפּאַנט דאָ נחום, הויך און שלאַנק,
מיט אַ קאַסטן מיט אַ שווערד
און ער זעט זיך אין געדאַנק
שפּאַנען דאָרטן שוין — אין „ארץ״ . . .

שפּאַנט דאָ שלמהקע, קורץ און ברייט,
שוואַרצער שלמהקע, כּיבוש־פּאַסטעך, —
ברויזיקט אין זיין האַרצן פרייד:
ווערט אויך „דאַרטן" רינדער פּאַשען . . .

שפּאַנט דאָ מאָטקע טראַקטאָריסט
מיט אַ רוקזאַק אַ געפּאַקטן —
טרוימט ער: אַך, ווי גוט עס איז
זיצן „דאַרטן" אויף אַ טראַקטאָר . . .

גייט דער „זיידע", אין די הענט —
צוויי וואַליזעס פולע, גראָבע, —
וויל ער „דאַרטן" זיך שוין זען —
תבואה שניידן, בולבעס גראָבן . . .

גייט ציפּורה מעלקערין
אין אַ נייעם לעדער־רעקל —
טראַכט זי: קומט זי אָן „אַהין",
נעמט זי תיכּף זיך צום מעלקן . . .

גייט דניאל דער פּאָעט,
צו די עולים רעדט באַגייסטערט:
דאָ איז איצטער שניי צעבעט,
דאָ איז איצטער קעלט און ווייסקייט;

„דאַרטן" אָבער העלט די זון
און אַ חמימה איז אַ גרויסע,
און צעגראָזיקט איז דער גרונט,
און צעדופטעט איז דער דרויסן . . .

גייען עולים. ריי נאָך ריי.
פעסטע מוידן. שטאַרקע יונגען.
ליטע-שטעטלאַך שיקן זיי —
נייע בויער פאַרן זונלאַנד.

ליטע־שטעטלאַך . . . בירזש און טעלזש.
פרען און זאַסלע און גודלעווע.
שקוד און קעלם און אַבעל.
מערעץ, זשאַגער, קראַקינאַווע — —

ליטע-שטעטלאַך . . . גרויע וואָר.
שטיבלאַך אַלטע. געסלאַך שמאָלע.
טאַטע-מאַמע זיצן דאָרט —
ריכטן אָפּעט וויסטן גלות.

יאָר די קינדער ווילן ניט
בלייבן אינעם גלות גרויען —
שטעלן זיי דאָ פעסטע טריט,
צום וואָקזאַל דאָ מונטער גייען.

קומט מען אָנעט — איז וואָקזאַל
מיט עלעקטרע-ליכט צעפינקלט;
טראָגט אין אים זיך אַ געוואַלד;
איז ער פול שוין ווו אַ ווינקל.

איז אויך פול שוין דער פעראָן,
פול מיט עולים און באַגלייטער;
און עס קומען נייע אָן;
און דער צוג שוין וואַרט אַ גרייטער.

לאָז עולים זיך אַוועק
לעבן צוג דאָ אין אַ הוירא.
טאַנצט דניאל דער פּאָעט.
טאַנצט די מעלקעריין ציפּורה.

טאַנצט דער „זיידע". נחום טאַנצט.
שלמהקע, מאַטקע, עולים אַלע.
ווערט אַלץ ברייטער הוירא-קראַנץ.
טוט געזאַנג אַלץ העכער שאַלן.

ווערט אַלץ גרעסער הוירא-ראָד.
טאַנצן עולים און באַגלייטער.
דרייט זיך, טראָגט זיך קאַראַהאָד.
און דער צוג שוין פאָרן גרייט איז.

טוט דער צוג אַ שאַרפן פייף.
לאָזט מען זיך צו די וואַגאָנעס.
יונגען — אייזן, מוידן — שטייף.
אַנגערויטלט יעדנס פּנים.

זעגנט מען זיך דאָ צולעצט.
הענט און אָרעמס שטרעקן אויס זיך.
טוט דער צוג מיט רויך אַ זעץ
אינעם הויכן בלויען דרויסן . . .

כאַפּט אַריין נאָך ווער אַ קוש.
טוט אַ טיכל נאָך אַ פלאַטער.
— גיט פון אונז „דאָרט" אָפּ אַ גרוס! . . .
— זייט וואָס גיכער עולה, יאַטן! . . .

רייסט דער צוג זיך אַף פון אָרט,
פאָרט אַף לאַנגזאַם מיט די״ עולים
און — אַלץ שנעלער זיך צעפאָרט,
און — אינווייטן ווערט פאַרהוילן.

אינהאַלט

זייט

מיטן חבר אברהם איבערן „ליטווישן גליל" 5
פון קבוצה צו קבוצה 11
דער יאַקינער גדוד 20
לייבעלע יעלין 27
„די צוויקס" און „די הורוויצעס" 37
די דריי שרה׳קעס 47
פון אַ בעטלער — אַ חלוץ 54
חביבה 65
דער שערער 71
„פּאַטאַגראַפּטשיקעס" 77
די זינגערין 88
די טענצערין 97
שושנה 103
„קאַמטשאַטקע" 116
דער „זיידע" 127
דער וואַגלער 132
דער „סקובענט" 139
די פּאַריייניקונג 145
דער שליח 154
דער בית החלוץ 166
„חברה טראַסק" 172
מלכה 184
העסקע „אומגליק" 191
אַ ווינטער־דערמאַנונג 199
כיבוש 213
פרילינג אין כיבוש 218

שלמהקע „ציגיינער'' פּאַשעט די כיבושער טשערעדע . 225
דער שומר 231
טויבן 240
מיר לאַדעוועז היי 249
מאַטקע „טראַקטאָר'' אַקערט די כיבושער ערד . . . 255
חג האסיף 264
עדינה 271
„עבודה'' 283
עולים 289

אַ האַרציקן דאַנק די פאָלגנדיקע פריינט, וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך:

עטל בירבריייער, י. בערמאַן, יצחק גאָלד, רבקה גראָסמאַן, י. דלוסי, אסתר האַלפּערין, פרוי מ. האַלפּערן, א. הירשביין, ה. וואָלאָפּסקי, א. זוסקין, י. טאַרטשין, מ. טראָסמאַן, א. ליווע־ראַנט, ה. לייאַן, י. און פרוי עליאַסאָף, ישראל ענג, ה. פּאָלוק, לייב פּעטראָווסקי, דוד און סאָניע פעלדמאַן, ס. פרידמאַן, ה. קאָהן, איסר קאַגאַן, ש. קאָד, מ. קופּערבערג, ח. מ. קייזערמאַן, ה. קיילעס, יוסף קליין, ע. ראָוז, י. ראָזנפעלד, פרוי ל. ראָסקיעס, ה. שילער, סעם שיף און די חברות פון דעם אוטרעמאָונטער לייען־קרייז.

אַ יישר כוח אויך דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס: מיט דער סובסידיע זיינער האָט ער היפּש מיטגעהאָלפן, דאָס בוך זאָל דערשיינען.

דער מחבר.

פון זעלבן מחבר:

בלויע גנאָד (לידער) — — — — — — — — קאָוונע—1927

גאַנג (לידער און פּאָעמעס) — — — — — — קאָוונע—1929

זעגלען אין זון (לידער) — — — — — — — מאָנטרעאָל—1932

איבערבוי (נאָוועלע) — — — — — — — מאָנטרעאָל—1940

נייע לידער — — — — — — — — — — מאָנטרעאָל—1943

סאָוועטישע שרייבער (עסייען) — — — — מאָנטרעאָל—1945

ליטע מיין היימלאַנד (לידער און פּאָעמעס) מאָנטרעאָל—1945